STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00944

# AZOY LAKH IKH

## Der Lebediker

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Bob & June Safran*
*in honor of*
*Steven Lesser, a real mensche*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org




צייכנונגען פון קארל האופטמאן

Copyright, 1918
by
H. GUTMAN



# עד, אמעריקא

# אויפ'ן פארם.

(א געשפרעך מיט אן עלטערען אידען).

איך האב זיך מיט איהם צושמועסט.

איך: ווי געפעלט אייך די קאונטרי?

ער: א בלאף, ווי אלץ אין אמעריקא. ווי קומט עס צו א היימישע דאטשע אין רוסלאנד!

איך: וואס מיינט איהר מיט דעם ווארט בלאף?

ער: א בלאף ווי א בלאף! א געבלאפטע זאך, און פערטיג.

איך: למשל?

ער: אלעס!

איך: אט למשל: קוואקען דא די הינער, נו, וועט איהר זאגען, אז דאס איז א בלאף?

ער: געוויס איז דאס א בלאף! איהר קענט זיך גלויבען באמונה שלמה, אז דאס קוואקען היהנער, אבער איך בין איבערצייגט, אז דאס קוואקען דעם פארמערס טעכטער!...

מיר געפעלען זיינע השערות, און איך ציה איהם אן ווייטער.

איך: אט הערט איהר די הענער קרעהען, איז דאס אויך א בלאף?

ער: געוויס! מיך נארט מען ניט!... איך וויים אויף זיכער, אז דאס איז דעם פארמער זוהנדעל'ס מלאכה!

איך: אבער אט שפרינגט דאך א פויגעל — קוקט! פונקט ווי אין דער היים!...

ער: נארישקייטען, און אז איהר קוקט איז וואס? איהר וויסט א סך מיט אביסעל!... איך בין זיכער, אז דא שטעקט עדי־

סאַ׳ם קעפּעל!... די פויגעלע שפּרינגט געוויס אויף עלעקטריק... און דער פּאַרמער שטעהט און ציהט עס אויף אַ דרעטעל...

איך (לאַכענדיג): און די בהמה וואָס מעקעט איז אויך עדי־סאַ׳ם אַרבייט?

ער: מעגליך... אָבער זיכערער פון אַלץ איז, אַז דאָס טהוט די געדונגענע פּוילישע שיקסע... איהר זייט אַ גרינער און ווייסט ניט אַמעריקאַ... ווען אונזער פּאַרמער וואָלט געהאַט ריכטיגע בהמות, וואָלט ער דאָך ניט געדאַרפט שיקען קויפען מילך אין שטאָדט!...

איך: און די בוימער?

ער: בלאָף! בלאָף! בלאָף! ס׳איז געקויפטע בוימער... אין אַמעריקאַ קריגט מען פאַר געלד אַלעס...

איך: אַלזאָ, גלויבט איהר ניט אין אַמעריקאַנער קאַונטרים?

ער: ניין! בפרט, ווען זי איז אין אידישע הענד. אַלע אידי־שע פּאַרמערס זיינען בלאָפערס און גאָר!... איין בלאָפער גרעסער פון׳ם צווייטען! מען האָט שוין מיך ניט איינמאָל אָבגענאַרט, איך בין שוין, אַ דאַנק גאָט, ניט דעם ערשטען מאָל אין קאַונטרי, אַלע יאָהר פאָהר איך...

איך: וואָס האָבען זיי אייך אָבגענאַרט?

ער: למשל, איהר לעזט אַן אַדווערטייזמענט פון אַ פאַרם, וואו מען זאָגט אייך צו, אַ טייך צום באָדען זיך... אָבער ווען איהר קומט אויפ׳ן פּלאַץ געפינט איהר אַ ריטשקעלע וואַסער וואָס רינט פון אונטער אַ שטיין, גרויס ווי אַ סענט, ניט גענוג פאַר אַ דאַרער קוה צום אָנטרינקען זיך... אַ הון פון אַ טאָג, קען עס אַריבערבראָ־דזשען און בלייבען מיט טרוקענע פיסלאַך... און מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק בין איך געפאָהרען אין קאַונטרי, וואו מען האָט אַדוועד־טייזט אַ גרויסע הויז מיט אַ פּראַכטפאָלען פאָרטש צום טהיי טרינ־קען...

איך: און וואָס איז געוועזן?

ער: און צום סוף איז געוועזן פערקעהרט: דעם פּראַכטפאָ־לען „פאָרטש" בין איך אייך מוחל... אָבער קיין סמן פון קיין הויז.

איך: איז וואָס האָט איהר געטהאָן?

ער: גארנישט... מיר האבען אלע געמוזט שלאפען אין שטאהל, דרייסיג בארדערס זיינען מיר געווען.

איך: און וואו איז היינגעקומען די הויז?

ער: מיר האבען דאס אויך געפרעגט. האט אויף דערויף דער פארמער געענטפערט, אז די הויז האבען די פליגען פאנאנדער געטראגען...

איך: אזוי גאר?

ער: אזוי האט ער אונז פערזיכערט... און אמאל בין איך געווען אין א קאונטרי, איך פאהר יעדען יאהר. האט מען אונז געגעבען בלויז גלעזערנע אייער.

איך: וואס הייסט, גלעזערנע? ווי קען מען עס עסען?

ער (רוהיג): נו האט מען עס טאקע ניט געגעסען... און אויף די טענות פון די ווייבער ווי איז דאס א קאונטרי אהן אייער? ! — האט דער פארמער קאלטבלוטיג געענטפערט, אז דאס טהוט ער גאר צוליעב אונזער טובה וועגען... ער וויל אונז ניט געבען אייער, ווי אלע פארמערס, פון וועלכע מען קריעגט אפענדיסיטיס אין לינקען זייט... אבער די גלעזערנע אייער קען מען דאך ניט עסען? האבען די בארדערס געוואלדעוועט. — דערפאר אבער זיינען זיי אונשעדליך! — האט דער פארמער גע׳טענה׳עט.

היינט געה טענה זיך אוים מיט אזא ליגנער!

איך: ס׳איז אינטערעסאנט.

ער: און ווידער אמאל בין איך געווען אויף א אידישען פארם, וואו, מען האט אלע טאג דערלאנגט צום טיש צוויי לעבעדיגע טשיקענס און מען האט זיי גלייך צוגענומען צוריק.

איך: וואס איז דאס פאר א וויץ?

ער: דאסזעלבע האבען מיר אויך געפרעגט. האט אונז דער פארמער, געווען א געלער אידעל, א גאט׳ס גנב, אזוי געענטפערט: אויף מארגען ווילט איהר עסען טשיקען? — יעס! — האבען מיר אלע געענטפערט אין איין קול. — נו, טא האט זשע שכל און פערשטעהט: איך האב אדווערטייזט אייך צו געבען לעבעדיגע טשיקען יעדען טאג... האלט איך ווארט! אזוי ווי האבען האב איך ניט

מעהר ווי צוויי לעבעדיגע טשיקענס, קען איך זיך ניט ערלויבען זיי אוועק צו קוילענען!

און אזוי האט ער דערלאנגט יעדען טאג אויף צוויי טעלער די צוויי לעבעדיגע טשיקענס און זיי צוגענומען צוריק — אמעריטש־קע בלאף!

איך: אונערהערט!

ער: ווארט אוים א ווייליטשקע, וועט איהר הערען נאך א שעהנע זאך: אמאל בין איך געוועז אויף א פארם וואו מען האט ניט געגעבען קיין מילך — טאקע קיין טראפען ניט! ווען איינער האט געבעטען מילך, האט איהם דער פארמער, א איד מיט א בערדיל ווי „א קמץ" און מיט הויזען ווי אייער טשאלי טשאפ־לין, אנגענומען ביים האנד און געשלעפט צו דער קוה.

איך: איז דאך גוט!...

ער: איז אבער די קוה געווען בייז ווי א קאזאק. און אפשר איז דאס גאר געווען א בוהאי... ס'איז דאך אמעריקא! איז ווי דער בארדער פלעגט גאר צוגעהען נאהענט, פלעגט זי איהם גלייך וועלען ארויפכאפען אויף די הערנער...

און אויף די געשרייען: ווי סטייטש? ווי איז דאס א קאונטרי אהן מילך! — האט דער פארמער פאר אונז געהאלטען א גאנצען ספיטש.

אידען און אידענעס! — האט ער געספיטשט — וואס ווילט איהר פון מיין לעבען האבען! אין מיין אדווערטייזמענט אין די פייפערס האב איך בפירוש געשריעבען: מילך דירעקט פון דער קוה! פיהר איך אייך צו דער קוה, אז די קוה וויל אייך ניט צולאז־זען, איז וואס בין איך שולדיג? מסתם, האט זי געגען אייך עפעס פערזענליכעס... למאי לאזט זי מיך צו און למאי לאזט זי צו מיין ווייב און מיינע טעכטער און דעם פוילישען גוי?...

ס'איז אמעריטשקע בלאף און דאטס־אלל!

איך: מיסטער! אויב איהר ווייסט, אז אלעס איז א בלאף טא צו וואס פאהרט איהר אין די קאונטרי?

ער: אלע פאהרען, פאהר איך אויך... מיין זוהן איז ניט קיין ארימאן, מען קען זאגען, ער איז א שטיקעל נגיד, האט אן אייגע־

נעם שאפ פון הויזען, און זעהר א געטרייער זוהן. זאגט ער צו מיר: טאטע, פאהר אין די קאונטרי! רוה זיך אוים אביסעל! — פאהר איך, כאטש אין אמת'ן, ווייס איך, אז דאס איז קיין קאונטרי ניט. אז דאס איז א בלאף און ניט מעהר, און אז רוהען קען מען דא אודאי ניט, ס'איז, הערט, אמעריטשקע מיט איהרע בלאפס און דאטס־אלל!

# מיין לאַנדסמאַן אויפ'ן ליידיגען פעלד.

איינמאָל געה איך מיר אַזוי פערביי אַ ליידיג פעלד ערגעץ אין בראָנקס.

ערשט איך זעה מיינעם אַ לאַנדסמאַן, זיצענדיג אויף אַ צו־בראָכען קעסטיל.

הויב איך זיך אָן וואונדערען: ווי קומט ער אהער אין מיטען טאָג, אויף אַ ליידיג פעלד?

געה איך צו איהם צו און זאָג:

— האַללאָ, יאָסעל!

— האַללאָ, חיים!

— וואָס טהוסטו דאָ?

— זעהסט דאָך!

— דו ביזט געוואָרען אַ שומר פון אַ ליידיגען פעלד?

— ניין!

— אַ „בילדער" פון הייזער?

— ניין!

— האָסט דאָ אַ ראַנדעוויו מיט דיין געליעבטער?

— אויך ניט!

— וואָס־זשע?

ער האָט מיר געמאַכט פּלאַץ אויפ'ן ברעג קעסטיל, און דערצעהלט:

— ווי דו ווייסט, האָב איך מיט אַ האַלב יאָהר צוריק געזאָלט חתונה האָבען, נאָר מיר האָבען נאָך ניט חתונה געהאַט. פאַרוואָס, פרעגסטו? דו ביזט נאָך אַ בחור, און דו ווייסט ניט. דו מיינסט

אודאי, אַז חתונה האָבען איז אַ קונץ? דער עיקר קונץ, מיין פריינד, איז קריגען צימערן.

— וואָס רעדסטו! וועניג צימערן זיינען דאָ אין אמעריקא!

— אַט דאָס וואָס דו הערסט!... איך האָב אויך אַזוי געמיינט, ביז איך האָב ניט גענומען זוכען.

— וואָס הייסט? טאַקע פשוט ניטאָ?

— ניטאָ! — האָט מיין לאַנדסמאַן ארויסגעזאָגט מיט אַ קרעכץ — מען קען ניט זאָגען, אַז ס'איז גאָר ניטאָ... רומס זיינען גראָדע דאָ פיעל, אָבער אַלץ אַזעלכע, וועלכע טויגען ניט פאַר דיר...

— מיין כלה, למשל, — האָט מיין לאַנדסמאַן ווייטער דערצעהלט — וויל נאָר ד ר י י רומס, מיט אַלע „אימפּרואוומענטס," מיט סטים היעט, עלעקטריק, אויפ'ן ערשטען פלאָר, אין אַ ריינער גאָס און ניט אַזוי טהייער, אַז מען זאָל זיי קענען נעהמען ניט פערזעצענדיג זיך אין פּאָון-שאָפּ!

— טאָ נעהם פיער רומס! — האָב איך איהם געראַטען.

— מיין כלה וויל אָבער נאָר דריי און ניט קיין א נ ד ע ר ע... נו, און אַזעלכע רומס קען מען ניט געפינען... ס'זיינען דאָ פיער, פינף, זעקס, זיבען און ניין רומס, אָבער ניט קיין דריי... און געפינסט שוין דריי, איז דאָס אָהן סטיעם היט, אויף אַ טאָפּ פלאָר, אין אַ שמוציג גאָס... און די רומקעס זיינען קליין ווי טשאָקאָלאַד-קעסטעלאך.

— מיט איין וואָרט — האָט מיין פריינד פאָרטגעזעצט — איך מיט מיין כלה זיינען אויסגעגאַנגען אוואו די וועלט האָט אַן עק און ס'איז ניטאָ...

— טאַקע פשוט ניטאָ? — האָב איך איהם געפרעגט.

— עס זיינען אפשר ערגעץ יאָ דאָ ד ר י י רומס אַזעלכע, ווי מיין כלה וויל, אָבער זיי זיינען שוין אויסגעכאַפּטע... האָבען מיר שוין געזוכט אין „אַפּאַרטמענטס", וואָס האַלטען זיך נאָך אין בויען, ערשט דאָרטען איז שוין אויך פערכאַפּט... אַזוי איז שוין דער מנהג דאָ...

— אַלזאָ, וואָס איז ביי אייך געבליבען? — וויל איך שוין וויסען דעם סוף.

— גארנישט... — האט ער געענטפערט מיט א קרעכץ — פון מיינטוועגן, וואלט איך שוין אריינגעמופט וואו ניט איז, כאטש צום טייפעל אויף די הערנער... א קלייניגקייט, מיינע צוויי פיס זיינען מיר טהייערער ווי די ד ר י י רומס, אבער מיין כלה וויל ניט.

— בכן? — פרעג איך — וואס־זשע טהוסטו דא, יאסעל?

— בכן — זאגט ער — הער ווייטער: אזוי ווי מיין כלה וויל ניט געהן צו דער חופה אהן די ריכטיגע רומס מיט „אימפּ־רואוומענטס“, איז דאך מיר געווארען שלעכט און ביטער, דערצעהל איך עם איינמאל מיינעם א פריינדעל, א יונגערמאן, ערשט א יאהר נאך דער חתונה, און פרעג איהם „אן עצה“. רופט ער זיך אן צו מיר: ליעבער פריינד! די מעשה איז אזוי: נייע רומס אין אפּארטמענט הייזער און נאך דריי רומס מיט אלע אימפּרואוומענטס איז אונמעגליך צו קריגען... על כן, זאגט ער, טהו אזוי ווי איך האב געטהאן: געה אוועק אין א סטריט און ווען דו וועסט דערזעהן א לעדיג פלאץ, דארפסטו פערשטעהן, אז דא געהט מען באלד בויען א הויז מיט די לעצטע אימפּרואוומענטס, טא כאפּ און זעץ זיך אנידער אויפ׳ן פלאץ און ווארט ביז דער „בילדער“ וועט קו־מען מיט די בעלי־מלאכות, און דו וועסט גלייך רענטען די רומס...

— א מאדנער פלאן! — רוף איך זיך אן — אלזא, ווי לאנג זיצסטו שוין דא?

— איך זיץ שוין דא א קימא לן איבער צוויי מאנאטען... איך האב געדונגען אנטקעגענאיבער א צימער און שלאף דארטען— און... פון דער פריה ביז נאכט זיץ איך און היט דעם לעדיגען פעלד.

— און ווען, דענקסטו, וועט מען זיך דא נעהמען צו בויען די הויז? — פרעג איך.

— ווער ווייס? — האט ער געקרעכצט — דער גראסערימאן פון י ע נ ע ם ראג זאגט, אז אין דריי מאנאטען; דער בוטשער פון ד ע ם ראג פערזיכערט, אז באלד... וואס הייסט „באלד,“ פרעג איך דעם בוטשער. באלד, זאגט ער, הייסט ביי מיר, נאך דער מלחמה...

איך האָב אויך אַ קרעכץ געטהאָן.

— יאָ, און איך האָב דיר פּערגעסען דערצעהלען — האָט גע־זאָגט מיין לאַנדסמאַן — איך בין שוין דאָ ניט קיין עלענדער אויך. נעכטען איז דאָ געקומען אַ יונגערמאַן און אויך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קעסטעל... מסתמא אויך אַזאַ קלוגער ווי איך...

— ביז ענדע וואָך, דענק איך, וועסטו שוין דאָ האָבען אַ מנין! — רוף איך זיך אָן.

— איך דענק אויך אַזוי.

— און וואָס טהוט דערווייל דיין כלה? — האָב איך גע־פרעגט.

— מיין כלה? — האָט מיין לאַנדסמאַן געקרעכצט — זי זיצט גאַנצע טעג אין מוּאווינג־פּיקטשורס און געהט צו דער נייה־טאָרען.

— גוד־באַי! — האָב איך זיך מיט איהם אָבגעזעגענט — זאָל דיר גאָט העלפען, יאָסעל, די הויז זאָל זיך אָנפאַנגען „בילדען" נאָך פאַר אונזער לעבען, און דו זאָלסט קענען חתונה האָבען ווי אַלע אידען.

— דענק־יו — האָט ער געקרעכצט צוזאַמען מיט דער קעס־טעל — אָמן, הלואי, רבונו של עולם!

# ערב פסח'דיגע לאנדסלייט.

דאס האט פאסירט תיכף נאך מיין חתונה. איך בין נאך דאן געווען גרין, ערשט פון אונטער דער חופה ארונטער, און בין געווען א גאנצער מחותן מיט לאנדסלייט. ווי איך פלעג נאר בעגעגענען א לאנדסמאן, פלעג איך איהם געבען מיין אדרעס. איך האב דאך ניט געוואוסט, אז מען דארף זיך היטען פון לאנדסלייט ווי פון א פער־קיהלונג אין פריהלינג.

איינמאל אבענד, פונקט א וואך פאר פסח, רופט זיך צו מיר אן מיין זעהר יונג ווייבעל:

— וואס וועט זיין מיט מצות?

זאג איך:

— א זארג האסטו מיט מצות? איך וועל בעגעגענען משה זלמן חאיאטעס, וועט ער אונז שוין בעזארגען מיט מצות.

— ווער איז משה זלמן חאיאטעס?

— א לאנדסמאן, א איד אן ארימאן, א פעדלער, זעהר א וואוילער איד!

ווי מיר זיצען אזוי און רעדען, איך און מיין ווייבעל, ערשט, מען קלאפט אין טיהר.

— קאם־אין!

עס עפענט זיך די טיהר און עס קומט אריין בעריל משה זלא־טעס א לאנדסמאן, און ער גיט אונז אפ א ברייטען גוט־אבענד און שיסט גלייך ארויס:

מר. חיים'קע! איך האב אייך געבראכט מצות! וואס מאכט

איהר עפעס? ווי געהט עס ביזנעס? וואס הערט מען עפעס פון דער היים?

מילא, קלעהר איך: א לאנדסמאן איז ער דאך, אן ארימאן א איד אודאי, און מצות האט ער שוין געבראכט, טא זאל שוין זיין! וועל איך זעהן משה זלמן חאיאטעס און איהם גאר ניט זאגען.

קלעהר איך זיך אזוי. נעהם ביי איהם צו די מצות, בעצאהל איהם, און ער געהט אוועק.

ווען ער איז אוועק, רוף איך זיך אן צו מיין ווייבעל: — און אבי דו האסט זיך געזארגט וועגען מצות, אט האבען מיר שוין 10 פונט מצות!

איך האב נאך ניט אוספעיעט ענדיגען די ווערטער, ערשט מען קלאפט שוין ווידער אין טהיר.

— קאם־אין!

איך עפען אויף, ערשט עס קומט אריין יאסעל־דוד־חנה־ציר־רעלס. א לאנדסמאן, וואס איז דא אין אמעריקא א וואטשמאן אין א שאפ. אין דער היים האט ער געהאלטען די פאסט. דערלאנג איך איהם א ברייטען שלום־עליכם, שטעל איהם פאר מיין ווייבעל און בעט איהם זיצען, און וויל שוין דערלאנגען כיבוד.

רופט ער זיך אן:

— מר. חיים'קע! איך וועל אייך זאגען דעם אמת. איך בין צו אייך געקומען ניט פאר „פלעזשור“, נאר פאר ביזנעס... איהר ווייסט, ס'איז פאר פסח, בין איך געווארען א פעדלער מיט מצה. דערביי עפענט ער די טיהר און נעהמט אריין פון האל עטליכע פעקלאך און זאגט:

— דא האט איהר דריי פעקלאך מצה, צו 5 פונט יעדעס. זעהר גוטע מצה, און אט האט איהר 5 פונט מצה־מעהל.

גיב איך זיך א טראכט: א לאנדסמאן איז ער, אן ארימאן אויך א גרויסער! די סחורה האט ער שוין געבראכט, קאר־פעיר קאסט איהם. מילא, דארף מען צונעהמען! נעהם איך און בעצאהל איהם און ער געהט אוועק.

— האָבען מיר שוין 25 פונט מצה! — רוף איך זיך אָן צו מיין ווייבעל.

— ווער וועט עס קענען אזוי פיעל אויפעסען! — קרימט זי זיך.

— וועסטו מאכען מצה־מעהל! — טרויסט איך איהר.

ווי מיר רעדען אזוי, ערשט, מען קלאפט אין טיהר.

— קאם־אין!

עס עפענט זיך די טיהר און עס שטעקט זיך אריין א קאפ.

— האללא! משה זלמן האיאטעם? קומט אריין!

אָבער משה זלמן וויל ניט אריין און ער שיט אוים מיט פאל־גענדען מאַנאַלאָג:

— פריינד, חיים'קע! איך בין זעהר ביזי. איך האָב דיר גע־בראכט 10 פונט מצה. ווייז האסטו שוין? זעה, איך האָב דיך אין זינען! גוד־ביי, איך מוז לויפען! געלד וועסטו מיר שוין געבען שפעטער.

איך האָב איהם עפעס געוואָלט זאָגען, נאָר ער וואַרט ניט, וואַרפט אריין צוויי פעקלאך מצה און ואינגו. ער איז שוין פון יע־נער זייט טיהר.

— האָבען מיר שוין, מיין זים לעבען, 35 פונט מצה, — רוף איך זיך אָן צו מיין יונג ווייבעל.

— גוואלד, וואָס וועלען מיר טהאָן מיט אזוי פיעל מצה?!

איך האָב איהר געוואָלט צואווארפען איינעם פון מיינע אונ־שטערבליכע וויצען, נאָר עס האָט זיך דערהערט א קלאפ אין טיהר, און איידער מיר האָבען אוספעיעט צו זאָגען: „קאם־אין", האָט זיך אין הויז אריינגעריסען א איד און מיר דערלאנגט א ברייטען שלום־עליכם.

— איהנען דערקאנט מיך גאָר ניכט?

איך האָב געקוקט און געקוקט און זיך ניט געקענט דער־מאָנען.

— איהנען האָט א שלעכטען זכרון — האָט ער זיך אָנגערו־פען. — איך זינד דאָך ישראל בער, דער פעדלער מיט ווינגרישנע בילעטען, איהנען האָט דאָך ביי מיר אמאל געקויפט א בילעט!

איך האָב זיך דערמאָנט. דאָס איז טאַקע ישראל־בער, וואָס רעדט דייטש אין אַמעריקאַ.

— אהא! איהנען האָט מיך שוין דערקאַנט! — האָט ער זיך דערפרעהט — און ווייסט איהר, וואָס איך טהו ביי איהנען? איך האָב איהנען געבראַכט מצות! איך זאָג איהנען, דאָס די מצות זענען „פּעווי סאָרט" מצות! אַזעלכע מצות קאָנען איהנען נאָר געפינען ביי מיר! איהנען האבען שוין פּלענטי מצות? — גאָר ניכט! איהנען וועלען מיינע אויך ניט אַרויסוואַרפען. איך לאָז דאָ איבער פאַר איהנען 15 פונט מצה!

איך האָב בעמערקט, ווי מיין ווייבעל האָלט אין פאַלען חלשות פון זיין דייטש, האָב איך זיך צוגעאײלט, איהם בעצאָהלט און ער איז אַוועק.

— אוי, מיר איז ניט גוט! — האָט מיין ווייבעל פערוואַרפען מיט'ן קאָפּ.

איך האָב געכאַפּט זי מינטערען. זי האָט קוים געעפענט די אויגען, ערשט מען קלאַפּט שוין ווידער.

— ווער איז? — רוף איך שוין אוים אַביסעל צאָרענדיג.

— איך! — הערט זיך אַ הייזעריגע שטימע.

איך עפען די טהיר, ערשט עס קומט אַריין אַ איד מיט אַ באָרד, וואָס האָט ניט געזעהען קיין קאַם ווער ווייס ווי לאַנג, און רופט אוים:

— איהר דערקענט מיך ניט? איך בין דאָך ברוך אשר גיטעלס, אייער רבי!

— שלום־עליכם! דאָס זייט איהר מיין רבי? זיצט און וואָס מאכט איהר? ווי געהט עס אייך אין אַמעריקאַ? האָט איהר מיר געבראַכט מצות? — וויל איך איהם אויפנעהמען זעהר פריינדליך.

— פונקט ווי געטראָפען! — האָט ער אויסגערופען — פערשטעהסטו, חיים'קע, פון מלמדות אַליין קען מען אין אַמעריקאַ ניט מאַכען קיין לעבען. איך האָב דיר געבראַכט מצה שמורה 10 פונט. מיט קיין אַנדערע פעדעל איך ניט!

וואָס, פרעגט איהר, האָב איך געזאָלט טהאָן? מיין רבי, זאָל

איך ביי איהם ניט נעהמען קיין מצה? האב איך איהם בעצאהלט און ער איז אוועק.

ווען ער איז אוועק, בין איך מיט מיין ווייבעל געבליבען זי־צען, ווי אבלים. די הויז איז געווען פול מיט מצה.

— נומיר אויסדרעהען די געז און זיך לעגען שלאפען! — האט מיין ווייבעל זיך אנגערופען. — איך האב מורא דיינע לאנדס־לייט זאלען אונז ניט דערטרינקען אין מצות!

זי האט ניט אוספעיעט צו ענדיגען, ערשט מען קלאפט שוין ווידער.

— חיים, עפען ניט! — שעפטשעט צו מיר מיין ווייבעל.

נאר עפען ניט אהער און עפען ניט אהין. די טיהר האט זיך שוין געעפענט און א יונגערמאן אין בלויע ברילען האט אריינגע־ווארפען צוויי פעקלאך מצה און איז אנטלאפען. איך האב קוים אוספעיעט צו כאפען, אז דאס איז פון זעליגען דעם לאנדסמאן.

— ווער איז זעליג דער לאנדסמאן? — האט מיין ווייבעל גע־פרעגט.

— זאל איך אזוי וויסען פון בעז! — האב איך געענטפערט מיט כעס.

בקיצור. איך וועל אייך לאנג ניט האלטען. מיר האבען אויס־געדרעהט די געז און זיך געלעגט שלאפען, ערשט מען קלאפט שוין ווידער. מיר האבען ניט געענטפערט, נאר יענער האט אלץ געקלאפט.

— ווער איז? — האב איך אויסגערופען שוין מיט כעס.

— א לאנדסמאן!

— וואס דארפט איהר?

— איך האב אייך געבראכט מצה!

— איהר זאלט שוין אוועק — ווען ניט, צופלעט איך אייך דעם קאפ!

און איך וויים ניט, ווי אזוי, נאר מיין האנד האט געכאפט א שטוהל און איך בין געווען גרייט צו שלאגען זיך ביז בלוט.

דער לאנדסמאן האט זיך הפנים דערשראקען, ווייל איך האב דערהערט, ווי ער האט זיך געקייקעלט פון אלע טרעפען.

וואס איז געווען ווייטער? תיכף נאך פסח האב איך געמופט.

## וואָס טהוט ניט אַ איד צוליעב אַ ווייב.

איהר פרעגט מיך, וואָס רויכער איך אַזוי פיעל אין דער צייט ווען איך הוסט אַזוי שרעקליך?

קבע, קבע!... הערט אַ מעשה: ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב איך ביז מיין חתונה ניט גערויכערט.

טאַקע לחלוטין ניט. טאַקע גאָר, גאָר ניט...

ס'איז אייך טשיקאַווע, האַ? איך האָב קיינמאָל ניט גערויכערט... און מיין טאַטע האָט קיינמאָל ניט גערויכערט... און מיינע ברידער רויכערען נאָך איצט אויך ניט. און מיין אָנקעל יאָסעל־בער דער וואַלד־הענדלער רויכערט אויך ניט...

ס'איז ביי אונז שוין אַ משפחה אַזאַ...

און ווען איך האָב חתונה מיט אַ'ן אנדער פרוי און ניט מיט מיין פלאָרא'ן, וואָלט איך אויך זיכער קיינמאָל קיין רויך ניט פערזוכט...

חכע קבע!... איהר קוקט מיך אָן און וואונדערט זיך, ווי הייסט רויכערען גאָר צוליעב אַ ווייב?

ס'איז דאָך אונגעוועהנליך. ניט על פי דרך הטבע. אומעדום איז דאָך פערקעהרט: אַ פרוי סטאַרעט זיך דאָך מיט אַלע מיטלען אָפּגעוועהנען אַ מאַן פון רויכערען?...

קבע! קבע!... אָבער ניט אַלע פרויען זיינען הפּנים גלייך, אַלענפאַלס ניט מיין פלאָרא... און איך בעשולדיג איהר אויך גאָר ניט... אין דערין שטעקט גאָר אַ'ן אנדער זאַך...

הערט אַ מעשה: דאָס האָט פּאַסירט פינף וואָכען נאָך דער חתונה.

איהר ווייסט דאָך, ווען אַלץ איז נאָך ניי, די העמד און די ווייב.

אין יענער צייט, ווען דו וואָלסט פאַר א ווייב געטהאָן אַלץ אין דער וועלט, ווען דו וואָלסט אפילו מיט איהר געפאָהרען צעהן מאָל א טאָג ארויף און אראָפּ אויפ'ן סטיפּעל־טשיים אין קוני־איי־לאַנד.

רופט זיך אָן איינמאָל צו מיר מיין פרוי:

— זאָג מיר, מעקס, ווארום רויכערסטו ניט?

— ווארום? — ענטפער איך איהר מיט א קוש, — ווייל איך רויכער ניט... ווייל איך האָב זיך, ליובע, ניט צוגעוואוינט, ווייל מיין טאַטע האָט ניט גערויכערט און מיינע ברידער רויכערען ניט, און אפילו מיין אָנקעל יאָסעל־בער דער וואַלד־הענדלער רויכערט אויך ניט. ס'איז ביי אונז א משפחה אזאַ...

— וואָס אַרט מיר פאַר דיין משפחה? א י ך וויל דו זאָלסט אנהויבען רויכערען! — ענטפערט זי מיר.

— וואָס פאַלט דיר איין, ליובאַ מיין! — רוף איך זיך אָב — צו וואָס לוינט זיך עס. און ס'איז דאָך אומגעזונד אויך!...

— דאַרפסט — זאָגט זי — ניט פיעל... נאָר אזוי איין סיגאַר א טאָג.

— און וואָס וועט דיר דערפון אַרויסקומען? — וויל איך וויסען.

— ס'וועט שוין גאָר אַרויסקומען — ענטפערט זי מיר דיפּ־לאָמאַטיש און גלעט מיך איבער'ן קאָפּ.

— וואָס, צום ביישפּיעל? — וויל איך זיך דערגרונטעווען.

— האָב אביסעל געדולד, — זאָגט זי — און איך וועל דיר אַלץ קלאָר מאַכען: ערשטענס איז גלאַט שעהנער פאַר א מאַן צו רויכערען... עפּעס יו נאָו... מען קוקט אוים מענערישער... א מאַן דאַרף רויכערען!... און צווייטענס, איז ווען מען רויכערט קריגט מען אזעלכע שעהנע פּרעזענטען, פאַר די קופּאָנעס... און צוליעב דעם אליין איז ווערט צו רויכערען...

— דו וואָלסט אָנקוקען — איז זי אריינגעפאַלען אין התפּעלות — וואָס פאַר א פּרעזענטען אונזער נעקסט־דאָריגע האָט! און אַלץ פון די קופּאָנס פאַר סיגאַרען! גאַנצע סעטס מיט לעפעל און גאָפּעל, און לימאָנייד־סעטס און שפּיגעלאָך און קישע־

לאך און שטיקער ק א ט ־ ג ל א ז... דו וואלסט אנקוקען דעם קאט־גלאז! אמת, דו וועסט בלויז רויכערען א סיגאר א טאג, אבער אין א יאהר צייט וועט עס זיך אנקלייבען א היבש ביסעל קופאנס און איך וועל דערפאר אויך האבען שעהנע פרעזענטען! היינט פערשטעהסטו שוין פאר וואס איך וויל דו זאלסט רויכערען?

— אלל־רייט, פלארא, — ענטפער איך — איך וועל דיך פאלגען... נאך היינט געה איך קויפען א סיגאר.

קבע קבע!... און אין הארצען קלעהר איך, מילא, וואס טהוט ניט א איד צוליעב א ווייב! בפרט א פינף וואכען נאך דער חתונה...

אויף מארגען רופט זיך אן צו מיר מיין פלארא:

— דו ווייסט, מעקס! איך האב דיר געקויפט גאנצע צוויי באקסעס מיט סיגארען. אט וועסטו ניט דארפען לויפען יעדען מאל נאך א סיגאר!

— איך דאנק דיר זעהר, — ענטפער איך. — ביי מיר איז נאך דא דער נעכטיגער סיגאר... ס'קומט מיר אן זעהר שווער צו רויכערען. איך פערהוסט זיך תיכף, און ווי מיר דוכט, וועט עס מיר שאדען צום געזונד...

— דאס רעדסטו זיך נאר איין, אז דו קענסט ניט!... — ענטפערט מיר פלארא — ווארום שאדט עס ניט דעם נעקסט־דאריגען? ער איז געזונט ווי א פאליסמאן... און ווארום שאדט עס ניט אונזער קאזין סעם'ען, און אונזער לאנדסמאן דייוו'ען, אונזער אונטערפיהרער, ער איז דאך ניט געזינטער פאר דיר?

— זיי זיינען שוין געוואוינט דערצו — פרוף איך זיך פערטהיידיגען.

— נו, וועסט זיך אויך צוגעוואוינען — ערקלעהרט זי מיר.

און אזוי רעדענדיג, זעצט זי זיך ביי מיר אויף די קניע, איהר ווייסט דאך, ווי א יונג ווייבעל קען, נעהמט ארויס א סיגאר, צינדט איהם אן און שטופט מיר אריין אין מויל...

— נא, רויכער, מיין טהייערער! ניש־קשה, עס וועט דיר גאר ניט שאטען. אוי, וואלסטו געזעהן, האט היינט מיר די נעקסט־דאריגע געצייגט א בייעם שטיק קאט־גלאז, וואס זי האט געקראגען

אלס פרעזענט פון סיגאר־סטאָר!

קכע, קכע... א ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב געראויכערט און געהוסט, געהוסט און געראויכערט. וואָס טהוט ניט א איד צו־ליעב א ווייב, בפרט די ערשטע עטליכע וואָכען נאָך דער חתונה!...

בקיצור, קכע, קכע!... ס'זיינען פערלאָפען עטליכע מאָנאַטען און איך בין שוין געווען א גאַנץ היבשער רויכערער. מיין ווייב פלעגט ברענגען באָקסעס מיט סיגארען און איך פלעג רויכערען און הוסטען, הוסטען און רויכערען...

איך האָב שוין דאן געהאַלטען ביי צעהן סיגארען א טאָג.

מיין פלאָרא האָט פשוט פון מיר אַנגעקוואָלען...

אין א צייט ארום בין איך קראַנק געוואָרען... מיין הוסט האָט זיך פיין ארויפגעארבייט.

בין איך ארויף צו א דאָקטאָר.

רופט זיך אָן צו מיר דער דאָקטאָר: מיסטער! איהר מוזט אויפגעבען רויכערען! ווייל ווען ניט, וועט איהר קריגען „א טאָטש"...

נאָר ווער האָט שוין געקענט דאן פאָלגען דעם דאָקטאָר. איך בין שוין געווען א ליידענשאַפטליכער רויכערער.

קכע! קכע!... אַט אַזוי, ווי איהר קוקט מיך אָן, רויכער איך שוין אן ערך א יאָהר צעהן... איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט צום הוסט און צו דעם וואָס די דאָקטוירים זאָגען, אַז איך האָב „א טאָטש"...

אָבער דערפאַר ווען איהר קומט צו אונז אריין אין הויז, וואָלט איהר אָנגעקוקט פרעזענטען!

מיר האָבען שוין איצט אי קישעלאַך, אי לעמפעל, אי גאָפעל, און דער הויפט — שטיקער קאָט־גלאָז... מיין פלאָרא זאָגט, אַז מיר האָבען שוין לאַנג געביעט אונזער נעקסט־דאָריגע!

קכע! קכע!... אין אָבענד, אָדער בייטאָג ווען איך אַרבייט ניט, ליעג איך מיר ווי א פריץ ביי זיך אויפ'ן לאָנדזש, דער קאָפּ אויף צוויי פרעזענטען־קישעלאַך און איך רויכער און הוסט, הוסט און רויכער...

וואָס טהוט ניט א איד צוליעב א ווייב? קכע! קכע!

## שוין איינמאָל אַן אתרוג.

(דערצעהלט פון אַ לאַנדספּרוי).

איהר פרעגט מיך צו איך בענש אתרוג? אודאי וואָלט איך געוואָלט בענשען אתרוג, ווי אין דער היים, וואָס, איך בין דען קיין אידישע טאָכטער ניט? נאָר די פראַגע איז: מיט וואָס בענשט מען?

הערט אַ געשיכטע! ס'איז געווען פאַר דריי יאָהרען סכות, איך בין דאן געווען ערשט אַ האלב יאָהר אין לאַנד. אַ גרינע נאָך. מיין מאן איז געקומען אהער מיט עטליכע יאָהר פריהער. געוועהנ־ליך, ווייסט איהר דאָך, אז מען איז ערשט פון שיף איז מען פרום. מען וויל היטען אידישקייט! קומט סכות רוף איך זיך אַן צו מיין מאן: „פּנחס־אליו! וואָס וועט זיין מיט אַן אתרוג?" צולאַכט ער זיך... אין אמעריקא, זאָגט ער, שילט מען קאָלומבוס'ן, אָבער מען בענשט ניט קיין אתרוג.

זאָג איך: וואָס הייסט, מען בענשט ניט? איז מען דען דאָ גוים?

זאָגט ער: ווער האָט עס דאָ צייט זיך אָפּצוגעבען מיט אתרוגים! מען דאַרף, זאָגט ער, לויפען אין שאָפּ און מאכען אַ לעבען!

זאָג איך: מילא, מיט דיר איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען, דו ביזט דאָך נאָך אַ גוי פון דער היים! — אָבער א י ך וויל בענ־שען אתרוג!

זאָגט ער: בענש פון מיינעטוועגען, וויפיעל דו ווילסט, אפילו אַ גאַנצען טאָג!

בין איך אוועק פון שוהל, טאַקע פון אונזערע לאַנדסלייט און

געפרעגט פאר דעם שמש ירחמיאל משה דער מלמד, איהר דארפט איהם קענען, ער האט געוואוינט אויפ'ן שוהל-הויף. א פיינער איד, אן עהרליכער. דערזעהענדיג דעם שמש, רוף איך זיך אן צו איהם: רב ירחמיאל משה! איך וויל איהר זאלט מיר ברענגען דעם אתרוג אין הויז! וויפיעל דארף עס קאסטען?

זאגט ער: אלל-רייט! דאס וועט אייך קאסטען גלייך מיט אלעמען, ניט מעהר און ניט וועניגער — 10 סענט א טאג!

זאג איך: אלל-רייט, ברענגט! איך וויל זיך מיט אייך ניט דינגען!

כך הוה. א גאנצען סכות, ירחמיאל משה ברענגט דעם אתרוג און איך בענש. אמת, ער ברענגט אביסעל צו שפעט און מיר פאלט ארוים דאס הארץ פון הונגער, אבער ער ברענגט... אמת, מיר איז ניט שטארק געפעלען געווארען, וואס ווען ער פלעגט שוין ברענגען, פלעגט ער זיך איילען אזוי ווי אויף א יריד, ער פלעגט דעם אתרוג ניט לאזען גוט אין האנט נעהמען, און גלייך אויפ'ן ארט די 10 סענט זאל איך איהם געבען, אזוי ווי איך וואלט גאט בעהיט געוועז אן אנזעצעריו פון דער היים, — אבער אזוי צו אזוי, געבענשט האב איך דאך!

אבער איין מאל, הערט א מעשה: ס'איז געווען אויפ'ן זעקס-טען טאג סכות. ירחמיאל-משה האט געבראכט דעם אתרוג, איך האב אפגעבענשט, דערלאנגט די 10 סענט און זיך גענומען פארען אין קיך. אבער דעם מאל איז ירחמיאל משה ניט אנטלאפען אזוי שנעל, נאר ער האט דעם אתרוג אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל אויפ'ן ביורא, און איז, ענטשולדיגט, אריין, איהר ווייסט דאך וואו-הין...

האב איך א באי, אין גאנצען 10 יאהר אלט, לאנג לעבען זאל ער מיר, אבער א ברען, און קלוג ווי די גאנצע וועלט. דערטאפט ער עפעס א זאך, מוז ער עס גלייך נעהמען אין האנד און בעקוקען. האט דער דאזיגער חברה-מאן מיינער דערזעהען דעם אתרוג — נו, איז ער מסתמא שוין לעבען איהם!

אין א מינוט ארום הער איך א געשריי: מאמע! הארי-אפ! קום אהער און איך וועל דיר עפעס צייגען!

איך קום צו, מיין באָיטשיק שטעהט מיט א מעסער׳ל אין האַנד, האַלט דעם אתרוג, שניידט איהם און לאַכט.

איך בין אַ פּעריציטערטער געוואָרען, גיב איך אַ געשריי ניט מיט מיין קול. אוי וועה איז מיר! וואָס טהוסטו, שנץ איינער! עס איז דאָך אַן אתרוג!

לאַכט ער ווייטער און שניצט מיט׳ן מעסערעל.

גיב איך איהם אַ פּאַטש איבער׳ן הענטעל און שריי ווייטער: שווין, לעג אוועק דעם אתרוג! באַלד וועט אַרויסקומען ירחמיאל משה און דו וועסט כאַפּען אַ פינסטערען פּסק! אַן אתרוג קאָסט דאָך, היינטיגע צייטען, גאָלד!

רופט זיך אָן מיין באָיטשיק: זעהסטו ניט, מאַמע, אַז דער איד מיט די וועיסקים בלאָפט דיר!

זאָג איך: וואו איז דאָ דער בלאָף?

זאָגט ער: דער אתרוג, מאַמע, איז דאָך אַ הילצערנער! נאַ, נעהם און זעה אַליין!

איך נעהם דעם אתרוג און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען. ווירקליך, אַ הילצערנער אתרוג, אויסגעטאָקט פון האָלץ, מיט אַ פּיטום, מיט אַלע פּופּטשיקעס, און אָבגעפאַרבט אין דעם ריכטיגען קאָליר פון אַן אתרוג. איך גיב אַ שניט — האָלץ! האַרטע האָלץ! איך האָב זיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ! סטייטש אַזאַ סקאַנדאַל! אַזוי בלאָפען? און ווער? — ירחמיאל משה דער מלמד!

ווי איך שטעה אַזוי און האַלט דעם אתרוג, קומט אריין ירחמיאל משה פון ענטשולדיגט... ווישט זיך די הענט, נאָר ווי ער דערזעהט, אַז איך האַלט דעם אתרוג, גיט ער גלייך אַ שפּרונג צו צו מיר און גיט אַ כאַפּ אַרויס און צושרייט זיך:

— מען טאָר ניט האַלטען דעם אתרוג מיט ניט געוואַשענע הענד.

רוף איך זיך אָן:

— געווים טאָר מען ניט האַלטען אַזאַ אתרוג, עס איז דען אַן אתרוג? — עס איז דאָך האָלץ!

קוקט ער מיך אָן און זאָגט אַרוים: ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז עס איז האָלץ?

זאָג איך: וואָס דאַרף מען מיר זאָגן? איך ווייס שוין מיין בראָך! און מיט אזא אתרוג האָב איך עס געבענטשט א גאנצען סוכות! א קלאָג מעג פערגעהן נאָך אמעריקא!

בקיצור, ער האָט דערזעהען, אז איך ווייס שוין אלץ, איז ער צוגעפאלען צו מיר: גיטעל, האָט ער כמעט ווי געוויינט, איך בעט אייך, זאָגט עס קיינעם ניט אוים! ווייל ווען איהר זאָגט עס אויס, בין איך א פערלאָרענער מענש. ווער איך אויס שמש, און איך מוז געהן איבער די הייזער.

זאָג איך: אָבער ווי טהוט עס אזא פרומער איד ווי איהר אזא זאַך?

זאָגט ער: וואָס זאָל מען טהאָן, גיטעלע? ס'איז דאָך אמע־ריקא! אמת'ע אתרוגים איז דאָ שווער צו קריגען צוליעב דער מלחמה, און א לעבען מאכען דאַרף מען, האָב איך זיך מיישב גע־ווען: אזוי ווי די מלחמה, זאָגט מען, קען נאָך אָנהאלטען א 5—6 יאָהר, און אתרוגים וועט דאָך זיין נאָך שווערער צו קריגען, בין איך אוועק צו מיינעם א פּלימעניק, וועלכער איז א גוטער סטאָליער פון דער היים, ער קען פון האָלץ אויסטאָקען די שעהנסטע זאכען... האָט ער מיר אויסגעטאָקט דעם דאָזיגען אתרוג.

פון דאן אָן, הערט איהר, גלויב איך שוין דאָ מעהר קיינעם ניט, אז מען קען מאכען הילצערנע אתרוגים, דאן איז אוים, בענש איך ניט מעהר!

# מען שלאָגט זיך פאַר איהם.

— וואָס מאַכט אַ איד ? — האָב איך זיך אָנגערופען צו מיין לאַנדסמאַן רב מאָטעל ברייגעס, אַן עלטערער איד איבער די זעכ־ציגער, וועלכער האָט זיך מיר שטענדיג בעקלאָגט אויף אַמעריקאַ און אויף זיינע קינדער. וואָס ווילען פון איהם ניט וויסען.

— אַ דאַנק גאָט, ניטאָ וואָס צו זינדיגען ! איצט איז מיר גוט ווי די וועלט ! — האָט ער געענטפערט זעהר פרעהליך.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהם, ערשט ער האָט אויסגע־זעהען פיעל איינגער, ווי אלע מאָל. געוועזן ריין אָנגעטהאָן און פיין פערקעמט. און איך האָב איהם געפרעגט :

— איהר זייט אודאי רייך געוואָרען, געפונען אַן אוצר ?

ער האָט אַ גלעט געטהאָן זיין לאַנגע גרויע באָרד און געזאָגט:

— אוצר ניט אוצר. נאָר מיר האָט צוגעדיענט די מלחמה !

איך האָב איהם אָנגעקוקט מיט גרויס פערוואונדערונג און זיך צולאַכט :

— וואָס הייסט ? וואָס קען אייך די מלחמה צודיענען ? סיידען איהר זייט אפשר אריין אין די אַמוניציאָן־ביזנעס ? אָדער דער פרעזידענט האָט אייך געמאַכט פאַר אַ גענעראַל ?

— גענעראַל, שמענעראַל ! — האָט רב מאָטעל פרעהליך גע־זאָגט — וואָס דאַרף איך זיין אַ גענעראַל, אַז מיר איז אַזוי אויך גוט ! זאָל נאָר די מלחמה אָנהאַלטען אַ היבש ביסעל, וועל איך קו־מען צו זיך... הערט איהר, אַ מענש און אַ איד בפרט, טאָר דאָך ניט בעטען אויף מלחמה... בלוט־פערגיסונג, אלמנות און יתומים, עס איז אַ גרויסע עבירה. נאָר אדם קרוב לעצמו, ווי זאָגט דער

נוי: סוואיא רובאשקא בליזשע" און אז איך האב זיך געפלאגט האט עמיצער אויף מיר רחמנות געהאט?

— אלזא, רב מאטעל — האב איך זיך אנגערופען — זאגט שוין וואס האט מיט אייך אזוינס פאסירט?

רב מאטעל האט זיך אויסגעהוסט, ארויסגענומען פון וועס־טעל־פאקעט א סיגארעט'ל, פעררויכערט און געזאגט:

— קומט און מיר וועלען זיך צוזעצען אט־א־דא־א, און איך וועל אייך אין אלץ קלאהר מאכען!

מיר זיינען צוגעגאנגען צו א באנק אין העסטער פארק, זיך צוגעזעצט, און רב מאטעל האט אנגעפאנגען:

— איהר ווייסט דאך, ווי מיר האט זיך געלעבט. איך האב צוויי זיהן און איין טאכטער אין אמעריקא. איהר קענט דאך זיי! זיי אלע מאכען א דאנק גאט א לעבען, אבער פאר'ן טאטען איז ניט געווען. דער אלטער טאטע איז שווער געווען. פלעגען זיי מיך מא־כען צו מופען. דער עלטערער זוהן מענדעל, פלעגט מיך שיקען צו וורעמטשיקען, און אוורעמטשיק צו גיטלען, מיין בת־יחידקה, און גיטעל פלעגט מיך שיקען ארבייטען...

סך הכל: איך האב זיך מיט זיי גוט אנגעמוטשעט. ביז איך האב געמוזט מופען צו פרעמדע לייטע און געהן אליין פעדלען מיט א קאשיקעל פרוכט.

ער האט זיך אפגערוהט אביסעל און נאכדעם פארטגעזעצט:

— נאר, זינט א פאר וואכען, הערט איהר, האט זיך אלץ גע־ענדערט. די מעשה איז אזוי געווען: איך קום איינמאל ארויף צו מיין מענדלען, ניט אזוי, ווייל איך האב זיי געוואלט זעהן, נאר צו־ליעב מיין אייניקעל — א באיטשיק — א גאלד! א טהייער קינד! קום איך אזוי ארויף, קלאפ אן, ערשט די טהיר עפענט זיך און עס קומט ארויס אנטקעגען מיין שנור מיט א ברייטען — האללא, שווער!

קלעהר איך זיך: זי איז הפנים משוגע געווארען, ניט אנדערש.

איך קום אין הויז, טראגט זי מיר אונטער א שטוהל און בעט מיך זיצען, גאר ניט ווי שטענדיג, און נאכדעם בעט זי מיר עסען, אדער אפשר וויל איך לכל הפחות טרינקען א גלאז טהיי?

איך קוק און גלויב מיינע אויגען ניט, אבער איך זאג:

— א גלעזעל טהיי — מהיכי תיתא... וואס קען עס שאדען א גלעזעל טהיי!

הכלל, זי האט געמאכט טהיי, און דערלאנגט אייגענעם געבאקענעם קייק. און זי זאגט צו מיר עפעס אזוי זיך:

— שוועր! איהר וועט דאך אודאי בלייבען אויף סאפער! מענדעל קומט היינט פריה פון שאפ, וועלען מיר עסען צוזאמען סאפער!

שטים איך צו, נאר איך ווייס נאך אלץ ניט, וואס דא איז געשעהן.

הכלל, איך בין געבליבען צו סאפער. זיך אנגעשפיעלט מיט'ן אייניקעל, א לעבען אויף איהם. עס איז געקומען מענדיל פון שאפ און מיר האבען זיך געזעצט צום טיש.

ביים עסען: מערק איך ווי מענדעל טורקעט זי, מיין שנור און זי זאגט: — באלד!... און ווען מיר האבען געהאלטען ביי'ם סוף, רופט זי זיך אן:

— שווער, איהר ווייסט וואס ביי אונז איז געבליבען, אז איהר זאלט אריינקומען צו אונז! מענדעל פערדיענט היינט, א דאנק גאט, ניט שלעכט, טא וואס וועט איהר זיך וואלגערן אין דער פרעמד? און טאקע שוין מארגען זאלט איהר געהן נאך די זאכען!

— קינדערלאך! וואס איז דאס פלוצלינג מיט אייך געווארען פאר אן איבערקעהרעניש?

שווייגען זיי. קלעהר איך זיך, מילא, וואס דארף איך א סך קלעהרען? אבי עס איז צום גוטען! בלייב איך נעכטיגען, און תיכף אין דער פריה שטעה איך אויף און געה אוועק נאך די זאכען.

איך קום אריין אויף מיין לאזשי. מישטיינס געזאגט א לאזשי! סך־הכל האב איך געצאהלט א דאלאר און א האלב א מאנאט פאר איבערנעכטיגען אין קיטשען! איך קום אריין, ערשט איך געפין דארט מיין שנור, מיין קלענערען זוהן'ס, אורעמטשיק'ם ווייב!

— הינדע, וואס טהוסטו דא? און אזוי פריה?

רופט זי מיך אפ אן א זייט און פערטרויעט מיר א סוד, אז זי ווארט שוין דא איבער א האלבע שטונדע, און אז ביי איהר מיט

אווערעמטשיקען איז געבליעבען ניט אנדערש, אז איך זאל גלייך מופען צו זיי. זיי האבען איצט געמופט אין די בראנקס, האבען פיער גרויסע רומס און ס'איז דא פלאץ. און וויפיעל איז גלאט דער שיעור צו וואלגערן זיך אין דער פרעמד?

קוק איך איהר אן ווי א משוגענע און זאג:

— קינדערלאך! וואס איז דאס געווארען מיט אייך אלעמען? וואס איז עפעס דער טאטע ביי אייך פלוצלינג עולה לגדולה געווארען? האט זיך אמעריקא איבערגעקעהרט, צו וואס?

זאגט זי: — הכלל, שווער, זי וויל פון גאר ניט וויסען, איך מוז מופען צו זיי!

איך האב נאך ניט אוספעיעט צו ענדיגען די ווערטער, ערשט עס עפענט זיך די טיהר און עס קומט אריין מיין טאכטער גיטעל.

— גוט מארגען, טאטע! — קוים זיך דערפרעגט צו דיר!

— וואס טהוסטו דא אזוי פריה? — פרעג איך, און ווייס שוין ניט וואס איבערצוטראכטען.

— איך וויל דיר עפעס זאגען, זעהר א וויכטיגע זאך. און מיר טרעטען אפ אין א ווינקעל און זי פערטרויעט מיר א סוד — כדי הינדע זאל ניט הערען, ווייל מיט מיין שנור איז זי שוין ברוגז מעהר ווי א יאהר — זאלסט וויסען טאטע, אז ביי מיר און בענע'ן איז געבליבען ניט אנדערש, אז דו זאלסט אריינמופען צו אונז!

זאג איך: וואס איז דאס פלוצלונג פאר אן אויסכאפעניש געווארען אויפ'ן טאטען?

זאגט זי: זי ווייס גאר ניט... בעני ווייס...

הכלל — זאג איך, טאכטערשע, אודאי וואלט איך בעסער געוואלט מופען צו דיר. א טאכטער איז ניט קיין שנור, נאר איך האב שוין געגעבען מיין ווארט מענדלען, אז איך מוף צו איהם, און א ווארט איז א ווארט.

לויפט צו די שנור און רופט אוים הויך אויפ'ן קול:

— נישקשה, בעני מעג געהן פאר א סאלדאט! ער איז געזונד, ווי א מויער! אווערעמטשיק'ן איז בילכער צו ראטעווען!

כאפט זיך ארוים זיין טאכטער:

— ווייס איך וואס די שטיק פאסקודסטווא פלאפעלט! מיין

בעני הוסט אלע פריהמאָרגנז, זעהט איהר, אוורעמטשיק איז גע־זונד ווי א פערד, קיין קינדער האָט איהר אויך ניט, מעג ער געהן דיענען!

ווערט די שנור שוין גאָר אין כעס און צושרייט זיך:

— מיין אוורעמטשיק איז געזונד? אויף מיינע אלע שונאים געזאָגט געוואָרען אזא געזונד! סך־הכל שטעכט איהם אין א זייט און ער האָט רעוומאטיזם אין א פוס!

שטעה איך אזוי און הער ווי זיי קריגען זיך און פערשטעה אלץ נאָך ניט וואָס דאָ טהוט זיך. נאָר פיהלען פיהל איך, אז עס איז ניט גלאַט...

רוף איך אָפּ די טאָכטער אָן א זייט און פרעג איהר:

— גיטעל! דערצעהל מיר דעם גאנצען אמת! וואָס טהוט זיך דאָ אזוינס?

זאָגט זי: — טאַטע, איך וועל דיר דערצעהלען. דו ווייסט דאָך, אז באלד וועט אין אמעריקא אויך זיין אזא פריזיוו, ווי אין רוסלאנד. מען געהט דאָ נעהמען סאָלדאַטען צו דער מלחמה. אָבער מען זאָגט, אז דער, וואָס האָט אַן אלטען טאַטען אין הויז, דעם נעהמט מען ניט... דערום, טאַטעלע, מוזטו מיר טהאָן א טובה, און מופען צו מיר, ביי מיר וועט דיר גאָר ניט פעהלען... טאַטע, אויב מען וועט ביי מיר צונעהמען מיין בענע'ן, וועל איך ניט אויסהאַל־טען! און זי צוואויינט זיך.

הכלל, איך האָב שוין פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך. פון וואַ־נען די גאנצע ליעבשאַפט צום טאַטען האָט זיך גענומען. נאָר איך טראכט זיך: זאָל זיין פון א גוי, אבי צום לעבען, ס'איז דאָך אמע־ריקא. און איך רוף זיך אָן צו דער טאָכטער און שנור:

— קינדערלאך! מיין וואָרט האָב איך געגעבען מענדלען, נאָר פונדעסטוועגען וועל איך זיך נאָך מיישב זיין.

איצט ווייס איך ניט וואָס צו טהאָן, איך האָב נאָך ניט בע־שלאָסען וואוהין צו מופען. דערווייל געה איך צו אלעמען, און מען נעהמט מיך אויף בכבוד גדול און מיר איז גוט. באמת וואָלט איך זיי אלעמען געוואָלט העלפען, זיי זיינען דאָך אלע מיינע קינדער... נאָר ווי קען איך פון זיך מאכען דריי טאַטעס?

# די ווייסע כפרה.

אז מען זאגט אמעריקא בלאף, — טא גלויבט.

נאך זייענדיג אין דער היים, אין מיין שטעדטעל קריוואשעי, האב איך געהערט, אז אמעריקא איז א פערקעהרטע מדינה.

דארט געהט מען אום מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, ר"ל.

דארט טראגט מען זיך ווי רוחות איבער דעכער און מען פאהרט אין דער ערד.

הכלל: דאס איז א מדינה פון מאשינעס און בלאף. און קו־מענדיג אהער האב איך זיך דערוואוסט נאך פיעל מעהר. איך האב זיך דערוואוסט, אז אין אמעריקא איז אלץ געבלאפט, אז דא איז ניטא קיין ריכטיגע מאכלים, קיין ריכטיגע מלבושים, קיין ריכטי־גע הייזער און אפילו קיין ריכטיגע ווייבער...

ברענגסטו א אידענע פון דער היים — איז נישקשה, — ווען ניט, ביזטו אויף גוטענע צרות...

נעהמט, למשל, מאכלים: איז פוטער דא קיין פוטער ניט, צוקער קיין צוקער ניט, קריעס, ווי מען רופט עס אין דער היים סמעטענע — איז קיין סמעטענע ניט, נאר מען מאכט עס פון קרייד.

מילך מאכט מען דא פון א ווייסען פראשאק. פלייש פארבט מען דא ווי האר און דאס זעלבע פיש.

הייננט נעהמט מלבושים! אין דער היים א שטיקעל שווארצע קרעפ איז דאס קרעפ, א חיות אין האנד צו נעהמען, און דא, שמאַ־טע שבשמאטע, געבלאפט... אבי מען האקט עס אפ אויפ'ן מאשינע און מען טראגט...

און נעהמט אפילו הייזער! ביי אונז אין דערהיים איז א וואנד א וואנד, און א סטעליע א סטעליע. און דא איז א וואנד דין

ווי פּאַפּיראָס פּאַפּיר, ממש צונויפגעקלאַפּט מיט נסים, צונויפגע־טורכעט פון גאַרגישט... און די סטעליע פאלט אייך, מיר ניט דיר ניט אראָפּ.

הכלל, וואָס איז דאָ פּיעל צו ברייען — ס'איז אַ מדינה פון בלאָפס.

נאָר פונדעסטוועגן האָט צו אַלץ אַ שיעור. אַז מען זאָל בלאָ־פען אפילו אין כפּרות, דאָס האָב איך זיך ערשט דערוואוסט לעצ־טען ערב יום כפּור.

דוכט זיך, וואָס קען מען אין אַ טשיקען בלאָפען — אַ טשי־קען איז אַ טשיקען — אַ בעסערע, אַן ערגערע, אַ פעטערע — אַ מעגערערע — איז אָבער ניין! — צו אמעריקאנער בלאָפס איז גאָר ניטאָ קיין גרונד. דאָ קען מען אַלעס.

אָט הערט אויף אַ טשיקאַוועסט אַ מעשה:

אין דער היים האָב איך זיך נוהג געווען צו שלאָגען כפּרות בלויז מיט אַ ווייסען האָהן.

אַז איך טהו שוין אַ מצוה, טאָ זאָל זיין אויף ריכטיג אַ וויי־סע כפּרה איז כשר'ער.

אָבער זינט איך בין מגולגל געוואָרען אין אמעריקא, האָב איך דאָס ארויסגעשלאָגען פון קאָפּ, ווער מצוות, וואָס מצוות?

מען איז צופריעדען, אַז מען טהוט דאָ ניט קיין עבירות...

וואָס, איך וועל דאָ געהן זוכען, אין אמעריקא־בלאָף, ווייסע כפּרות?

ס'איז דאָך אַ זאַך וואָס אונמעגליך.

איך זאָג זיך אזוי: דאָ ווערט מען געגוג פערשוואַרצט מיט אי־דישקייט און אָהן אידישקייט — נו, איז מיט איין שוואַרצקייט מעהר!

אָבער מיין גיטעל ביילע האָט מיך הפנים געוואָלט סופּרייזען.

קומט זי היינטיגען ערב יום־כפּור פון גאַס מיט די כפּרות, און רופט זיך אָן צו מיר:

— שלום! זעה, איך האָב דאָך פאר דיר געקראָגען אַ ווייסען האָהן! מעלד זיך, ס'איז מיר געגוג שווער אָנגעקומען ביז איך האָב איהם אויסגעדונגען — אָבער דערפאר איז ער ווייס ווי מילך.

זאג איך צו איהר:

— זעהר שעהן פון דיין זייט גיטעל־ביילע, נאר דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען, אז עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אז דאס זאל זיין א ווייסער האן, עפּעס איז ער שוין צו וויס!...

זאגט זי, מיט א בייזער:

— וואס הייסט, דו גלויבסט ניט! וואס גלויבסטו ניט, ווען גלויבסטו ניט? משוגע'נער איד וואס דו ביזט, זעהסט דען ניט, אז דאס איז א ווייסער האן?

— יא — זאג איך — זעהן זעה איך, אבער איך גלויב מיינע אויגען ניט... אין אמעריקא, פערשטעהסט, גיטעל־ביילע, איז אלץ בלאף און מאשינעס, מאשינעס און בלאף — איז דער האן אויך מן הסתם א געבלאפטער...

— שלום, דו ביזט, שונאי ציון משוגע געווארען! אויפ'ן נייעם יאהר רעדסטו ווי א פערריקטער. וואס הייסט דער ווייסער האן איז א געבלאפטער, איך פערשטעה ניט!

— אט וועל איך דיר באלד צייגען, אז שלום האט רעכט, אז שלום איז ניט משוגע, נאר שלום איז שלום!

אזוי רוף איך זיך אן כלומר'שט מיט א וויצעל און אין דער מינוט טאקע תוך כדי דבור, פאלט מיר איין א פּלאן, און ווייסט איהר וואס איך טהו?

איך נעהם דעם ווייסען האן, במחילה, זעץ איהם אריין אין סינק, לאז אפּ די וואסער פון סינק, נעהם ארוים מיין „הענקי־טשע," נעץ עם איין און לאז עם פיהרען איבער'ן האן, אזוי לאנג־זאם, ניט געאיילט...

— וואס טהוסטו מיט'ן האהן — צושרייט זיך מיין גיטעל — וואס דו מאכסט איהם א וואנע?

— וועסט שוין באלד זעהן! — זאג איך ארוים מיט א זי־כערהייט.

און ווי נשתומם איז מיין גיטעל־ביילע געווארען און ווי נשתומם בין איך אליין געווארען!

פאר אונזערע אויגען איז געשטאנען א שווארצער האן...

שווארץ וואס שווארץ הייסט, אז אמת'ער רוסישער שווארץמאה'־ניק!

און ווען דער האהן האט א פאטש געטהאן מיט די פליעגלען, ארויסגעלאזט א „קוקעריקו" און איז ארויסגעשפרונגען פון סינק— איז מיין גיטעל פון גרוים שרעק געפאלען אין חלשות — קוים זי דערמינטערט.

ביי מיר אליין האט אויך די הארץ געקלאפט ווי א האמער אין א היימישער קוזשנע. ווען איך גלויב, אז אין אמעריקא זיינען דא נאך שדים — אויסער די קינדער — וואלט איך זיך אויך גוט דערשראקען.

איהר פערשטעהט? דער וייסער האהן איז געווען א גע־בלאפטער, מען האט איהם מן־הסתם גוט אפגעקאלכט מיט פארב צו מיט אזא פוידער, דער שווארץ יאהר וויים זיי! ס'איז שוין איינ־מאל א חברה בלאפערס!

נו, וואס זאגט איהר איצט אויף אייער אמעריקא?

# קאנקורענץ.

איך האב זעהר ליעב טרינקען „מאַלטעד“. אויב איהר האט עס ניט געוואוסט ביז היינט — ווייסט איהר עס איצט.

געה איך אזוי איינמאַל אין עסעקס סטריט, פערטיעפט אין מיינע געוועהנליכע טיעפע געדאנקען, פלוצלונג גיט פאר מיינע אויגען א שיין אויף א שילדעל מיט פאלגענדע ווערטער: „בארדען׳ס מאַלטעד“ מיט אייז קריעם פאר 3 סענט.

דריי סענט מאַלטעד און דערצו נאך מיט אייז קריעם — דאס איז דאך אונערהערט! און ניט אפגעבענדיג זיך קיין רעכענונג שטעה איך שוין ביים אפענעם פענסטער און ארדער א „מאַלטעד.“

א מאָגער אידעל מיט איינגעפאלענע באקען, וועלכער איז געשטאנען ביים קאנטער, האט אויסגעפילט מיין בעפעהל און פויל, כמעט ברוגז׳לעך גענומען מאכען דעם „מאַלטעד“.

אין קענדי סטאר איז געווען שטיל. איך האב זיך אנגענומען מיט מוטה און א פרעג געטהאן:

— מיסטער, גיט איהר טאקע די ריכטיגע „בארדען׳ס מאַלטעד?“

דער מאן האט א קרעכץ געטהאן און קאלט ארויגעזאגט פון אונטער די ציינער:

— געוויס די ריכטיגע!

— ווי זשע לוינט זיך עס? — האב איך געוואלט צוקומען צו זיין הארצען.

— און ווער האט אייך געזאגט, אז עס לוינט זיך?

— טא פאר וואס זשע טהוט איהר עס? איבעראל איז דאך 5 סענט און אהן אייז־קריעם! — האב איך מיטפיהלענד געזאגט.

— איך טהו עס דען? האט דער אידעל ארויסגעזיפצט — די

קאָנקורענץ טהוט עס! איהר זעהט די סטאַר אנקעגען מיר? אַט דאָס האָט מיך אומגליקליך געמאכט!

די מאַלטעד איז פארטיג געוואָרען. דער אידעל האָט אריינגע־גאָסען אין א גלאָז, און האָט זיך צורעדט.

— איך זעה דאָך, אז איהר זייט א קלוגער יונגערמאן, וועט איהר מיך פערשטעהען. די מעשה איז אזוי געווען: ווען איך האָב מיט עטליכע יאָהר צוריק, דאָ געעפענט מיין סטאָרקע, בין איך געווען דער ערשטער וואָס האָט איינגעפיהרט „מאַלטעד". דאן האָב איך נאָך געהאט בלויז איין מאַשינקע. די ביזנעס איז אוועק גוט, איך האָב געגעבען א גלאָז „מאַלטעד" און ס'איז געווען „ביזי". מיט דער צייט האָב איך געמוזט אריינשטעלען נאָך א מאַשינקע, ביז איך האָב זיך ארויפגעארבייט אויף 6 שטיק.

איך זאָג אייך ניט קיין ליגען: איך האָב זיך דאן קיין הענד ניט געקענט אָנגעהמען! מען פלעגט שטעהן אין „ליין", ווי אין פּאָסט אָפיס ביים שיקען געלד אין יוראָפּ, אָדער אין טהעאטער זונטאג אבענד ביי א גוטער „שאו". אזוי איז אוועק א יאָהר. איך האָב געמאכט א פיינעם לעבען, חתונה געמאכט א טאָכטער און געדאנקט גאָט פאר די „מאַלטעד".

פּלוצלונג, האָט זיך אנקעגען מיר געעפענט א קענדי סטאָר. מילא — קלעהר איך — יענער איד דארף אויך מאכען א לעבען! עס וועט קלעקען פאר אונזביידען.

און כך הוה: דער אידעל האָט גענומען מאכען „מאַלטעד", אָבער עס געהט ניט. די „ביזי" איז ביי מיר! און געוועהנליך, צו־ליעב א „מאַלטעד" לייזט מען שוין אויך פאר אנדערע זאכען. פאר סיגארעטס, אייז־קריעם, קענדי א. אַז. וו.

האָט דער אידעל דערזעהען, אז מען געהט נאָר צו מיר. איז ער זיך מיישב און הויבט אָן קאָנקורירען, שלאָגען מיך מיט די „מאַל־טעד", ער נעהמט און שטעלט ארויס א שילד: „די אמת'ע מאַל־טעד, פון דעם אמת'ן באָרדען 3 סענט א גלאָז."

דערזעהען די שילד איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויג־גען. ס'איז ניט אזוי די קאָנקורענץ און דאָס שניידען די פרייזען— ווי קען מען עס? ווי לויגט זיך עס?

איז מיינט איהר וואס? דאס האט ניט געהאָלפען? עס האט גראדע יא געהאָלפען! קאסטימער זיינען דאך, ענטשולדיגט, ניט מעהר ווי חזירים, ביי זיי פאר א סענט ווילען זיי פערקויפען זייער בעסטען פריינד, בפרט דא איז צוויי פענעס מיט אמאל! — האט מען זיך אלע א לאז געטהאן אהין, זיי ארט דען אויב דארט איז די ריכטיגע אדער די ניט ריכטיגע מאלטעד? — אבי ביליג!

האט עס שוין מיך פערדראסען, און איך האב בעשלאסען אויב קאנקורענץ — טו זאל זיין קאנקורענץ, און איך געה און לאז מיר מאכען א שילד: „מאלטעד מילך דריי סענט א גלאז מיט אייז־קריעם!“ נאך אלעמען, הונד וואס דו ביזט, בין איך דאך עפעס רייכער פאר דיר, שטעה דא פריהער פאר דיר און קען מעהר אפּאָרדען!

און מיינט איהר עס האט ניט געהאָלפען? נאך ווי געהאָלפען!

קאסטימער זיינען, ענטשולדיגט, דאך ניט מעהר ווי חזירים, האבען זיי זיך אלע א לאז געטהאן צו מיר.

האב איך זיך אזוי געטראכט: פרנסה איז טאקע ווענינ, מילך, טשאקאלאד, אייז־קריעם, דירה־געלד און די מאשינקע וואס ניצט זיך אפּ, און וואס מען דארף אלע מאל צורעכט מאכען — איז אויך געלד. נאר וואס קען מען מאכען — קאנקורענץ! אידען דארפען ניט לאזען לעבען איינער דעם צווייטען — דאס איז דאך א געזעץ.

אבער מיינט ניט, אז איהר זייט שוין פערטיג. יענער איד איז א „יאבעדניק“ א זלידנע פליעג. שטעה איך איינמאל אויף איין פריהמארגען זעה איך שוין דארט אזא שילד:

„די אמת'ע „מאלטעד“ פון אמעריקא, מיט אייז־קריעם און צוויי „מעקעם“ אלץ פאר דריי סענט!“

איז מיר ארויסגעפאלען דער ביסען פון מויל, איך האב דאן גראד געגעסען ברעקפעסט. א קלייניגקייט, דער איד האט זיך דאך פערמאסטען אויסטאן זיך פון העמד, און מיך אויך!

הכלל, וואס זאל איך א סך ברייען, אויף מארגען, דאס איז גע־שעהען ערשט לעצטע וואך, האבען זיך אלע קאסטימער א לאז גע־טהאן אהין. און איך, ווי איהר זעהט, זיץ גאנצע טעג אהן לעזונג,

ס'איז מיר געקומען באַטש נעהם און פערשליעס דאַס קרעמעל!
און מען קען א קאַסטימער ניט בליימען אויך: א „מאַלטעד“ מיט אייז־קריעם און צוויי „מעקעס“ — דאַס איז דאָך פליין אומ־זיסט! און מעג ער שוין אפילו געבען א מאַלטעד מיט גראַסערי מילך און ווערעמדיגע טשאָקאָלאַד — אבער די מעקעס! א קליי־ניגקייט, די מעקעס!
אבער מיינט ניט, אז איך גיב זיך אונטער: איך האָב זיך פערשוואָרען: איך מעג זיך אויסטהאָן פון העמד, נאָר איך וועל דעם אידען פערטרייבען! אזא „זלינדע“ טאָר דאָ ניט זיין! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב נעכטען גענומען א גמילות חסד אין אונזער גמילות חסדים פעראיין און איך וועל פייטען! פייטען „דאָ פאַסלערנאהא!“ איך מוז איהם פערטרייבען.
— וואָס דענקט איהר מהאָן? — האָב איך דעם אידען גע־פרעגט. דער איד האָט א בים געטהאָן דאָס בערדעל און נאָכהער גע־ענטפערט:
— אן אנדערען וואָלט איך עס ניט דערצעהלט, נאָר אזוי ווי איך זעה פון אייך, אז איהר זייט א פיינער מאַן, און פערשטעהט ווער עס האָט רעכט, וויל איך אייך פערטרויען. איך האָב אזא פלאַן: „אזוי ווי מעהרסטענס וואָס טרינקען „מאַלטעד“ זיינען חתנים און כלות, דענק איך טהיילען ט א י ס, זומערדיגע ווייסע ט א י ס, איך האָב שוין אנגעפרעגט ביי א טאַי־פאַבריקאַנט, קען איך זיי קריי־גען אויפ'ן אָרט, פאַר א פעניע און א האלב א שטיק. דאָס איז פאַר די באָיעס און פאַר די מיידלאָך פלאַנעווע איך געבען צוויי בריוולאָך האָר־נאָדעלס. און אלץ פאַר דריי סענט!
איך בין זיכער, אז דאָס וועט נעהמען, עס מוז נעהמען! איהר פערשטעהט? איך וויל טאקע עטליכע וואָכען גאָר ניט פערדיע־נען און אפשר צולעגען עטליכע דאָלאַר א וואָך, אבער איהם די „זלידנע“ וועל איך פערטרייבען!

# ער פרעהט זיך מיט די ווייבערשע געווינסען.

וואס זאגט איהר אויף די ווייבער? געוואונען, הא?

אט, ווי איהר קוקט מיך אן, בין איך שוין א איד אין די ששים׳ער, אריבער די זעכציגער מיינט עס, און איך בין שוין אלט גענוג אום זיך ניט נאריש צו מאכען.

און דאך ווי איהר קוקט מיך אן פרעהט מיך די מעשה, פאר־וואס די ווייבער האבען געוואונען.

איך האב זיך מיין שיטה: בהמות, מאנזבילען, וואס ארט אייך, אז די ווייבער וועלען אויך האבען א דעה אין דער מלוכה, וואס קענט איהר מיט דעם פערלירען?

אט, ווי איהר קוקט מיך אן, האב איך נאך אויך אביסעל שכל און פערשטאנד און פערשטעה אן עסק.

פרעג איך טאקע אייך, פאר וואס זאל מען דא די ווייבער ניט לאזען „וואוטען"?

וואס איז עפעס דער „וואוטען" א הייליגע זאך, שרייבען א ספר־תורה?

איך האב זיך פיעל מאל אפגעשטעלט אין גאס הערען די ווייבערשטע מגידים, הער איך ווי עס שטעהען מאנסביל ארום און טענה׳ן: ווען די ווייבער וועלען קריגען זייער רעכט, וועלען זיי פון הויז מאכען א תל, זיי וועלען חרוב מאכען דעם שלום־בית, דאס פאמיליען־לעבען!

הער איך אזוי צו וואס דער עולם רעדט און רוף זיך אן:

— מיסטערס! ווען דרעהט איהר דא א ספאדיק מיט הויז שמויז!

אמעריקא איז דען יוראפ?

און אזוי זיצען דען די אמעריקאנער ווייבער אין הויז?!

ס'איז דאָך איינע בלאָפס און ניט מעהר!

אָט האָב איך א זוהן, א גאנץ פיינער ביזנעסמאן, גוט־אָפּ הייסט עס... האָט זיך איהם פערוואָלט דאָ חתונה האָבען מיט א „יענקעל", מיט א היגע געברוירענע...

איך האָב צו איהם די גאנצע צייט גע'טענה'ט, וואָס טויג דיר די „יענקלאָך?" דו נעהם א היימיש מיידעל, א לאנדס־מייד־דעל און דו וועסט וויסען מיט וועמען דו געהסט צום טיש? פאר וואָס, זאָג איך, זאָל אזא יונגערמאן ווי דו, קריכען מיט א געזונ־טען קאָפּ אין א קראנקער בעט?

איז האָט ער מיך סתם ניט געפאָלגט. ער האָט פיינט גרינע מיידלאָך, זאָגט ער.

מילא, האָט ער חתונה געהאט פאר דעם יענקעל...

איז נו, וואָס־זשע מיינט איהר, ער האָט א ווייב? ס'הויבט זיך גאר ניט אָן!

מיין שנורלאָ איז דען אמאָל אין הויז? — נעווער! ווער קוקט זי אָן?

זי איז אזוי פיעל אין הויז, ווי איהר זייט אין שוהל.

און יעדען טאָג, ווען מיין זוהן קומט פון אָפיס, א מיעדער, א צופלאָכטענער, געפינט ער מיך, דעם טאטען, אָבער די ווייב? — א פייג!

אָדער זי איז ביי דער שניידערקע, זי נעהט יעדען מאָנטאג און דאָנערשטאג שמאטעס. אָדער זי איז אין די גרויסע סטאָרס, ביים וואָנעמאכער, ווי רופט מען זיי דאָרטען, דעפּארטמענץ סטאָרס אָדער זי איז אין מואווינג־פּיקצעס ביי טשאלי צאָפּעל, איך וויים ווי מען רופט איהם דאָרטען.

בקיצור: קיין סאפּער איז קיינמאָל ניט געקאָכט, די הויז איז ניט געקלינט און מיין זוהן ליידעט זיך אָן נענוג, עסט זיך איבער די גאָל...

און אזוי זיינען אין אמעריקא כמעט אלע ווייבער...

היינט, פרעג איך אייך: וואָס בלאָפט איהר מיט הויז, שמויז, דרויז! ניטאָ קיין הויז אין אמעריקא און גע'פטר'ט אָן עסק!

אנדערע חכמים מאנזביל האָבען מורא, אַז די ווייבער וועלען

צוליעב די „וואוטס" אויפהערען קינדלען, דאָס הייסט, זיי וועלען קיין צייט ניט האָבען צו האָבען קינדער?

איז, זעהט איהר, אָט דאָס אָרט מיך שוין גאָר גאָרניט!

אַ מעצעצע גדולה, וואָס מען האָט דאָ פון קינדער? דעם נחת, וואָס מען האָט פון זיי?

לויט ווי איך בין אַ מבין אויף די אמעריקאַנער לויפערס, איז גלייכער, אז מען זאָל זיין גאָר ניט האָבען און האָדיע, גע־פטר'ט אַן עסק!

איידער האָבען אַזעלכע באָמס און לויפערס, איז שוין גלייכער האָבען אַ אידענע פאר אַ פּרעזידענט...

אָט, נעהמט מיין טאָכטער, דוקא אַ גאַנץ פיין ווייבעל, נאָך פון יוראָפּעאישען סטייל, איז זי שוין פערהייראטה דעם צעהנטען יאָהר.

האָבען זיי איין בן־יחיד. זאָג איך אייך, אז דאָס איז שוין איינמאָל אַ קדיש!

אַזאַ קינד איז גלייכער, אז מען טראָגט ניט, און אז מען טראָגט שוין יא, איז גלייכער, אז מען זאָל עס פערלירען איידער מען האָט עס, און אז מען מוז שוין דאָס האָבען, איז פיעל, פיעל גלייר־בער, אז מען — אָבער לאָמיך בעסער שווייגען, ס'איז דאָך פּאַרט אַן אייניקעל...

ער איז ניט מעהר און ניט וויינינגער ווי אַ פּיק־פּאַקעט, מען האָט שוין איהם אמאָל צעהן געכאַפּט ביי דער האַנט און ער איז איצט ערגעץ איבער'ן וואַסער, אין אַזאַ הויז, וואו מען לערנט דרך־ארץ. אז אַך און וועה צום דרך־ארץ!...

אַמעריקאַ איז דאָך ניט יוראָפּ...

אין דער היים איז אַ ווייב — אַ ווייב, און אַ קינד — אַ קינד. אָבער דאָ, איז אַ ווייב — „אַ מואוויניג־פּיקצע" און אַ קינד — אַ סטריט!

אין דער היים, וואָס מעהר קינדער מען האָט, איז אַלץ מעהר ברכה, ווי שטעהט דאָרטען געשריעבען: זרעינו וכספּנו... קינדער נאָך פריהער פאר געלט, נאָך טהייערער ווי געלט.

אָבער דאָ, ווייס איך וואָס — בלאָף!

איך האָב נאָך געהערט מאַנזביל טענה'ן: סטייטש קאָכען! ווען די ווייבער וועלען זיך נעהמען צו שטאָדט־עסקים, ווערען קהל'שע קליאמקעס, וועט זיין אַ סוף צו דער קיך!

וואו וועט אַ אידענע נעהמען צייט צום קאָכען, אַז זי וועט זיך מוזען קאָכען אויף מיטינגען און אַסיפות?

אַבער איך זאָג אייך מיינס, ס'איז גאַרנישט מיט גאַרנישט! ווער, פרעג איך אייך, דאַרף אין אַמעריקאַ קאָכען, אַז מען קען געהן אין רעסטאָראַן!

אָט האָב איך נאָך אַ זוהן, אַ קלענערען און אַ ערגערען פון דעם עלטער'ן, ער איז אַ גאַנצער וועלט־פערזאַרגער, אַ פרייד־עגס, אַ פריידענקער!... איז האַלט ער ניט פון רומס און פון קאָכען און פון אַלץ מיט אַנאַנדער.

ער האָט חתונה געהאַט, און אפילו מיך ניט גערופען... וואוינט ערגיץ אין אַ בעד־רום, און מען געהט אין רעסטאָראַן, ווי באַר־דערס.

איינמאָל זיינען זיי געקומען צום ברודער צו גאַסט, הער איך זיי דערצעהלען, ווי זיי עסען אין אַ וועגטעריאַנעם רעסטאָראַן און ס'איז זעהר גוט, נאָר זיי ליידען אַביסעל אויפ'ן מאָגען... ער נעהמט פילען אַזעלכע, און זי אַנדערע פילען...

גלייכע רעכטע, פערשטעהט איהר מיך...

רוף איך זיך צו זיי אָן: קינדערלאַך, אמת, איהר זייט פרייד־עגס, פריידענקער, מיין איך, אַבער צו וואָס ניט לעבען ווי מענ־שען? פערדיענען פערדיענסטו? טאָ פאַר וואָס ניט פיהרען אַ הויז, ווי ביי לייטען? ווארום ניט קאָכען אַליין און פערשפּאָרען האָבען, וואָס צו טהאָן מיט די פילען?

כאַפּט זי זיך אַרויס, מיין שנור הייסט עס: וואָס ווילט איהר שווער, אַז איך זאָל געהן זיך פּאַטשקען אין דעם „דווידי" קיך?! וואַשען דישעס און סקראַבען טעפּלאַך, ווי אַ פּליינע יאַכנע?! — נישקשה, דער טייפעל וועט אונז ניט נעהמען, מיר קענען געהן אין רעסטאָראַן!

היינט, פרעג איך אייך, וויבאַלד קאָכען אויך ניט, איז וואָס איז דאָ צו פערלירען? וואָס, דעם רעסטאָראַן וועלען זיי פערלי־

רען? — די הויז מישטיינס געזאָגט? די „לויפערס", ניט פאַר קיין אידען געדאַכט?

איך פרעג אייך, וואָס קען שוין דאָ זיין ערגער ווען די ווייבער וועלען וואוטען?

פערקעהרט, ס'איז נאָך מעגליך, אז אפשר גראדע, ווען זיי, די ווייבער, וועלען זיך אָנהויבען מישען אין דער מלוכה, וועט אויף אלץ מיט אנאנדער קומען אן אויסמישעניש... א נייער מין מבול... און עס וועט נעהמען א סוף צו די אידישע צרות און דיינו! אראָב א האַרב פון די פּלייצעס!

כ'לעבען, מיך פרעהט, וואָס די ווייבער האָבען געוואונען!...

# אַמעריקאַנער קינדער.

(דערצעהלט פון אַ מאַמע, וואָס איז זעהר קלאָהר אין צאינה וראינה.)

צו מיר געפעלט אמעריקא, פרעגט איהר? אוי, אוי, געפעלט זי מיר! פאַראַן וואָס צו געפעלען מישטיינס געזאָגט! ווי שטעהט אין דער הייליגער „צאינה וראינה“ אין דער סדרה „חיה שרה“. איהר האָט דאָך געווים געלערנט, און ווייסט אלעס. עס שטעהט דאָרט אזוי געשריעבען: „ויהיו חיה שרה“. „ויהיו,“ האָט דעם צאָהל זיעבען און דרייסיג. צו ווייזען, אז דאָס רעכטע לעבען פון שרה איז געוועזען זיעבען און דרייסיג יאָהר. פון דעם מאָל אַז וואָס יצחק איז געבוירען געוואָרען ביז דער עקידה, וואָס יצחק איז דאַן אַלט געוועזען זיעבען און דרייסיג יאָהר. אבער די יאָהרען וואָס זי האָט געלעבט איידער יצחק איז געבוירען געוואָרען, דאָס האָט קיין לעבען ניט געהייסען, דען ווער עס האָט ניט קיין קינדער, דער איז גלייך ווי טויט.

און אזוי איז אויך מיט אמעריקא: דאָ קען מען רעכענען בלויז די יאָהרען, וואָס מיר האָבען געלעבט אין „יוראָפּ“. אבער די יאָה־רען וואָס מיר זיינען דאָ אין אמעריקא קען'מען ניט רעכענען, דען דאָס איז קיין לעבען ניט.

ווארום, דאָ איז יום־טוב, קיין יום־טוב ניט, אַ מאַן קיין מאַן ניט, קינדער קיין קינדער ניט. און סדרים קיין סדרים ניט. ווי שטעהט אין „צאינה וראינה“, „ואלה שמות בני ישראל“ דאָס זיי־נען געוועזען די רעכטע קינדער צו זייער פאָטער, אבער אין אמע־ריקא זיינען קיין רעכטע קינדער גאָר נישטאָ...

אָט איז פסח אין דער היים, און פסח דאָ. ביי מיר אין הויז, קומט ח"ו קיין חמץ ניט אריין, אבער דאָך ווער קען זיך „רוטשאיען“

פאר די קינדער. זיי לויפען דאך ארום אלע וויילע אין די „מופינג פיקצעס" און עסען זיך אן מיט חמץ'דיגע קענדי, און אפשר גהען זיי אין גוי'אישע רעסטאוראנטס אויך? ווער קען זיי איינהיטען? ס'איז דען אין דער היים? ווי שטעהט אין „צאינה וראינה" „פוקד עון עבות על בנים." דער טאטע איז ניט בעסער ווי די קינדער. דער טאטע טהוט נאר און וויצעלט זיך. זינט ער איז געקומען אין אמעריקא וויצעלט ער זיך.

נעכטען פארנאכט, א פאר שטונדען פאר'ן סדר, זיינען זיי מיינע קינדער, געקומען צולויפען פון גאס הונגעריגע ווי די וועלף און — שנעל מאמע גיב אונז עסען!

זאג איך צו זיי: קינדערלאך, באלד וועט זיין דער סדר!

צושרייען זיי זיך נאך העכער: העל מיט'ן סדר! מיר ווילען עסען!

און מיינט איהר וואס? איך האב זיי געמוזט געבען!

האבען זיי אויפגעפרעסען אלע קוגעלאך פון פיטייטאס און פון מצה און די פיש און זיך צולאפען. און אז עס איז געקומען צום סדר, זיינען זיי געזעסען ווי אויף שפילקעס, ניט פערזוכט אפילו א שטיקעל הגדה, ניט געוואלט אנטהאן די היטלען, ווי די גוים. זיי האבען בלויז געבעטען דעם טאטען ער זאל זיי דערמאנען ווען מען דארף טרינקען די כוסות.

און גלייך נאך די כוסות, זיינען זיי זיך צולאפען אין מופינג פיקצעס.

מיין קליינער בענעלע האט אפילו געפרעגט די קשיות, אבער ניט אין אידיש, נאר אין ענגליש, און וואס איז דאס פאר א קשיות, כ'בעט אייך?

א טהייער קינד, מיין בענעלע, א שעהנער און א חכם, נאר קיין אידיש וויל עס ניט ריידען.

רופט מען איהם מיט'ן אידישען נאמען בעריל, צואווייינט ער זיך און שרייט „דאן קאלל מי נעימס."

ער איז געבוירען אין אמעריקא, און איז אויף דעם שטאלץ ווי ער וואלט אויסגעלערנט אויף אויסוועניג די גאנצע תורה, אמע־ריקא — א ווערטעל אויסצורעדען! ווען ער צופייט זיך מיט די על־

טערע ברידער וואַרפט ער זיי אויס, אַז זיי זיינען געבוירען אין „יוראָפּ".

נו, האָט ער געפרעגט די ענגלישע קשיות און די איבעריגע האָבען געלאַכט און געפייפט. און דער טאַטע דער „מיילאָך" איז געזעסען און אויך געלאַכט.

און וואָס זאָל מען טהאָן, ווייט קען מען מיט זיי ניט געהן... ווי שטעהט אין „צאינה וראינה", אַז גאָט האָט געהייסען אברהם די בהמות צוהאַקען און די פויגעל ניט צוהאַקען, מיט דערמיט האָט ער געוויזען די בני ישראל, אַז זיי זיינען געגליכען צו די פויגעל.

און די אַמעריקאַנער קינדער זיינען באמת געגליכען צו די פויגעל.

זאָגט מען זיי נאָר עפּעס א וואָרט וואָס זיי געפעלט ניט, איז תיכף א פּאַטש מיט די פליגעל, א קלאַפּ מיט'ן טהיר — און מען מופט!

אַט האָט זיך מיין אייבי, אַזוי א גאַנץ וואוילער באַי. א גוטער און א „פאַסלושנער", זיך אנומעלט, אין מיטשקע דערינגען אויפגעהויבען און איז אוועק פון הויז.

אפילו ניט געזאָגט דער מאַמען, וואוהין.

בלויז געלאָזט א צעטעלע: „מאַמע, איך פאָהר!"

און וועניג געזונט האָט עס מיך געקאָסט. איהר ווייסט דאָך א קינד, עס מעג זיך זיין אַן אַמעריקאַנער קינד, אבער ס'איז דאָך א קינד.

א מאַמעס האַרץ טהוט וועה. ווי שטעהט אין „צאינה וראינה": „כרחם אב על בנים."

און וואָס איז געוועזען דער סוף, פרעגט איהר?

אין אַכט וואָכען אַרום ערשט מיין אייבי איז דאָ.

— אוואו ביזטו געוועזען שעהנער מענש?

— אין „פרענטש!"

— וואָס הייסט נעהמען „שטראָם האַלאַוואַי" און לויפען אין פרענטש?

זאָגט ער: איך האָב דערזעהען א שיף פאָהרט אין „פרענטש",

רוף איך זיך אן צום „קעפטען“ נעהם מיך אויף! זאגט ער „קום!“ בין איך אוועקגעפאהרען.

אז עס האט פאר גאר נישט קיין מורא ניט: ניט פאר פייער, ניט פאר וואסער.

א ים — איז א ים! א ווערטעלע אויסצורעדען א ים. ווי שטעהט אין „צאינה וראינה“: צעהן נסים זיינען געשעהן ביים ים. איינס, וואס ער איז געשפאלטען געווארען, דאס אנדערע, וואס ער איז געווארען ווי א הויל און ווי א געוועלב. דאס דריטע נאר אייך דארף מען דאך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט דאך מסתמא אליין.

נאר אין אלץ ווענדעט זיך אן פאטער. מיינער איז ניט קיין פאטער. ער איז אליין אויך ניט שטארק פרום. די הגדה וויל ער אויך ניט זאגען. פון אנפאנג האט ער נאך עפעס געזאגט. נאר נאכ׳ן עסען — ניט אין מויל!

רוף איך זיך צו איהם: יודע משה! פאר וואס זאגסטו ניט די הגדה?

רופט ער זיך אן: ברכה ביילע! איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה!

זאג איך: וואס טויג מיר דיינע מעשיות? דו זאג די הגדה!

זאגט ער: הער א פריהער די מעשה. ווען די אידען, זאגט ער, זיינען געוועזן אין מצרים איז פרעה, זיי מיר מוחל געשטאנען „ראקאם“ און מיר אידען האבען געקושט. ווען מיר אידען זיינען אבער אריבער דעם ים, זיינען מיר געשטאנען „ראקאם“ און פרעה האט געקושט... אזוי איז אויך ביי מיר מיט דער הגדה. פאר די פיש און קניידלעך, האב איך געמוזט זאגען די הגדה, ווייל דו וואלסט ניט געגעבען עסען. אבער נאך די פיש און די קניידלעך, איז ווער הערט דיר?

ער איז, פערשטעהט איהר מיך, א איד וואס האט ליעב זאגען א וויצעל און געה טהו איהם עפעס!

נאר פונדעסטוועגען, איז נאך ביי מיר א דאנק גאט גאלד. ווי עס איז, דאך א שטיקעל סדר און אביסעל הגדה. — ביי אנדערע איז גאר קיין סימן פסח ניטא.

נעקסט דאַר עסען זיי חמץ ווי די אמת'ע גוים. און נאָך דווקא „פּאַמפּעניק", ס'איז מעהר חמץ... זיי האָבען נאָך קיין מורא ניט פאר „כרות יאָהרען".

ביי דער טאָפּ־פלאַריגער האָט מען צום סדר געשפּיעלט אין קאָרטען און געטרונקען המץ'דיגען ביער.

און ביי דער הויזקיפּערין האָט מען זיך צום סדר גאָר געשלאָ־גען. דער „מיילאָד," א קלאָג צו איהם, האָט זיך ערגעץ „אָנגעשליאָ־קעט" ווי א דבר אחר, און געקומען אהיים און געמאַכט א סקאַנ־דאַל דער „מלכה". ווער סדר, וואָס סדר? ער איז אן עקספּרעסמען און האָט ליעב אריינגיסען אין לאָמפּ.

אויף איהר רעדט מען אויך צו, אז זי מאַכט מחזקות מיט'ן באָרדער.

אמעריקאנער ווייבער אויף קיין גוטען אָרט זאָל מען זיי ניט לעגען.

איהר פערשטעהט? ביי מיר איז נאָך גאָלד. טאָקע ניט קיין גרויסען נחת פון קינדער, אָבער דאָך ניט אזעלכע „באָמס" ווי ביי אנדערע.

און אלץ איז נאָך בעסער, ווי צו האָבען קינדער אויף דער מלחמה. ווי שטעהט אין „צאינה וראינה" „בנים גדלתי" האָדעווע קינדער פאר'ן טייוועל.

# עס קלינגט.

דער טעלעפאָן האָט א קלונג געטהאָן. די אלטע מוטער איז צוגע־לאָפען צו איהם, דאָרט עפּעס אריינגעשריען, צוריקגעקומען, א קרעכץ געטהאָן און דערצעהלט:

אונזער נייע דירה וואָלט געווען א פיינע דירה, ווען ניט אט דער קליינער מוזיק. (זי האָט אנגעוויזען אויפ'ן טעלעפאָן).

ער האלט טאָג און נאכט אין איין קלינגען ווי אין דער היים ביי די גוים צו א פגר...

מיין עלטערער טאָכטער האָט זיך פערוואָלט א טעלעפאָן!...

מיין טאטע עליו השלום איז געווען א פיינער איד, א פרומער איד, און אביסעל רייכער פון אונז, האָט ער ניט געהאט קיין טע־לעפאָן אין הויז און מיר מוזען איהם האָבען!

און ווער ליידט דערפון? ווער שטעהט אויס אלע צרות? די אלטע מאמע!

איהר פערשטעהט? א גאנצען טאָג איז דאָך קיינער ניטאָ אין הויז אויסער מיר.

מיין מאַטעל זאָל לעבען, שטעהט מיט'ן פושקארט... די קלע־נערע קינדער זיינען אין סקוהל. זי, די עלטערע טאָכטער — אין שאָפּ.

ווער בלייבט אין הויז? — די אלטע מאמע!

און עס קלינגט!...

די ערשטע צייט פלעג איך זיך גאָר דערשרעקען. ציטערען צו געהן צו דער טרובקע.

עס קלינגט. ווי א ניט גוטער וואָלט אין איהם געזעסען... נאָכ־דעם האָב איך זיך צוגעוואוינט... איך געה שוין צו.

אבער אקוראט פערשטעהן וואָס ער רעדט דאָרטען, ווייס איך

נאך אלץ ניט... איך הער בלויז האללא און האללא און האללא!
זאל זיי האלאקען אין קאפ, די וואס האבען עס אויסגעקלעהרט!

און וואלט כאטש זיין פאר ריכטיגע ביזנעס, וואלט עס מיך ניט פערדראסען.

איז ווייס איך וואס! — סאסייעטיס!

איך און מיין מאטעל זאל לעבען האבען ניט אזעלכע ביזנעס. וואס זשע דען — די עלטערע טאכטער!

זי איז, פערשטעהט איהר מיך, פול אין אלע סאסייעטיס. אר־מעדום בעלאנגט זי. אחן איהר טהוט זיך אין אמעריקא גאר ניט.— א גאנצע מאכערטע!

אבער איך פרעג אייך, וואס האט זי דערפון? איך וועל פאר אייך רעדען ווי פאר אן אייגענעם מענשען; ניחאי וואלט זי בעסער געקראגען א חתן...

אמת, זי איז נאך ניט קיין אלט מיידעל, נאר איך אין איהרע יאהרען האב שוין געהאט דריי קינדער...

טענה איך צו איהר: מערי! דו געהסט אום טאג און נאכט אין די סאסייעטיס, דו ביזט א גאנצע קנאקערין, טא פאר וואס זעהסטו ניט דארטען עפעס א חתן פאר דיר?!

זאגט זי: מאמע, טשעפע זיך פון מיר אפ מיט די חתנים. איז היינט געוועז א טעלעפאן פאר מיר פון מיסטער וויסמאן?

— ווער איז דער וויסמאן?

— וויסמאן!

געה ווייס ווער איז דער וויסמאן!... געוועזן איז געוועזן א טעלעפאן! עס הערט דען אויף צו קלינגען? נאר געה געדענק אלע נעמען!

ווערט זי נאך מעהר אין כעס, די טאכטער מיינע:

שוין צייט, זאגט זי, אז דו זאלסט פערשטעהן וואס מען רעדט אין א טעלעפאן!...

ענטשולדיגט! אט קלינגט שוין ווידער!

האללא! שוין ווידער עפעס אן אנשיקעניש! זייט זשע מוחל, געהט פרעגט וואס מען וויל... איך הער מעהר ניט ווי איין האללא און האללא!

א מיטינג? שוין ווידער וועגן א מיטינג! א בחור, וואס הייסט מיסטער צאפעלמאן, פרעגט ווען איז דער מיטינג?

טפוי זאל דאס ווערען! נעכטען האט ער דאך אויך געפרעגט, דאס זעלבע, דער צאפעלמאן!

איך זאג אייך, איך וועל עס לאנג ניט אויסהאלטען...

אט אזוי אלע 10 מינוט... עס קלינגט! אז קלינגען זאל מיינע שונאים אין די אויערען.

און אלץ אזעלכע וויכטיגע עסקים!

איינער פרעגט, צי האט מיין טאכטער געארדערט די באטאן'ס? און ווען מארטשט מען? און אזוי כסדר. ביי טאג און ביי נאכט. אזוי ווי אין גיהנום...

און די אלטע מאמע ווערט אויסגעריסען... דא זידט דער טע־פעל... דא לויפט די מילך... דא קומט דער וואגען נאך דעם שמוץ... דא דארף מען לויפען אין מארק איינקויפען... מען איז דאך עפעס א שטיקעל בעל־הבית'טע, מיט א הויז... און אין מיטען דערינען: עס קלינגט!

איך זאג אייך, ס'איז פשוט ניט אויסצוהאלטען. כאטש לאז אלע מלאכות און שטעה גאנצע טעג און רעד אריין אין לעבעל!

עס קלינגט!

זאגט אייך, וואס איהר ווילט, די אמעריקאנער קינדער זיינען משוגע.

איהר מיינט זי אליין וויים דען וואס זי לעבט? זי עסט דען, זי טרינקט דען אין צייט? וויים איך וואס! זי איז דאך א סאסייע־טי־ליידי, א גליק האט איהר ניט געטראפען! אין גלייך ווי זי קומט פון דער ארבייט נאך ניט אוספעיעט זיך איינוואשען, שטעהט זי שוין ביים טעלעפאן. האללא און האללא, און האדי־יו־דו און האו־וא־יו. אזוי כסדר... דער סוף ווערט קאלט... די פלייש פערלירט דעם טעם און זי טעלעפאנירט...

אה, עס קלינגט שוין ווידער! איך בעט אייך, איהר זייט דאך אן איינעגער מענש, האט איהר אפשר פאר איהר א חתן? אויף מיין ווארט, זי איז א טהייער קינד! האללא! זייט זשע מוחל געהט צו און פרעגט וואס וויל מען?...

# א מעשה מיט א „פענסי״ רעסטאָראַנט.

(דערצעהלט פון אַ אידען אַ רעסטאָראַטאָר).

איהר שמועסט וועגען ריינע און שעהנע רעסטאראנטס. יע, איך וויים אויך פון דעם.

אַבער פאַר מיר זיינען זיי טריף ווי חזיר...

מיר, אז מען דערמאָהנט נאָר דעם נאָמען פון א „פענסי״ רעסטאָראַנט, לויפט מיר דורך אַ ציטער איבער׳ן גאַנצען קערפּער.

איך וויים וואס איך רעד. איך האָב ערפאהרונג. איך בין אליין אין די ביזנעס. איך בין שוין באַלד א רעסטאָראַטאָר, אזוי פיעל וויפיעל איהר עסט...

מיינט ניט, אז איך בין א געגנער פון ריינקייט, ביי מיר אין דער היים שפּיגעלט אַלץ און גלאנצט, אבער פאר אידישע ביז־נעס טויג עס ניט...

און דערהויפּט אויף דער איסט־סייד, און אין אונזער גע־גענד.

אַט הערט א מעשה, וואָס מיט מיר אליין האָט פּאַסירט.

ווי געזאָגט, בין איך שוין א רעסטאָראטאָר זעהר לאַנג, האלט מיין רעסטאָראנט שוין צעהנדליגע יאָהרען, און מאַך גאַנץ גוטע ביזנעס.

איהר זעהט דאָך, ביי מיר איז אימער „ביזי״.

נאָר איינמאָל, ס׳איז געווען מיט א פּאָר יאָהר צוריק. פער־ווילט זיך מיר פלוצלונג איבערפּיקסען מיין רעסטאָראנט.

איהר פערשטעהט, מיר האָט פּשוט דערעסען דאָס שמוץ, די ניט ריינקייט פון מיין אייגענעם פּלאַץ.

ס׳האָט זיך מיר פערוואָלט זיין מיט לייטען צוגלייך.

איך קלעהר זיך אזוי: ממה נפשך, קאסטימער האב איך, אל־טע, גוטע איינגעטרייעטע קאסטימער. מיינע אייגענע געבאקטע קייק האט א שם אין דער וועלט.

איז וואס וועט די קאסטימער ארען, אז איך וועל מיין פלאץ איבערפיקסען, און מאכען איהם ווי א בראדוויייער פענסי פלאץ? מיט גרויסע ווינדעס, ווייסע ווענט, גרויסע עלעקטרישע לאמפען. שעהנע מארבעלנע טישען, פארקעטנעם פלאר און ריינע וועיטערס?

איך קלעהר זיך אזוי: מיינע אלטע קאסטימער וועל איך דאך ניט פערלירען, זיי וועלען דאך געווים „אפרישיעיטען" מיין אר־בייט פאר זיי. און דערצו וועל איך נאך צוקריגען נייע קאסטימער, וואס געהען נאר אין „פענסי" פלעצער און מיר וועט זיך בעצאה־לען.

נאר דעם אמת געזאגט, ס'איז מיר ניט אזוי אנגעגאנגען אין די גרעסערע פערדיענסטען, ווי איך האב פשוט געוואלט האבען א „קלינעם" פלאץ.

שוין גענוג געלעגען אין בלאטע.

אלזא, ניט קיין סך געטראכט, איך האב צוגעמאכט דעם רעס־טאראנט, ארויסגעהאנגען גרויסע „סיינס", אז דער פלאץ ווערט אויפ'ם ניי איבערגעפיקסט, און דאס וועט זיין דער שעהנסטער פלאץ אויף דער איסט־סייד, און זיך גענומען צו דער ארבייט.

הכלל, ס'האט גענומען א היבשע ביסעל צייט און דער רעס־טאראנט איז געווען פערטיג.

איך האב ניט געזשאלעוועט קיין געלט, איך האב געוואלט, אז אויב „פענסי", טא זאל זיין „פענסי"!

איך האב געמאכט אלץ פון דער ברייטער האנד.

און הערט איהר, ווען דער רעסטאראנט האט זיך געעפענט איז דאס געווען, ממש, ווי זאל איך אייך מאלען? — א פאלאץ איז וועניג, ס'איז געווען א רעגעלער קייזערליכער פא־לאץ.

אלע בראדוויייער רעסטאראנטס האבען זיך געדארפט פערדר־קען ערגעץ אין בראנזוויל, פאר מיין רעסטאראנט.

איהר האָט געדאַרפט אָנקוקן דעם פּלאַץ! אַלץ איז געווען פון דאָס בעסטע און דאָס שענסטע.

די ווענט ווייס, די טישן מאַרבלענע און ריינע, די ווינדעס גרויס און פון בעסטן גלאָז, די באַלייכטונג איז געווען וואונדערבאַר.

איך האָב אַריינגעשטעלט די גרעסטע שענסטע לאָמפּן, וועלכע מען האָט נאָר געקענט קריגן.

ווען מען פלעגט אָנצינדן די לאָמפּן, פלעגט ווערן ליכטיג אויף צוויי בלאָק אַרום.

אויך וועיטערס האָב איך אַריינגענומען, הויכע און שענע, אָנגעטאָן ריין און זויבער, גאָר ווי אין די גרויסע מקומות.

הכלל, איך בין געווען זעהר צופריעדן מיט מיין אַרבייט. און דער טאָג ווען מיין נייער איבערגעפּיקסטער רעסטאָראַנט האָט זיך געדאַרפט עפענען פאַר די קאַסטימער, איז פאַר מיר געווען א יום־טוב.

איך האָב זיך געפיהלט פּונקט אַזוי ווי איך וואָלט אויסגעגעבען מיין טאָכטער.

אָבער, דאָ קומט די צרה. ס׳איז אַוועק א טאָג, ס׳זיינען אַוועק צוויי טעג, אַכט טעג, און קיין קאַסטימער זיינען ניט געקומען, דער פּלאַץ איז געווען כמעט פּוסט.

ווען ניט ווען, פלעגט זיך אַריינכאַפּן עפּעס א נייער קאַסטימער, אָבער די אַלטע זיינען אַזוי ווי אויסגעשטאָרבען, אין דער ערד אַריין, און דאַטס־אָל!

ס׳איז יאָ געווען „ביזי“, נאָר די גאַנצע „ביזי“ איז געווען גאָר „אויטסייד.“

איך וועל ניט איבערכאַפּן די מאָס, אז אין גאַס, אַרום מיין רעסטאָראַנט, פלעגן אימער שטעהן איבער הונדערט מענשן, אָבער „אינסייד“ פלעגט קיינער ניט אַריינשמעקן.

אידען, ווייבער, באָים מיט מיידלאַך פלעגן אימער שטעהן אַרום די ווינדאָוס קוקן, הנאה האָבען און אַוועקגעהן.

אַנדערע פלעגן שטעהן און שאַצן וויפיעל דער רעסטאָראַנט

איז ווערטה, וויפיעל די לאמפען קאסטען, די טישען, שאקלען מיט די קעפ, אבער אריינגעהן „אינסייד“ — לא מיט אן אלף!

האב איך דערזעהן, אז דער עולם קומט ניט, בין איך אליין ארויס צווישען עולם הערען און שמעקען „פאר וואס“ דאס איז אזוי...

ערשט, איך האב זיך דערוואוסט, אז דער עולם האט מורא: צו „פענסי“, מסתם קאסט דארט יעדע זאך א מיליאן! מען וועט אבשינדען די „הויט“, און דער עיקר עס איז צו ריין, צו זויבער, און מען וועט זיך ניט פיהלען היימיש...

איך ב־ן געגאנגען אזוי ווייט, אז איך האב אנגעשטעלט א „פולער אין“ און געשלעפט מיינע אלטע קאסטימער אין רעסטא־ראנט.

אבער אויך דאס האט ניט געהאלפען. דער עולם האט ניט געוואלט קומען.

— לאנדסמאן! — האב איך איינמאל געפרעגט מיינעם אן אלטען קאסטימער — ווארום קומט איהר ניט אין מיין רעסטא־ראנט?

— מיסטער, איהר לאכט פון מיר! — האט דער קאסטימער געזאגט — אזא „פענסי“ פלאץ איז בלויז פאר פריצים, פאר „ספארטס“, אבער ניט פאר אונזערע פראסטע מענשען.

— אבער עס וועט אייך גאר ניט קאסטען טהייערער! — האב איך זיך געבעטען — די פרייזען זיינען די אלטע!

האב איך א שפיי געטהאן אויף אלץ מיט אן אנדער, האב גענומען און פערלעגט די „ווינדעס“ מיט אלטע קייק, ארויסגעטרא־גען די פענסי טישען און אריינגענומען צוריק די אלטע... אראפגע־נומען די גרויסע לאמפען, איינגעשמירט די ווענט מיט בלאטע, געהייסען די וועיטערס אנטהאן אלטע שמוציגע רעקלאך.

און וואס זאל איך זאגען, תיכף האט דער עולם א שפאר גע־טהאן אין מיין רעסטאראנט ווי צו א פייער.

עס איז געווארען צוריק „ביזי“ ווי אין די אמאליגע צייטען.

און הלואי אויף ווייטער ניט ערגער, איך מאך גוטע ביזנעס. אמת, קיינער קוקט ניט אין די „ווינדעס“, אבער ווער דארף עס?

איהר פאַרשטעהט צי גיין: ריינקייט, שעהנקייט, „פּענסי־קייט,“ דאָס איז אַלץ פיינע זאכען, אָבער ניט פאַר אונזער געגענד...

אונזערע קאַסטימער האָבען פיינט פּריצישע אויפטועכצען, ביי א ריינעם טיש קענען זיי גאָר ניט איינזיצען, מיט א פיינעם וועטער האָבען זיי גאָר מורא צו רעדען...

אָט אזוי איז דאָס, איך רעד ניט פון אויסווענינג, איך רעד פון ערפאַהרונג.

# אַ טאָג פון עסן.

(אַ יום־כּפּור'דיגע מעשה, דערציילט פון אַ הערבסט־ענטוויקעלטען אינטעליגענט און פרײַדענקער).

געווען איז דאָס יום־כּפּור.

אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, האָב איך זיך באַלד גענומען צום עסען, וואָס איך האָב אָנגעגרייט פון נעכטען — אַ גרויסען פינף־סענטיגען טאָרט און אַ פונט ווײַנטרויבען. אויפ'ן הארצען איז מיר געווען גרינג — אַ מחיה: פאַר מיר איז געשטאַנען אַ שעהנער, אַ פרעהליכער טאָג פון עסען און טרינקען און זיך לאָזען וואוילגעהן.

איך האָב באַלד ארויסגענומען מײַן ביכעל מיט'ן יום כּפּור מאַרשרוט, וואָס איך האָב נאָך געמאַכט נעכטען...

איך האָב געהאַט וואוהין צו געהען.

שוין מיט אַכט טעג צוריק האָב איך בעשטימט צו בעזוכען גאַנצע זעכצעהן פּלעצער בײַ מײַדלעך, ווײַבלעך, אידענעס, פאַמיליעס, בחורים א. אז. וו.

מ'קען דאָך אַזאַ טאָג ניט פּטר'ן אומזיסט!

אײַן מײדעל האָט צוגעזאָגט מאַכען אַ פּאַרטי, איינע האָט געבאַקען אַן אייגענעם „שטרודעל", בײַ אײַן פאַמיליע וועט זײַן אַ גאַנצע חופּה־וועטשערע מיט הוהן, ווײַן, ביער, טהיי און ווארע־ניעס — אַלץ פריש און גוט. מיט אײַן וואָרט: חי געלעבט!

עטליכע ערטער האָב איך אויך געהאַט אין ברוקלין און אין בראָנזוויל.

דורכשטודירענדיג מײַן מאַרשרוט, אײַל איך זיך געהן.

צום ערשטען לאָז איך זיך גלײַך צו מיס פּוטער, אויך אַ פרײַדענקערין. דער זייגער איז געווען 9. איז אַ טאָג פון אַ גאַנץ

יאָהר וואָלט איך ניט געהאַט די העזה צו קלאַפּען אַזוי פריה צו איהר אין שלאָף־צימער, נאָר היינט, ווער הערט דאָס?... היינט איז אַלץ אַ כּפּרה — מען מעג.

אַריינטאַנצענדיג צו איהר אין בעדרום, האָב איך געפונען מיס פּוטער ליגענדיג אין בעט, מעשה פּרינצעסין, מיט צופּלאָנטערטע האָר און דעקאָלטע, גריזשענדיג אַ גרויסען עפּעל. מיס קעזעל, איהר פריינדין, איהר שותּפ׳טע צום צימער, האָט זיך גראַד צוגעקאַמט די האָר. אין איין ווינקעל פון איהר מויל האָט זי געהאַלטען אַרויס־געשטעקט די האָר־נאָדלען און אין צווייטען ווינקעל — אַ פּיסעל פון אַ הוהן. איך האָב קיין סך ניט גערעדט (אין אַזאַ צייט רעדט מען ניט) און זיך גענומען זוכען אין אַלע ווינקעלעך, באַלד אַרויס־געשלעפּט אַ גרויסען פּאַפּירענעם זעקעל מיט קוכען און קוכענדלעך, אַ שוואַרצער זאַק מיט עפּעל, באַנאַנעס און באַרען, אַ היבש קעס־טעל מיט טשאָקאָלאַד און קאָנפעקטען און זיך גענומען צו דער אַר־בייט. פלייסיג פערזוכט פון אַלצדינג צוביסלעך, געשאַסען מיט באַ־נאַנע שאָלעכטס אין מיס פּוטער, מיט טשאָקאָלאַד אין מיס קעזעל און מיט אַ ניגון זיך געלאָזט לויפען צו מיין בעסטער פריינדין, מיס היהנער־שטייגעל, די וואָס באַקט אייגענעם „שטרודעל,“ דאָרט האָב איך געכאַפּט אַ זעקס שטיקלאַך „שטרודעל“ מיט אַביסעל וואַרעניע, און אַהן שהיות זיך געלאָזט לויפען צו מיס איינגעמאַכטס. דער זיי־נער איז געוועזן האַלב נאָך צעהן. ביי מיס איינגעמאַכטס האָב איך שוין געפונען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגע לייטלעך מיט ברילען און אָהן ברילען, מיידלעך מיט טאַליעס און אָהן טאַליעס — אַלע הויכע אינטעליגענטען און פריידענקערס. זיי אַלע האָבען געגעסען, געזונ־גען, געשריען, זיך געוואָרפען און דערהויפּט געלאַכט...

מיר האָט מען באַלד געגעבען אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ און איך האָב זיך געזעצט שטילען מיין הונגער...

פערטיג געוואָרען, האָב איך פערכאַפּט מיינעם אַ פריינד און מיר האָבען זיך געלאָזט לויפען צו אַ יונג פּאָר־פּאָלק, מיסטער און מיסעס דינסטייק. דאָרט ביי אַ טיש מכל טוב, האָבען מיר געפונען נאָך אַזעלכע פּאָר־פּאָלקס — דאָרט איז געווען שטיל און אַנשטענ־דיגע. מ׳האָט געגעסען בעל־הבת׳יש און גערעבאַטירט וועגען סאָניז,

קראוואטען, קארל מארקס, אפערא און קארסעטען, מאדער־ניזם און הוטען; מיר איז דאס אבער היינט ניט געקראכען אין קאפ. איך האב געדארפט מקיים זיין די מצוה פון עסען אום יום כפור. — דער זייגער האט שוין געשלאגען 12 און ביז איינס האב איך געמוזט זיין אין ברוקלין ביי מיינעם אן אלטען בעקאנטען, אנארכיסט, א לעזער פון „טאגעבלאט“, א הויזען־אפערייטאר און א שטענדיגער יום־כפור׳דיגער סעודה־מאכער.

אז איך בין א פערשוויצטער, אן אויסגעמאטערטער און הונ־געריגער אריינגעפאלען אהין, האב איך געטראפען א היבשען עולם, טרינקענדיג טהיי מיט שנאפס. מ׳האט מיר באלד געגעבען עסען.. איך האב אריינגעווארפען א פאר ווערטער וועגען דער אנארכיסטי־שער געזעלשאפט און איהר שייכות צו הוהן־פאלקע — און איך בין אנטרונען.

איך האב געמוזט לויפען אין ניו יארק, ווייל דארט האב איך געהאט צו מאכען א בעזוך מיינעם א פריינד פון דער קאונטרי, וואס עסט מיט מיר אלע יום־כפור א סטייק אין א 15־סענטיגען רעסטא־ראנט אויף דער בויערי און צאהלט פאר מיר אויך.

געקומען. געפונען. בין איך מיט איהם א טויט־הונגעריגער אוועק אויף דער בויערי און זיך גענומען צום סטייק... פון רעסטא־ראנט האבען מיר זיך אריינגעכאפט אין א סאלון און פערטרונקען מיט ביער...

בעגלייטענדיג מיין פריינד צו דער קאר, האב איך אנגעטרא־פען א גאנצע קאמפאניע, מארשירענדיג צו בראדוויי. איך בין צו־געשטאנען צו זיי... דארט האבען מיר אויסגעזוכט א וועגעטעריא־נעם רעסטאראנט און כאטש איך בין דאגעגען, אז מען זאל אין אזא טאג זיך פערנעהמען מיט אזעלכע נארישקייטען ווי וועגעטעריא־ניזם, בין איך אריין אהין אויך...

ביז נאכט איז נאך געבליבען א פאר שטונדען. מיר האבען זיך צוטיילט אין קליינע גרופען און הונגעריגע, פערשמאכטע זיך געלאזט זוכען א דייטשע קאפע... דארט האט געקאכט ווי אין עליס־איילאנד. מעסערס און גאפלען אין אידישע הענד האבען פלייסיג

געארבייט, אידישע קינדער האבען ביטער געשוויצט: איך האב ממש אויף זיי רחמנות געקראגען... אן ארים פאלק!

איך האב געארדערט א לעבער־סטייק, סופען־פלייש, צוויי גלעזער קאקא און זיך געלאזט לויפען צו מיין קוזינע אפפאסטען...

מיין קוזינע האט מיך געקענט פון דער היים, און געדענקט נע־בעך, אז איך פאסט. איך פלעג האלטען פאר מיין הייליגען חוב זי נימו אויפצוקלעהרען, און בפרט, אז זי באקט זעהר גוטע פלעדלאך. ס'איז געווארען נאכט.

אריינפאלענדיג בים טויט און נים לעבעדיג צו מיין קוזינע, האט זי מיר גלייך געטראגען אנטקעגען א גלעזעלע ווישניאק מיט א היבשען פלעדעל. איך האב זיך אפגעפאסט, אפגעכאפט דעם אטעם און געוואונשען איהר א גוט יאהר...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גאנצע 4 וואכען בין איך נאך דיעזען יום־כפור געלעגען אין האספיטאל, און דאס האט מיך אויך אויסגעהיילט פון מיין פריי־דענקעריי.

# אַט דאָס הייסט געשטאָרבען.

(אַ וואונדערליכע מעשה, פון 1000 און 1 נאַכט וועלכע קען זיך בלויז פּערלויפען אין נויאָרק.)

דאָס איז געשעהן אין ניו יאָרק, אין דער שטאָדט, וואו עס געשעהט אַלעס. אַ פעראיין, אַ רעגעלער פעראיין, מיט אַ פּרעזידענט, סעקרעטער, טרעזשורער, סיק בעענפיט און אַן אייגענע אויסגעצאָהלטע סעמעטערי, איז אין אַ שעהנעם ווינטער אבענד, אין גאַנצען אויסגעשטאָרבען (אויסער דעם פּרעזידענט פון דעם פעראיין, וואָס האָט מיר איבערגעגעבען די דאָזיגע געשיכטע).

און אויסגעשטאָרבען איז דער פעראיין ניט פון אַן עפּידעמיע, ניט פון אַן איבערפאַל פון אַ שונא, אָדער אַן אַנדער סיבה, נאָר גאָר פון עפּעס אונגעוועהנליכעס.

צופעליג האָב איך אריינגעטופּט אין דער הויז וואו ס'וואוינט דער פּרעזידענט פון דעם דאָזיגען פעראיין, וועלכער איז איינער אליין נאָר געבליבען לעבען, וועלכער איז אין אַ געוויסען זין, דער פעראורזאכער פון דער דאָזיגער וואונדערליכער געשיכטע און וועלכער האָט זי מיר טאקע אליין דערצעהלט.

---

— יונגערמאַן, איהר ווילט וויסען די שרעקליכע געשיכטע? ס'איז פאָרגעקומען אזוי: אונזער פעראיין „אנשי לעקיש-בער" איז געווען אין אמת'ן בליהענדען צושטאַנד. געוועהנליך, אַ דאנק מיין אונערמיעדליכער ארבייט. אַ פּאָר טויזענד דאָלאַר אין דער קאַסע, אַן אויסגעצאָהלטע סעמעטערי און כמעט אַלע געזונטע מעמבערס. פאַר די לעצטע 5 יאָהר איז ביי אונז געווען איין טויטען־פאַל, און דאָס אַ פיינטער...

ויהי היום, דארף זיך אבער מאכען, און א גנב האָט זיך אריינ־געכאפּט אין אונזערע רייהען. בקיצור, איך וועל אייך מאכען קורץ, אונזער טרעזשורער, ר׳ אבעל ניטזיכערסאָן, האָט פערכאפּט עטליכע דאָלאר.

געוועהנליך האָב איך דער ערשטער ענטדעקט די גנבה. איז דאָך געוואָרען א סקאנדאל: סטייטש, אונזער בלוטיגע געלד צוראַ־בעוועט מען!

און אלע האָבען גענומען שרייען אין איין קול, מען זאָל איהם אַנלערנען!

בקיצור, איך וועל עס אייך מאכען קורץ און גוט. איך האָב צו־נויפגערופען א מיטינג און מיר האָבען בעשלאָסען, אז מען זאָל אַנ־געבען אין קאורט און איהם אַנלערנען.

האָט מען איהם ארעסטירט, האָט דאָך אבער דער איד, דער טרעזשורער, ר׳ אבעל, געהאט א ווייב אויף דער וועלט, איצט איז זי שוין אויף יענער וועלט.

איז ווי דער שטייגער, א ווייב, האָט זי גענומען לויפען, וויי־נען, קלאָגען, איינלעגען א וועלט: ווי סטייטש, אייגענע לאַנדס־לייט זאָלען זיין אזעלכע גזלנים! אן אייגענעם ברודער, א לאַנדס־מאַן וואָס, האָט א ווייב מיט קינדער, פערשיקען אין פריזאָן! ווי סטייטש, ווי סטייטש?!

זיינען דאָך אידען בני רחמנים, האָט מען גערופען א מיטינג און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אז רב אבעל זאָל ערגעץ קריגען געלד, אָפּגעבען די געלד אונז און מען וועט לאָזען די קעיס פאַלען...

בקיצור, איך וועל אייך מאכען קורץ און גוט, ער האָט ערגעץ געקראַגען געלד און מען האָט די „קעיס" צוריבען.

איז דאָך גוט, האַ?

איז דאָך אבער ר׳ אבעל א „יאַבעדניק" פון דער היים, א נוקם ונוטר, האָט ער זיך פערשוואָרען, אז ער וועט ניט שווייגען, ער מוז נעהמען נקמה פון פעראיין, און דערהויפּט פון מיר, דעם פּרעזידענט!

איז ער אוועק און גענומען לאָיערס, עטליכע לאָיערס מיט אמאָל, און פערקלאָגט דעם פעראיין אויף 15 טויזענד דאָלאר פאַר בעליידיגונג און שאַדען איהם אין ביזנעס!

— איהר ווייסט וואָס פאַר אַ ביזנעס דער מאַן האָט געהאַט?
אַ גראָסערקע, אודאי ווערטה הונדערט דאָליאַרעס, אַרום און אַרום!

בקיצור, איך וועל אייך מאַכען קורץ און גוט, ער האָט גע־סטראַשעט, אַז ער האָט אַ גוטע „קעיס“, אַז דער פּעראַיין האָט איהם דאָן ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרעסטירען, און אַז ער וועט אויס־טהאָן דעם פּעראַיין פון העמד, ער וועט צונעהמען די קרקע און אַ סוף צו דער סעמעטערי!

איז דאָך מן הסתם געוואָרען אַ טומעל ביי לאַנדסלייט, שוין איינמאָל אַ סומאַטאָכע, ווי סטייטש, ווי דערלאָזט מען עס, אַז אַבעל זאָל אויספיהרען געגען אַ גאַנצע עדה אידען! ווי סטייטש, ווי קען מען עס דערלאָזען, אַז ער זאָל צונעהמען אונזער סעמעטערי! וואו איז סאָטיספעקשאָן?

און געוועהנליך, איז מען געקומען צו מיר שרייען. האָב איך צונויפגערופען אַ מיטינג און מיר האָבען בעשלאָסען צו נעהמען אַ לאָיער און פייטען.

בקיצור, איך וועל אייך לאַנג ניט ציהען די עצמות, ס'איז גע־ווען אַ טרייעל און דער דזשאַדזש האָט געפונען, אַז אַבעל האָט רעכט, אַז דער פּעראַיין האָט ניט געהאַט קיין רעכט איהם לאָזען אַרעסטירען, איידער מען האָט ניט איבערגעקוקט די ביכער... און לכן, דאַרף מען איהם אָפּצאָהלען שטראָף. נאָר אנשטאָט פופצעהן טויזענד, האָט ער פּריסודיעט זיבען טויזענד און פינף הונדערט, פונקט אַ העלפט.

איז דאָך געוואָרען אַ גרעסערער „ויצעקו“, אַמעריקאַנער דזשאַדזשעס! אַ שעהנע גערעכטיגקייט! וואו איז עס געהערט גע־וואָרען, אַז איינער זאָל געווינען געגען אַ גאַנצער עדה!

געוועהנליך, בין איך דאָך עפּעס אויך ניט פון די, וואָס זיי־נען צעהן פאַר אַ פּעני, האָב איך גענומען נאָך אַ גרעסערען לאָיער, און מיר האָבען די קעיס אַפּעלירט.

בקיצור, די צוויי טויזענד דאָלאַר פון פּעראַיין'ס קאַסע זיינען אַוועק אויף לאָיערס און צום סוף האָבען מיר ווידער די קעיס פער־לאָרען. אלזא, די סעמעטערי איז אויס.

איהר דארפט פערשטעהען ווי יעדען מעמבער פון פעראיין האט עס געברענט, א קלייינגקייט סאטיספעקשאן!

און נאך אין דעם זעלבען טאג האב איך גערופען א מיטינג, טאקע צו מיר דא אין הויז און איך האב זיך געשטעלט און גע־האלטען פאלגענדע רעדע:

ברידער און לאנדסלייט! מיר לעבען איצט איבער א טרויע־ריגע שטיקעל צייט, דער חורבן בית המקדש איז גארנישט געגען אונזער חורבן! אויב איהר וועט מיך ניט פאלגען, וועט די סעמע־טערי געהן פערלארען.

און איצט ברידער און לאנדסלייט, בלייבט נאר איין עצה. אום ניט נאכצוגעבען דעם כלב, אום איהם ניט געבען קיין סאטיספעק־שאן און די סעמעטערי זאל בלייבען אונזערע און ער זאל עס ניט קענען פערקויפען, מאך איך צום פארשלאג, אז דער פעראיין זאל זיך לעגען און אוועקשטארבען נאך היינט אבענד!...

אייביג לעבט דאך א מענש סאי ווי סאי ניט, פריהער אדער שפעטער וועלען מיר דאך מוזען שטארבען — טא זאלען מיר כאטש ליגען אויף אונזער אייגענער קרקע און ניט געבען קיין סאטיס־פעקשאן צו ר׳ אבלען, דעם פארך!

— אונטערשטיצט! — האט דער גאנצער פעראיין ווי איין מאן אויסגערופען, עס לעבע אונזער פרעזידענט!

און אזוי איז בעשלאסען געווארען, אז דער גאנצער פעראיין „אנשי לעקוש־בער" זאל אויסשטארבען ווי איין מאן.

מען האט עס פערשריבען אין פראטאקאל, געוועהנליך, האב איך אבגערופען אן אנדערטייקער, זיך בעדונגען האלסייל פאר קערידזשעס און דער פעראיין האט זיך ווי איין מאן אוועקגעלעגט און איז אוועקגעשטארבען און אויף מארגען איז געווען די גרויסע לויה.

און מען האט אלעמען בעגראבען אויף דער אייגענער סעמע־טערי, און ביז ר׳ אבעלע האט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, ווייל אלע איז צוגעגאנגען זעהר שטיל, איז שוין געווען שפעט, קיין מתים גראבט מען ניט ארויס צוריק פון די קברים.

איהר פרעגט אודאי, ווי קומט עס, אז איך, דער פרעזידענט, לעב און דערצעהל אייך די וואונדערליכע געשיכטע?

וואס איז דא צו פרעגען? אימיצער האט דאך געמוזט בלייבען: ערשטענס, אום צו זעהען, אז אלעס זאל צוגעהן אין ארדנונג, און צווייטענס, אום צו נעהמען „סאטיספעקשאן" אז דעם טרעזשורער אבעל ניטזיכערסאן.

און געוועהנליך בין איך דאס געבליבען.



# יינדיגע מענשען

# מילא.

האב איך מיר אריינגעמופט צו א נייער מיסים.

מילא...

האט זי געהאט א מאן, א מאן ווי אלע מענער, מיט צוויי אויגען, וואס קוקען מיט חשד אויף א בארדער... מיט צוויי הענד, וועלכע קענען בענוצט ווערען אויסצופאטשען אונזער'ן א ברודער.

האב איך, הייסט עס, אריינגעמופט צו א נייער מיסים.

די ערשטע טעג, ווייסט איהר דאך מסתמא, איז מען א דזשענטעלמען, מ'רעדט דייטש, מ'זאגט „גוד מארנינג", שטעהענ־דיג אויפ'ן שוועל פון שלאף־צימער... נאר די ערשטע פאר טעג לויפען אוועק און עס פאנגט זיך אן א סדרה פון געווינען — — —

געווינען חן, געווינען צייט, און דערהויפט טאקע געווינען זי, די מיסים...

מילא...

האב איך הייסט עס גענומען זיך צו דער ארבייט.

איז אבער געווען אן אנדער אומגליק; אויסער דעם מאן, וואס איז־צום גליק געווען א קעלנער און געארבייט א גאנצע נאכט, האט מיין מיסים געהאט נאך א בארדער, וואס האט אריינגעמופט מיט א טאג פריהער פאר מיר, אויך א דזשענטעלמען און וואס האלט אויך פון געווינען.

מילא...

איז דאך אויף דערויף דא א ווארט: קאמפף... קאמפפפלוס־טינקייט...

האב איך זיך גענומען קעמפפען...

האב איך הייסט עס געהאט אן ארבייט צו פלייסען זיך נענען צווייטען בארדער.

מילא...

ער רעדט דייטש: איך נאך מעהר ווי דייטש...

ער שפרעכט ארוים: מיסעם אוואו האבען זי היימע דעם זייף פערלעגט וואלטען?...

און איך שפרעך ארוים: מיסים אוואו, האבען, האבען זי דאס רייניגונגס־מיטעל צום געזיכטס־פנים אהינגעטאהן זאלען? א. אז. וו.

מילא...

איז אבער געווען נאך אן אומגליק... מיין מיסים האט אויסער מיך און דעם צווייטען באָרדער געהאט א „קאזין" און אויך א דזשענטעלמען, פלעגט אויך שפרעכען דייטש און קומען צו אונז יעדען טאג צו גאסט...

מילא...

איז דאך אויף דערויף דא אויף דער וועלט „אחדות", איי־ניגקייט הייסט עס. פלעגען מיר, איך און דער צווייטער באָרדער, ניט צוזאמענרעדענדיג אפילו — איהם נעהמען קיבעצען, אונטער־לאזען שפילקעס, ענג מאכען, און ווארטען ביז ער זאל אפטרע־טען...

מילא...

איינמאל אבער, ס'איז געווען פונקט צעהן טאג ווי איך האב אריינגעמופט, האב איך בעשלאסען, עס מעג מיך קאסטען מיין לאזשי, מיין האלבער מאנאט רענט, איך מוז זי געווינען!...

סטאפ איך זיך אפ א טאג, דינסטאג, פוץ זיך אויס אין מיין נייער „מאנהעטען שוירט" און גרייט זיך איינלאדען זי אין מוא־ווינג פיקטשורס.

מילא...

דענק איך דאך, אז נאר איך בין קלוג און אי איך בין איי־נער...

פאלט אבער הפנים דעם צווייטען באָרדער אויך איין דערזעל־בער געדאנק; אז עס מעג איהם קאסטען זיין לאזשי, זיין האלבער מאנאט רענט, און „וואו טשטאבי טא ניע סטאלא", ער מוז זי גע־ווינען!...

סטאפט ער אויך אפ דינסטאג, פוצט זיך אויך אוים אין זיין

נייער „מאנהעטען שירט“ און גרייט זיך אויך זי נעהמען אין מוא־ווינג־פיקטשורס...

מילא...

וואָלט איך זיך שוין מיט איהם ווי ס'איז פערמאָסטען...

פאַלט אבער איין אויך דעם מיסים קאַזין צו סטאפּען דינס־טאג, פוצט ער זיך אויך אוים אין זיין „מאנהעטען שוירט“ און קומט זי אויך איינלאַדען אין מואווינג־פיקטשורס...

מילא...

זיינען מיר שוין אלע דריי גוט אויף צרות...

זיצען מיר אלע אין קיך, טרינקען הייסע טהיי, ווייסען ניט וואָס אנצופאנגען צו טהאָן, און ווארטען בלויז, ווער פון אונז דריי וועט גיכער מיאוס ווערען דאָס „ווארטען“...

מילא...

ווארטען מיר אלע דריי... שפּעט, שפּעטער... דער זייגער שלאָגט זעקס. קיינעם פון אונז ווערט ניט מיאוס... דער זייגער שלאָגט זיבען — קיינער פון אונז געהט ניט... דער זייגער שלאָגט אכט, ניין, צעהן, עלף... קיינער ריהרט זיך ניט פון אָרט...

דער זייגער שלאָגט צוועלף...

מילא...

וואָלט עס שוין אויך ניט געווען קיין אומגליק. אונזערער א ברודער איז שוין געוועהנט צו א „דורכפאל“...

פאַלט אבער איין דעם מיסטער א גערדאנק (אויף דעם זעלבען דינסטאג) איינמאָל פאר אלע מאָל צו מאכען א סוף צו יאָגעניש, פוצעניש און דרעהעניש ארום זיין ווייבעל.

סטאפּט ער אָפּ פונקט 12, לאָזט דעם רעסטאָראנט און...

פּלוצלונג — עס עפענט זיך די טיהר און דער מיסטער ער־שיינט... און דאָוואי מאכען א סקאנדאל, און דאָוואי שרייען: וואָס איז דאָס פאר א ביזנעס אזוי צו זיצען ארום זיין ווייבעל!... וואָס איז דאָס פאר א היטעניש אזא... ער קען זי אליין היטען! און — יאָוואי פעטש...

מילא...

האָב איך שוין ווידער אריינגעמופּט צו א נייער מיתים...

# די געדולד פון א פרוי.

דערצעהלט מיר א יונג שעהן ווייבעל: אנקעגען דעם וואס מען זאגט געדולד. א מאן ווי א מאן, א פרוי מוז האבען געדולד!... ווען א פרוי האט ניט קיין געדולד, פערלירט זי זיך און זי איז אויף צרות...

אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה, וואס טאקע מיט מיר אליין האט געטראפען לעצטע וואך. הערט אויף א טשיקאוועסט!

איך זיץ אזוי ביי טאג אליין אין הויז, ווי געוועהנליך אלע טאג. מיין בענדזשאמין איז אין שאפ. זיץ איך מיר אזוי און לעז דעם ראמאן פון צייטונג, איך האב זעהר ליעב לעזען ראמאנען. ווען ניט די ראמאנען, וואלט איך ניט געוואוסט וואו אהינצוטהאן זיך פון לאנגווייליגקייט.

זיץ איך מיר אזוי און לעז דעם ראמאן, ערשט מען קלאפט אן אין טהיר.

— קאם־אין!—זאג איך. און עס קומט אריין אונזער בארדער, וואס האט ערשט מיט א וואך צוריק צו אונז אריינגעמופט אין דער סעפערעט רום, וואס מיר האבען. איך וויים גאר ניט ווער ער איז, איך האב נאך ניט אוספעיעט אויסריידען מיט איהם א פאר ווערטער, איך וויים בלויז, אז מען רופט איהם מיסטער שווענבעל.

קומט ער אריין, דער מיסטער שוועלבעל און זאגט — האללא!
ענטפער איך איהם, האללא!

שווייגט ער א ווײלע און פרעגט מיך: אויב איך האב ניט דאגעגען, אז ער זאל מאכען טהיי?

זאג איך, אז ניט.

שווייגט ער ווידער א ווײלע און רופט זיך אן: ער האט היינט

געקראַגנע קאָפּ־שמערצען, האָט ער געמוזט סטאָפּען אַ האַלבען טאָג.

ראָטה איך איהם פון ערעלקייט וועגען: ער זאָל נעהמען אַ הערינג־פּוידער. און מעהר רעד איך מיט איהם ניט. ווייל וואָס האָב איך מיט איהם וואָס צו רעדען? איך קען איהם נאָך גאָר ניט, ער האָט ערשט לעצטע וואָך אַריינגעמופּט. זיץ איך און לעז אַלץ מיין ראָמאַן און ער שטעהט און פּייפט עפּעס אונטער.

פּלוצלינג, הערט אַ חוצפּה! קומט ער צו מיר צו, און ניט זאָגענדיג קיין וואָרט, נעהמט ער מיך אָן ביי דער גאָמבעטשקע פּונקט ווי מיין מאַן.

הויב איך אויף איהם אויף די אויגען פון מיין ראָמאַן, קוק איהם אָן ווי משוגע, שווייג און זאָג גאָר ניט... ווייל וואָס זאָל איך איהם זאָגען? איך קען דאָך איהם גאָר ניט. ער האָט דאָך ערשט לעצטע וואָך אַריינגעמופּט!

שווייג איך און ער האַלט מיך ביי דער גאָמבעטשקע... און נאָכדעם, איך שעהם אייך גאָר צו דערצעהלען, נעהמט ער און הויבט מיר אָן גלעטען מיט די פינגער איבער די באַקען פּונקט ווי מיין מאַן, זאָל עס גאָר פּעהלען אַ האָר! קוק איך איהם ווידער אָן ווי משוגע און שווייג... ווייל וואָס זאָל איך איהם זאָגען? איך ווייס דען ווער ער איז? איך האָב דען מיט איהם ביזנעס? ער האָט דאָך ערשט לעצטע וואָך צו אונז אַריינגעמופּט!

אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט. באַלד נעהמט ער און בויגט צו זיין קאָפּ צו מיינער, פּונקט ווי מיין מאַן, קוק איך איהם אָן און נאָך מעהר ווי משוגע און זאָג קיין וואָרט ניט... ווייל וואָס זאָל איך זאָגען? אמת, ער איז מיט מיר ניט קיין מחותן, ווייל טאַקע וואָס בין איך מיט איהם? איך קען איהם גאָר ניט. איך ווייס בלויז אַז ער הייסט מר. שוועלבעל! אָבער איך בערעכען, אַז אַ אַ פרוי דאַרף האָבען געדולד, אַ פרוי מוז זיין זעהר געדולדיג, ווען זי וויל פיהרען אַ גליקליכען פאַמיליען־לעבען.

האַלט ער זיין קאָפּ צוגעבויגען צו מיינעם... איז איהם אָבער הפּנים דאָס אויך ווייניג... נעהמט ער, איך שעהם אייך גאָר דערצעהלען, און דריקט מיר אָפּ אַ קוש אין סאַמע אויף די ליפּען. פּונקט

ווי מיין מאַן, זאָל עס גאָר פעהלען א האָר... מיט דער זעלבער היץ. און נאָכדעם הערט א העזה פון א מענשען? האָט ער זיך גענומען מיר קושען די אויגען, דעם שטערען, די האָר, די האלז, איך שעהם זיך אייך גאָר דערצעהלען. קוק איך איהם טאקע שוין אָן ווי דעם ריכטיגען משוגע'נעם און שווייג ווייטער...

היינט, זאָגט אליין, בעוואונדערט איהר ניט מיין געדולד און די חוצפה פון מיין באָרדער. ערשט נעכטען אריינגעמופט און שוין א גאנצער מחותן...

# שלמה גאָרגעל.

(אַ סוכות׳דיגער ראָמאַן אין 5 טהייל מיט אַן עפּילאָג).

## 1.

ס׳איז געווען די ערשטע נאכט סוכות. א גאנצען טאָג האָט געשפּריצט א דינער רעגענדיל. ס׳איז געווען קאַלט, אָסיענדיג.

שלמה גאָרגעל, א איד אין די פערציגער, מיט א בייכעל, א שפּיציג בערדעל און א פּאָר שמאַלציגע אויגען, דער פּרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן אנשי פּופּיק פון הארלעם, האָט זיך געקליבען געהן שלאָפען אין סוכה.

רופט זיך אָן צו איהם באשע־לאה זיין ווייב, א אידענע קליין, ווי אַן אתרוג און דאַר ווי א וואורשטעל.

— שלמה, געה ניט שלאָפען אין סוכה. עס איז קאַלט און נאַס. דו וועסט זיך נאָך חס ושלום פערקיהלען!

ענטפערט איהר שלמה און גלעט דעם בייכעל.

— באשע לאה! וואס מיינסטו, איך בין דער אנארכיסטעל פון נעקסט דאָר? א פרומער איד מוז עסען און אויך שלאָפען אין סוכה!

— אָבער דאָס איז דאָך אמעריקא און איינשטעלען דאָס לע־בען בעצאָהלט זיך ניט! — פּרובירט איינצו׳טענה׳ן באשע־לאה.

— טאקע ווייל ס׳איז אמעריקא, דארף מען צייגען די שאר־לאטאנעס, אז מען קען אויך דאָ זיין א איד ווי אין דער היים, — ענטפערט שלמה און לאָזט זיך געהן אין סוכה.

---

## 2.

אויף מאָרגען אבענד איז ווידער געווען קאַלט און נאַס. שלמה האָט זיך ווידער געלאָזט געהן שלאָפען אין סוכה.

— שלמה! דו קוילעסט זיך אָהן א מעסער! — האָט ווידער געזאָגט באשע־לאה. — דו האָסט דאָך היינט אזוי געהוסט.

— עט, ס'איז גאַרנישט! — ענטפערט שלמה, — און אז מען שלאָפט אין הויז, טרעפט דען ניט, אז מען פערקיהלט זיך?

און שלמה גאַרגעל האָט ווידער געשלאָפען אין סוכה.

---

3.

דער צווייטער טאָג סוכות. אויף די טרעפ זיצען שכנות. ברכה גיטעל דעם גראָסערימאַן'ס, ציפע דוואָשע די ביגלערשע און באשע לאה שלמה גאַרגעל'ס, די ווייב פונ'ם פרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן אנשי פופיק פון האַרלעם, און מ'שמועסט.

— אייער מאַן איז טאַקע א גאָט־בענשונג, — רופט זיך אָן ברכה־גיטעל, — איך האָב געהערט ער שלאָפט אַלע נאַכט אין סוכה. און מיינער וויל אַפילו אהין ניט אריינשמעקען.

— און מיינער, — זאָגט ציפע דוואָשע די ביגלערשע, — אויסגערונען זאָל ער ווערען! איך האָב איהם נעכטען געטריבען אין סוכה, נעהמט ער און זעצט זיך שפּיעלען אין פינאַקעל.

— און איך וואָלט בעסער זיין צופריעדען, — זאָגט ארוים מיט א קרעכץ באשע־לאה, — אז מיין שלמה זאָל שלאָפען אין הויז. ער האָט אין סוכה געכאַפּט „א קאָלד" און הוסט נעביך.

— אָט דאָס הייסט א פרומער איד! — זאָגט ציפע דוואָשע.

— א גאָט־בענשונג! — כאַפּט אונטער ברכה גיטעל.

---

4.

און ס'איז געווען דער פינפטער טאָג סוכות־נאַכט די לבנה האָט זיך בעוויזען אויפ'ן הימעל, א ריינע און א קאַלטע אזוי ווי „א שיסעלע אייז־קרים־פּאַמעראַנץ", נאָר אביסעלע גרעסער. דער קיך־זייגער האָט שוין געשלאָגען צוויי. אויף אַלע גאַרען'ס האָט מען שוין געשלאָפען, נאָר איינע איז גהעסען לעבען פענסטער און ניט געקענט שלאָפען, דאָס איז געווען באשע־לאה שלמה גאַרגעל'ס, די ווייב פונ'ם פרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן אנשי פופיק פון האַר־לעם. עס האָט זיך איהר עפּעס ניט געשלאָפען.

שלמה איז געווען ווי געוועהנליך אין סוכה. עס איז היינט נאָך קעלטער ווי נעכטען. ער הוסט, זי

האט שוין איהם היינט געמאכט א „גאגעל־מאגעל“ פון גאנצע פיער אייער. ער איז אן עקשן, איהר שמואל, ער מיינט, אז ער וועט ראַ־טעווען די אידישקייט אין אמעריקא, — קלעהרט זי. און פלוצלונג דערמאָנט זי זיך ווי די שכנות בענשען זיך מיט איהר מאן און ס'ווערט איהר ווארים אויפ'ן הארצען: זי האָט דאָך א פרומען איי־דען פאר א מאן! און זי בעשליסט נעהמען נאָך א קאַלדרע געהן אין סוכה, זעהן ווי ער שלאָפט און איהם בעסער צודעקען.

## 5.

און ס'איז געווען פונקט האלב נאָך צוויי, די לבנה האָט גע־שיינט, די סוכה איז געשטאַנען א פערטרוימטע אין „יארד“ און האָט אויסגעזעהן ווי א פילקע אריינגעווארפען אין א מיסט־פע־סעל.

באשע־לאה געהט מיט שטילע טריט צו דער סוכה, בלייבט שטעהן ביים טיהר. זי וואָלט געשוואָרען, אז זי הערט ווי מ'שושקעט זיך דאָרטען...

זי לײגט צו דעם אויער, ווערט נייגעריג און זי הערט:

— קאַבאַנא מאַיא! קאַבאַנא!

דוכט זיך איהר, אז עס איז איהר שלמה'ס שטימע. זי ווערט בלייך, בויגט זיך נאָך מעהר איין און זי הערט ווי מ'קושט זיך...

איז דאָס מעגליך? איהר מאן? דער פרומאק, און אין סוכה?

און זי שרייט אוים און פאלט אין חלשות. די סוכה גיט זיך א טרייסעל און פאלט איין מיט א קראַך.

### עפילאָג.

ווען די שכנים זיינען אנגעלאָפען ניט־טויט און ניט־לעבע־דיג, האָט מען פון אונטער די ברעטער ארויסגעצויגען שלמה גאַר־נעל דעם פרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן אנשי פופיק פון הארלעם, אין א יארמולקע מיט א צופליאטשעטע נאָז און די שיקסע פון דעם דערבייאיגען רעסטאָראַנט אין א ווייסען פארטוך מיט אן אויס־געלינקטע פוס. און ניט ווייט פון זיי באשע־לאה מיט'ן קאַלדרע אין האַנד, האַלב טויט.

אַן אמבולאנס האָט זיי אלע דריי אבגעפיהרט אין האספּיטאל.

# אַן עבירה די הויזען.

(מעשה'לע).

דוכט זיך, וואָס קען זיין איינפאַכער ווי א פּאָר הויזען און דאָך קען מען פון זיי א סך לערנען אפילו וועגען דער ליעבע.

1.

ער איז געווען א בחור, א כּערליעבטער.

פלעגט ער קומען צו איהר אין איהר צימער.

און קומען פלעגט ער, א פערפּוצטער. א רויט־בעשניפּסעלטער און ווייס באַזאַקעטער.

ער איז געווען א „ספּאָרט".

און פלעגט זיך אָפּגעבען מיט אַזעלכע זאַכען.

אָבער דער עיקר פלעגט ער אכטונג געבען אויף די הויזען.

זיינע הויזען האָבען אימער געמוזט זיין מיט דעם פיינסטען קנייטש.

און זי האָט איהם דערפאַר נאָך מעהר געליעבט...

פלעגען זיי אַזוי זיצען ביי איהר אין צימער. זיצען און רעדען וועגען נעבען־זאַכען. אָבער די קעפּ זייערע זיינע געווען פערטשאַדעט פון ליעבע.

פלעגט ער זי פּלוצלונג א כאַפּ טהאָן און אַוועקזעצען ביי זיך אויף די קניע. דערביי זאָגענדיג:

— קום אביסעלע צו מיר!

זי פלעגט זיך לאָזען אַוועקזעצען. נאָר דערביי בעמערקען:

— אַן עברה די הויזען. דו האָסט דאָך זיי ערשט אויסגעפּרעסט!

נאָר ער איז געווען אין דער מינוט פערליעבט, שטאַרק פערליעבט, פלעגט ער זיך אַנקוקען מיט איבערגעבענהייט און זיך גוט־

מוטהיג צולאכען:

— וועמען ארט עס איצט פאר די הויזען?

זי פלעגט זעהן אין א גרויסען צייכען פון שטארקער ליעבע צו איהר און פלעגט בלייבען צופריעדען.

און ווען די זון האט זיך געזעצט אין מעריב, און די בין־השמשות־שאטענס פלעגען אנהויבען קריכען פון אלע ווינקלען, פלעגען שוין די הויזען פון אונזער „ספארט" זיין אין גאנצען ווי זעק. קיין סימן פון דעם פיינעם קנייטש...

2.

מיט א צייט שפעטער האבען זיי חתונה געהאט.

ער איז געווארען מאן און זי ווייב.

די צייט איז געלאפען און אט איז שוין דריי מאנאטען נאך זייער חתונה. זונטאג 6 אזייגער פארנאכט.

אונזער „ספארט" ליגט אויפ'ן „לאנדזש", לעזט א צייטונג און לאנגווייליגט זיך... אבער די הויזען זיינען נאך ביי איהם אלץ געקנייטשט, ניט מיט דעם קנייטש פון אמאל, נאר מיט א קנייטשעל...

זי דרעהט זיך ארום איבער'ן הויז א צופאטעלטע.

און פלוצלונג געהט זי צו צום סאפע, זעצט זיך צו נעבען איהם פערגעסט זיך, און שפארט זיך אן אויף זיינע קניע.

ער ברומט ארויס בייז:

— שפאר זיך אויף מיר ניט אן! דו ווייסט דאך, אז איך האב ערשט פאר אכטאגען אויסגעפרעסט די הויזען.

און זי ווערט אויפגעציטערט:

— טאקע אן עברה די הויזען!

זי הויבט זיך אויף און לאזט זיך געהן אין קיך. ער בלייבט ליגען אויפ'ן סאפע א געלאנגווייליגטער.

---

מ א ר א ל: פאר דער חתונה איז די ליעבע טהייערער אפילו פון דעם פיינסטען קנייטש פון ערשט אויסגעפרעסטע הויזען...

נאך דער חתונה איז אפילו א פאראכטאגעדיגער קנייטשעל טהייערער...

# דער כח פון א פּאַטש.

א יונג שעהן ווייבעל האָט פאָלגענדעס דערצעהלט:

אין מיין לעבען האָט מיר פּאַסירט א מאָדנער פאַל. איך אליין קען איהם ניט פערשטעהן. אפשר וועט איהר איהם פערשטעהן... איהר זייט דאָך עפּעס א פרויען־קענער.

ער האָט צו אונז אריינגעמופט פרייטאג אויף דער נאכט. א בלאסער יונגערמאַן מיט לאנגע האָר. דוכט זיך, ניט קיין שעהנער. דעם אמת געזאָגט, איך האָב זיך אויף איהם אפילו גוט ניט ארום־געקוקט.

שבת אין דער פריה האָט ער זיך צו מיר ערקלעהרט אין ליעבע.

איך האָב פיינט מארודיען — האָט ער געזאָגט — ביי מיר, אז איך פערליעב זיך איז איינס און צוויי.

זונטאג פארנאכט, האָט איהם מיין מאַן געפּאַטשט און געהייסען מופען. געוועהנליך ווייל איך האָב איהם דערצעהלט די גע־שיכטע מיט דעם באָרדער׳ס ליעבעס־ערקלעהרונג.

מאָנטאג פריה האָט ער געדאַרפט מופען און דאָ קומט די וואונדערליכע איבערקעהרעניש...

מאָנטאג פריה, איך שטעה אויף, מאַך מיין מאַן ברעקפעסט, ער נעהמט אוועק אין שאָפּ, און אין צווייטען רום, הער איך, ווי דער באָרדער פּאַקט זיך.

קלעהר איך זיך: אזוי ווי דער יונגערמאַן מופט דאָך שוין סיי ווי סיי ארויס, טאָר וואָס זאָל ער טראָגען אויף מיר א שנאה?... וועל איך אריין און איהם ערקלעהרען, אז איך בין אין דעם טרויע־ריגען פאַל מיט׳ן פּאַטש ניט שולדיג, אז מיין מאַן האָט אַלץ אליין ערפאַהרען. איהר ווייסט דאָך, וועגנט האָבען אויערען...

איך קום אריין און בלייב שטעהן אויפ'ן שוועל פון טיהר, ערשט דער באַרדער שטעהט איבערגעבויגען איבער אַ „טראַנק" און לעגט צוזאַמען וועש און ביכלאַך. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און, הערט איהר, איך גיב אַ קוק אויף איהם, ערשט, פאַר מיר שטעהט אַ „קראַסאַוויץ"!... אַ יונג, פול מיט לעבען. די אויגען גלאַנצען, די האָר צואוואָרפען, נאָר דערהויפּט די באַקען... זיי פלאַמען מיט אַזאַ פיינע רויטקייט, אַז עס איז אַ חיות צו קוקען!

איך בין זיך מודה פאַר אייך, אַז גלייך האָט מיין האַרץ אָנגעהויבען צו קלאַפּען, איך האָב איהם ליעב בעקומען... איך האָב דערפיהלט, אַז שיידען זיך מיט איהם איז מיר שווער... כמעט אונמעגליך. אַזאַ שעהנער! אַזאַ שעהנער!... עס איז מיר נאָר אַ וואונדער, טראַכט איך, וואָס איך האָב דאָס פריהער ניט בעמערקט. און דערצו האָב איך אויף איהם אויך רחמנות געקראָגען, אַזאַ טהייערער, און מיין מאַן האָט איהם געפּאַטשט... פאַרוואָס? וואָס קומט איהם, אַז ער האָט זיך מיר ערקלעהרט אין ליעבע?... וואָס? דאַרף מען דערפאַר פּאַטשען?

— קומט אריין! — רופט ער זיך אָן — שעהמט זיך ניט... וואָס איז געווען איז פערפאַלען... איך וויים, אַז איהר זייט ניט שולדיג, נאָר אייער לומפּ, כ'מיין אייער מאַן... אויב איהר האָט צייט, טאָ פּליעז העלפט מיר איינצופּאַקען מיינע זאַכען, ווייל איך וויל נאָך אוספּייען היינט האַלבען טאָג צו געהן אין אָפּיס.

ער רעדט אַזוי שנעל, און ווערט אין מיינע אויגען אַלץ שעהנער און שעהנער, די האָר צוואָרפען, די באַקען פלאַמען — ער איז שעהן ווי אַ מלאך!

איך האָב נאָך ניט אוספּייעט עפּעס טהאָן. רופט ער זיך אָן:

— מיסעס בלום! ווילט איהר מיט מיר ענטלויפען? און טאַקע שוין... איך האָב פיינט מאַרודיען... ביי מיר איז דאָס איינס און צוויי. זאָגט! יע אָדער ניט?

— יע, — האָב איך געענטפערט גאָר ניט טראַכטענדיג. — איהר פערשטעהט, איך האָב זיך דאַן גאָר קיין רעכנונג ניט אָפּגעגעבען וואָס איך געה דאָ טהאָן.

— טאַ געהט שוין און נעהמט אייערע זאכען און דזשולערי! — האָט ער מיך אונטערגעאיילט.

איך האָב געפאָלגט.

ווען מיר זיינעןביידע געזעסען ווי א פערליעבט פּאָרעל אין טריין, וואָס האָט אונז געפיהרט קיין שיקאַגאָ, האָט ער מיר זעהר אָפענהערציג דערצעהלט, אז איך בין ביי איהם ניט די ערשטע, וואָס ענטלויפט מיט איהם נאָך אַ פּאַטש. דוכט זיך, די צוועלפטע, צו די דרייצעהנטע... און אז דאָס איז ביי איהם אַ מעטאָדע אַזאַ... ער לאָזט זיך עקסטרא גוט אויספּאַטשען, כאָטש ער איז געזונד ווי אַ מויער... דאָס איז כדי די פרויען זאָלען זיך אין איהם פערליעבען... אָ, ער קען די פרויען זעהר גוט! יעדע פרוי וועט אויס רחמנות צו איהר געפּאַטשען באַרדער מיט איהם ענטלויפען אפילו אין כינא... און דערצו וויים ער, אז ווען מען פּאַטשט איהם אויס ווערט ער זעהר שעהן, און פרויען קענען אַזאַ נסיון ניט ביישטעהן... און די הויפּט שעהנקייט ליגט אין זיינע אויסגעפּאַטשטע באַקען... ביי איהם זיינען מאָדנע באַקען אַזעלכע... אויף זיינס אַ באַק האַלט זיך אַ פּאַטש ביי אַ צוויי־דריי טעג... א. אז. וו.

איך בין ביי דער ערשטער סטיישאַן ארונטער.

# ג ע ז.

אנטקעגען דעם וואס איהר זאגט געז.

איך וויים ניט ווי איהר, נאר איך האב זעהר ליעב זיצען אין דער פינסטער. קורץ געזאגט: איך האס געז.

נאך לאנגע ערפאהרונגען בין איך געקומען צום שלוס, אז אלע מענשען זיינען פ י נ ס ט ע ר ל י נ ג ע, אז אונזער שטרעבען צו ליכט איז בלויז אן אויסרייד, א ציין-פעררעדעניש, אז מיר אלע האבען מאדנע ליעב צו זיצען אין דער פינסטער.

איך בין א שונא פון ליכטיגקייט.

נאך מיין מיינונג, וועט נאך לאנג, לאנג די בעסערע מענש-הייט, די אינגערע, די פערליעבטע, ליעב האבען שאטענס, געהיי-מע ווינקלען, פינסטערע קארידארען און פיינט האבען געז, ליכט און אפילו עלעקטריק.

איך האס געז.

ווען מען וואלט מיך געפרעגט: וועלכע נעכט איך ליעב אם בעסטען, די מיט געז בעלויכטענע אדער מיט לבנה ליכט פערגאַ-סענע? וואלט איך געענטפערט: ד י פ י נ ס ט ע ר ע.

פינסטערניש, דאס איז די פרייד פון יוגענד, דער פונדאמענט פון יוגענד-גליק — האט ערגעץ געזאגט א פילאסאף; ווען ניט — זאג א י ך דאס...

ווען איהר פיהרט ז י אפ אהיים און איהר בלייבט ביידע שטעהן אין קארידאר ביי די טרעפ, פאנגט איהר שוין אן פיהלען א שנאה צו די געז.

אייך ווילט זיך, ז י א קוש טהאן. אבער איהר שעהמט זיך פאר די געז.

און איהר האלט די האנט פון אייער געליעבטער אין אייע-

דער און אין הארצען ווינשט איהר, עס זאָל געשעהן א נס, און די גען זאָל זיך אויסלעשען און דער פינסטערער קארידאָר זאָל פער־וואנדעלט ווערען אין א הייל און איהר און זי זאָלען בלייבען אין דער פינסטער, ווי צוויי וואלד־רויבער...

און אביסעלע שפעטער, ווען דאָס מיידעל קומט ארויף צו אייך אין צימער, זייט איהר צופריעדען, די גען לייכט, ס'איז ליכטיג, זי איז יונג און שעהן און איהר קענט זיך זאַט ניט אָנקוקען...

אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אן איבערגאנגס־פעריאָדע. ס'נעהמט ניט לאנג, גאָר ניט לאנג און איהר דערפיהלט, אז די גען איז דאָ איבעריג, לחלוטין איבעריג. און גאָר פּלוצלונג קריגט איהר א שטארקע ליעבע צו פינסטערניש. און איהר נעהמט זיך אָן מיט מוטה, הויבט זיך אויף און דרעהט אויס די גען..

איאָ, איהר טהוט אזוי?

זי, געוועהנליך, לאָזט דערביי ארויס א געשריי, וואָס קלינגט ווי א פּראָטעסט אויף אייער חוצפה און ווי א התפעלות צו אייער העלדישקייט.

נאָר ווער הערט זיך דאָן צו צו אזעלכע נארישקייטען? פרויען זיינען בעשאפען געוואָרען צו פּראָטעסטירען, אזא טבע האָבען זיי, אנדערש קענען זיי ניט ליעבען, אהן דערויף געהט עס ביי זיי ניט...

— וואָס האָט איהר געטהאָן?

— גאָרנישט! — ענטפערט איהר, און אנשטאָט בעטען פער־צייאונג, נעהמט איהר זי ארום און קושט און קושט, און זי טוליעט זיך שטיל צו אייך אין דער פינסטער. און אייך איז ליכטיג ווי ביי טאָג...

איאָ, ס'איז אזוי?

און אן אנדערש מאָל זיצט ביי אייך א מיידעל נאָך פון האל־בען טאָג. איהר זיצט און פּלאפּלעט פון אלץ אין דער וועלט, אָבער דער עיקר, וואָרט איהר אויף דער צייט, ווען מ'וועט דארפען אָנ־צינדען די גען, און איהר זייט זיכער, אז איהר וועט עס ניט טהאָן...

צו וואָס?

און אָט קומט שוין ענדליך די נאַכט. אין אייער צימער ווערט

פינסטער, פינסטערער און אין אייער נשמה העל און העלערער.

איהר צינדט טאקי ניט אן, און זי זאגט גאר ניט. איהר פיהלט ביידע גלייך, אז די גנז איז איבעריג, איבעריג ווי ס'איז איבעריג געווען דאס ריידען א האלבען טאג...

און איהר קוקט אויפ'ן גנז־רעהר, און איהר טראכט: ווער דארף עס?

איא, איהר טראכט אזוי?

שלעכט און בימער איז מעהר ניט ווען איהר מוזט נאך א לאנגען פעריאד פון זיצען אין דער פינסטער אנצינדען די גנז.

איהר פערשילט זיך דאן דאס לעבען.

די פערפלוכטע גנז האט דאן א טבע, צו ברענען אזוי פרעך, אזוי שניידענד... און דא פלאמט א בעקעל ביי אייער געליעבטער, א לאק איז ניט אויפ'ן ארט, און איהר אליין זייט אויך דאן ניט קיין מוסטער פון ארדנונג...

און איהר שילט דעם ערפינדער פון די גנז און איהר קוקט דאן אויפ'ן גנז־רעהר ווי אויף א שונא, ווי אויף אן עלטערען ברודער, וואס זאגט מוסר ווען ער כאפט אייך ביי אן עברה, ווי אויף א שוויגער ווען זי קומט צו אייך אין האניג־חודש, ווי אויף א לענדלארד ווען ער שטעקט אריין זיין קאפ נאך דירה־געלט, ווען איהר שפרייזט ארום פריי איבער די פאטעטישע פאלאצען... ווי אויף א קאנדוקטאר ווען ער בעט „פעיר", ווען אייערע ביידע הענד ליגען אין די ווייכע הענטלעך פון אייער געליעבטער...

איא, איך האב די ריכטיגע משלים?

איך האס גנז.

פיעלע מאל שעפטשע איך אין דער שטיל א תפלה: גאט, גאט, טהו א נס, און די גנז זאל זיך אויסלעשען פון זיך אליין... זאל קאליע ווערען אויף אייביג, אויף אייביג...

נאר גאט ארט עס ניט. דער נס געשעהט ניט...

גאט איז הפנים אלט, ווי אן אויסגעשפיעלטער שוישפיעלער, ער קען קיין ליעבהאבער ראליע ניט שפיעלען...

גאט האט זיך שוין לאנג אויסגעלעבט און אויסגעליעבט.

איא, איהר זייט מיט מיר איינשטימיג?

אנטקעגען דעם וואס איהר זאגט: גנז...

# דער ווילדער מענש.

(סצענע).

**פערזאנען:**

ע ר — א יונגערמאַן מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערען.
ז י — אַ יונג שעהן ווייבעל, אַ יאָהר נאָך דער חתונה.
צ י י ט — זונטאג אבענד, שפעט.

---

(ער און זי זיינען ערשט געקומען פון געסט. ער ציהט פון זיך אראָפּ די קליידער. זי אויך).

ע ר — וואָס האסטו זיך שוין ווידער אָנגע'ברוגז'ט?
ז י — דו פרעגסט נאָך!
ע ר — אויף מיין וואָרט, איך ווייס ניט!
ז י — געוויס ווייסטו ניט! ווי קומט א ווילדער מענש ווי דו צו וויסען!
ע ר — וואָס האָב איך אזוינס געטהאָן?
זי — דו מאכסט זיך נאָך ווי גע'פגר'ט. דו ווייסט שוין גוט!
ע ר — אז איך שווער דיר, אז איך ווייס ניט!
ז י — (פּלאַצט אויס). איך וועל שוין מעהר מיט דיר אין ער־נעץ ניט געהן!
ע ר — וואָס איז אזוינס?
ז י — דו ווייסט זיך ניט ווי צו האַלטען. דו ביזט א ווילדער מענש, אַט וואָס!
ע ר — (לאכט). איך א ווילדער?!
ז י — א ווילדער און ניט קיין מאָדערנער... איך שעהם זיך פּראַסט פאר לייטען. וואס וועלען לייט זאָגען?

ע ר — אבער זאג שוין אמאל וואס האב איך געזינדיגט אזוינס?...

ז י — און אז איך וועל דיר זאגן, וועט דען העלפען? א די־קאר בלייבט א דיקאר... דו ווייסט זיך ניט ווי צו האלטען ווי א מאדערנער מענש דארף זיך האלטען.

ע ר — אבער אויף מיין ווארט, יעטא, איך הויב ניט אן צו ווים ען וואס דו ווילסט פון מיר.

ז י — געוויס ווייסטו ניט!

ע ר — אבער...

ז י — איך וויל גאר ניט הערען! איך האב פיינט די שטור־קעס... ס'איז א חרפה פאר לייטען... וואס וועלען מענשען זאגען?... מיר זיינען ערצויגען געווארען ערגעץ אין א וואלד, וועלען זיי זאגען. גאר ניט געלעזען...

ע ר — אבער, יעטא טהייערע, זאג שוין אמאל וואס דו ווילסט... גענוג דיר שוין ציהען די עצמות... איך שוועהר דיר, אז איך פיהל זיך ריין ווי א קינד...

ז י — אט דאס איז גאר ערגער... ווען דו וואלסט געוואוסט וואלט געוועזען בעסער... דאס איז אבער די מעשה, אז דו ווייסט ניט... דו בענעהסט זיך ווי א מוזשיק, ווי א חאם און דו ווייסט ניט!

ע ר — יעטא, איך וועל מעהר ניט הערען. אדער זאג וואס דו ווילסט, אדער שווייג!

ז י — (ווייגענדיג). איך וועל דיר שוין זאגען... ווען מיר זיי־נען געוועזען ביי די ריינעסעס, האסטו זיך איינגעבויגען — — —

ע ר — נו?...

ז י — און האסט זיך אנגעשפארט אויף מיין אקסעל... דאס איז מיאוס, ניט ציוויליזירט! א מאדערנער מאן טהוט ניט אזוי!

ע ר — דאס גאר!

ז י — איך פרעג דיר, וועלכער ציוויליזירטער מענש בענעהט זיך מיט אן אייגענער ווייב אזוי אין געזעלשאפט!

ע ר — (לאכט).

ז י — און אויב דאס איז דיר נאך ווייניג... האסטו, ווען מיר

זיינען געווען ביי די ראָזענפעלדס מיך אָנגערופען „ליובאָ“... אַלע האָבען געהערט... איך האָב זיך ניט געהאַט אוואו אהינצוטהאָן פון בושה... (אין כעס), איך בין א מאָדערנע פרוי דאַרפסטו וויסען, ניט קיין יאַכנע! איך וויים ווי זיך צו האַלטען אין א געזעלשאַפט. א מאָדערנער מאַן דאַרף איבערהויפט ניט היטען די פרוי, און דו לאָזט דאָך מיך ניט אָפּ פון אויג. נאָר דו זיצסט לעבען מיר... אין א מאָדערנע געזעלשאַפט פיהרט מען זיך אַנדערש! א מאַן איז קאַלט צו זיין אייגענער פרוי. אַט וואָס!...

(וויינט מיט ביטערע טרעהרען).

# אויף צו להכעיס.

(מאָנאָלאָג פון א פּאָעטישען בחור).

גאָט מיינער! אוואו כאַפּט מען א ירושה, וואו געפינט מען א מציאה אָדער ווי קריגט מען עטליכע דאָלער?

ווען איך כאַפּ א ירושה, געפין א מציאה, אָדער קריג פּתּם עטליכע דאָלער — דער עיקר אבי איך האָב נאָר געלט — דאַן וואָלט איך פערווירקליכט איינעם פון מיינע שעהנסטע חלומות.

שטעלט זיך נאָר פאָר ווי שעהן דאָס וואָלט געווען! איך פערלאָז מיין קליינעם צימער דאַן־טאַון, און נעהם זיך א גאַנצע דירה אין איינעם פון די שעהנסטע געגענדען פון שטאָדט. מיט א סאָד הינטער'ן הויז, בוימער אין פענסטער, א פּארק ביי דער זייט א. אז. וו.

די צימערן פערפּוץ איך פּונקט ווי אויף 5־טע עוועניו, מיט פּלאַש, סאַמעט, זייד, שעהנסטע מעבעל, און שפּיגלען, און טייל זיי איין אזוי:

א שלאָף־צימער פאר זיך מיט איין שעהנער, גרויסער הויכער בעט, מיט ווייסע זיידענע קישענס, מיט א פּלושענעם טעפּיך אונטער די פיס מיט בלויע ווענט און וואַזאַנעס, א וואַלד מיט וואַזאַנעס.

און נאָך א שלאָף־צימער פאר זיך אויך אזוי רייך פערפּוצט. און נאָך א דריטע שלאָף־צימער אויך אזוי רייך פערפּוצט.

איין צימער מאַך איך פאר א ביבליאָטעק אויף ביכער, איינעם פאר א גאַסט־צימער, און די איבריגע צימערן פערפּוץ איך אזוי מיט גרויסע שפּיגלען און לאָז זיי שטעהן ליידיג.

און איך לעב זיך אזוי רוהיג, שטיל, איינפאך און דער עיקר אליין.

צו וואס, פרעגט איהר, דארף איך אזוי פיעל שלאף־צימערן. אויב איך דענק קיינמאל ניט חתונה האבען?

טא הערט זשע, אט דא טאקע קומען די סאמע געדיכטע.

איהר פערשטעהט, איך וויל לעבען אליין, ס'הייסט נ י ט ח ת ו נ ה האבען, און דער עיקר וויל איך נעהמען נקמה אן די פרויען...

געוועהנליך, וועלען דאך צו אזא רייכען בחור מיידלעך קלאפען אין טהיר יעדע שטונדע פון טאג, און איך שטעל זיך פאר א שמועס, וועלכען איך וועל האבען מיט יעדער איינער פון זיי אין מיין דירה.

ז י : איהר האט זעהר פיינע צימערן מר. רייכמאן.

א י ך (קאלט ווי אייז): געוויס מים קליינקאפ!

ז י : אייך לעבט זיך דא, ווי ס'ווייזט אויס, ווי אין גן־עדן?

א י ך (קאלט ווי א פיש): א דאנק צום אייביגען, מיר פעהלט גאר ניט...

ז י (צופינטעלדיג מיט אן אויגעל): שייך זאגען גאר ניט? און...

א י ך (מאך זיך טויב ווי די וואנט): וואס מיינט איהר מיט דעם?

ז י (צוגיסענדיג זיך אין איין גרויסען שמייכעל): עט, איהר מאכט זיך ניט וויסענדיג, איהר ווייסט דען ניט? — א...

א י ך (רוהיג ווי א פאליסמאן): איהר מיינט אודאי א פרוי?

ז י (פרעהליך): און אז ניט האט איהר גלייך ניט געוואוסט וואס מען מיינט!...

א י ך (שטאלץ ווי א לענדלארד ביי מאהנען דירה געלד): ווערען קריכט עס אין קאפ!

ז י : ערנסט גערעדט, מיסטער רייכמאן, איהר מאכט דאך

איצט אזא פיינעם לעבען, זייט קיין עין הרע ניט רייך, ווארום זאלט איהר טאקע ניט חתונה האבען?

**א י ך** (אויטאָריטעטיש ווי אַ ריכטער): ווייל איך וויל ניט!...

**ז י** (קאָקעטיש): וואס הייסט איהר ווילט ניט? איהר ווילט הייסט עס איבערמאכען די וועלט?

**א י ך** (שטרענג ווי אַ גענעראל): אזוי וויל איך!

**ז י** (שוין מיט רוגזה): און צו וואס דארפט איהר איינער אליין אזוי פיעל צימערן, זיך צו שלאָגען קאָפּ אָן וואנט?

**א י ך** (מיט די קלוגשאפט פון אַ פראָפעסאָר): אלץ בעסער ווי אַ פרוי זאל זיך שלאָגען קאָפּ אין קישען אויף מיין רעכנונג...

**ז י** (אָפּענהערציג): זאָגט אליין, מר. רייכמאן, ווי איז דאָס אַ מענש אזוי עגאָאיסטיש, אלץ נאָר **פ א ר ז י ך**, נאָר **פ א ר ז י ך**?...

**א י ך** (אויך אָפּענהערציג): איך וויל אייך ערקלערען, טהייערע מיינע, איך אנערקען ניט קיין הייראטה, איך דארף פרויען־ליעבע אויף כפרות. פאמיליען־לעבען איז פאר מיר בלויז אַ פראזע...

**ז י**: אי, אי, אי! וואָס רעדט איהר?

**א י ך** (אָלץ אַזוי אָפּענהערציג): און די סך צימערן, מיט די סך שפיגלען, מיט דעם רייכטהום האָב איך בלויז גענומען אייך פרויען אויף צו להכעים, אייך אויף צו פוקעניש, אייך אויף צו פלאצעניש, אייך אויף... א. אז. וו.

און שטעלט זיך פאָר וואָס פאר א מינעם זיי וועלען דאן מאַכען — ס'איז דאָך ווערט די גאנצע גאָלד פון דער וועלט, איהר פערשטעהט?

---

טאַטע פאַטער! אוואו קריגט מען עטליכע דאָלער!

## דער „מאַן" און דאָס „ווייב".

(אַ זומערדיגע מעשה'לע מיט אַ מוסר־השכל).

אַז אינטעליגענטער מענש טאָר זיך ניט איילען צו ציהען שלי־סע און מאַכען בעשולדיגונגען. דאָס איז דער מוסר השכל פון מיין היינטיגער מעשה און אָט איז די מעשה גופא.

---

איך בין האַלב געזעסען אָדער גאַנץ געלעגען אויפ'ן גראָז אין בראָנקס־פּאַרק.

ס'איז געווען פאַרנאַכט.

די נאַכט האָט זיך, ווי דער שטייגער איז פון אַלע זומער־נעכט, אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן פּאַרק, שטיל, ריין און שמעקעדיג.

איך בין געלעגען און געטראַכט, נאָר מעהרער, געזוכט אַ טהעמא פאַר אַ וויציג זומער־מעשה'לע...

פּלוצלונג דערהער איך עפּעס אַ ריהרען זיך צווישען די בוי־מער, אַ שאַרשקען אויפ'ן גראָז ניט ווייט פון מיין לאַגער.

מען מאַכט זיך פּלאַץ, מען צוזעצט זיך.

און עס פערפיהרט זיך אַ געשפּרעך.

אודאי, אַ פערליעבט פּאַרעל, קלעהר איך זיך — און געוויס וועלען זיי באַלד אָנפאַנגען זיך קריגען און נאָכהער קושען — און עס וועט שוין זיין שטאָף פאַר אַ מעשה. ס'איז אפילו ניט שעהן אונטערצוהערען זיך. נאָר ערשטענס, איז דאָס ניט ביי אַ שליסעל־לאָך פון אַ טהיר — נאָר אין אַ פּאַרק — אַן עפענטליכע אינסטי־טוציע... און צווייטענס, אַז מען דאַרף אַ טהעמא פאַר אַ זומער־מעשה — טהוט מען אַלץ אין דער וועלט...

אַלזאָ מאַך איך זיך „טויט," שפּיץ אַן די אויערען און הער זיך צו.

— מיין מאן איז נעכטען אוועקגעפאהרען אין די קאונטרי — הער איך א דינע סאפראנא שטימע.

גוט ווי די וועלט! — גיט עס מיר שיער ניט א הויב פון ארט — די ריכטיגע שטאף. אודאי א יונג ווייבעל מיט א באָרדער, א געליעבטען אדער א נעקסט־דאָריגען — אהא!

— היינט אין דער פריה, א זייגער צעהן. ווען דו ווילסט קענסטו געהן צו מיר היינט שלאפען...

אי, אי, אי! — טראכט איך זיך, — אט דאס זיינען היינטיגע פרויען... דער מאן האט נאך ניט אוספייעט צו פערמאכען די טהיר הינטער זיך, אפשאקלען, דארטען אין קאונטרי, די שטאָדטישע שטויב, און זי, זיין ווייבעל, פערבעט שוין צו זיך אין הויז א צווייטען! און אזוי אפען, אזוי פרעך — סקאנדאליעז!...

דער מאן איז געוויס ניט אוועק פאר פלעזשור — טראכט איך זיך ווייטער — א מאן געהט ניט פאר פלעזשור און לאזט א ווייב אין דער היים... און דער עיקר א ווייב דערלאזט ניט צו אזעלכע זאכען... מן הסתם האט דער מאן עפעס „א מאטש" אויף קאנסאמפשאן אדער אויף עפעס אן אנדער שעהנער זאך... אן אפרייטאר נעביך...

— אלל־רייט, — הער איך דער גראבליכערם שטימע ענטפער — איך וועל געהן צו דיר שלאפען... ס'איז מיר טאקע אומעדיג אליין...

בלויז פון אומעטיגקייט וועגען? מען דארף איהם נאך בעטען!... א קלייניגקייט, א יונג ווייבעל און דערצו נאך מסתם ניט קיין מיאוס'ע, לאדעט איין און ווארום ניט געהען?

א פאוזע. איך בין משער, אז מן הסתם קושען זיי זיך דארטען.

— ווי לאנג דענקסט דארטען דיינער צו שטעהען? — הער איך ווי עס פרעגט די גראבליכע שטימע.

— אויף ווי לאנג פרעגסטו? — ענטפערט די סאפראנא שטימע — אויף א פאר מאנאטען זיכער... וואס האט ער זיך וואס צו אײַלען? קיין ארבייט איז אלץ איינס ניטא... דער סיזאן ביי העטס פאנגט זיך אן ערשט אין דריי מאנאטען ארום. און דערצו

איז ער ניט ביים פולען געזונד... ער האט זיך פערקעלטעט און הוסט...

איך פערשטעה אז עסק. ס'איז פונקט ווי איך האב געטראכט! גיב איך זיך א קאמפלימענט.

— און דו ווערסט גאר היינטיגען סיזאן ניט פאהרען אין דער קאונטרי? — הער איך דער גרעבליכער שטימעס פראגע.

— מיר איז דא אויך גוט... און אויב איך וועל פאהרען, איז ערשט העט שפעטער אין אויגוסט... דערווייל איז נאך דא ביי מיר ארבייט...

א שעהנע ארבייט — קלעהר איך זיך — זעהר א שעהנע ארבייט נעהמען צו זיך פרעמדע מאנסביל, ווען דער מאן איז אוועק אין קאונטרי פערבעסערן זיין געזונט!... אך, ווי די פרויען זיינען דאס געפאלען!

דערווייל איז שוין געווארען שפעטליך, און איך האב בעשלאסען צו פאהרען אהיים.

---

איך האב געמוזט פארבייגעהען דאס זינדיגע פארעל.

און טרעפט וואס איך האב דערזעהען?

איהר טראכט אודאי ווער ווייסט וואס? אייער שמוציגע פאנטאזיע ארבייט. אבער, ווי איהר וועט באלד הערען, איז דאס אומזיסט.

איך האב געטראפען, צוויי מיידלאך זיצענדיג שטייף אייגע לעבען דער צווייטער.

מיר איז אלץ קלאהר געווארען.

דער „ער" וואס איז אוועק אין קאונטרי דאס איז מסתם א חבר'טע צום צימער צו איינער פון די דאזיגע מיידלעך.

און תיכף האב איך זיך דערמאהנט, אז א סך מיידלאך חבר'טעס פיהרען זיך אזוי, זיי שפיעלען אין „מאן" און „ווייב"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איך האב בעשלאסען מהיום והלאה, פון היינט אן און ווייטער הייסט עס, זיין פארזיכטיג מיט בעשולדיגונגען אויף דער מענשהייט.



# אַרום דער אייביגקייט

# גוואלד, ווי ווערט מען א שווערער שרייבער!

גאט האט מיך געבענטשט מיט אביסעל הומאר, מיט א טבע צו שרייבען לייכט, אזוי אז מענשען זאלען עס קענען איבערלעזען און הנאה האבען.

איז דאך גוט, הא? — טויג דאס ערשט ניט!

וויל מען דערפאר אבער קיין געלד ניט צאהלען.

די רעדאקטערע זאגען: טאקע פיין, טאקע לייכט, טאקע וויציג — אבער... דאך קיין פיעל געלד קען מען דערפאר ניט צאהלען... ווייל, די גרויסע געלדער, די שווערע געלדער קומט די בערען, די ש ו ו ע ר ע שרייבער...

אלזא, בין איך אויף צרות.

און בלייב איך אליין אין הויז אין די דונקעלע פארנאכטען און הויב אן, ווי מיין שטייגער איז, טראכטען וועגען א תכלית, זוך איך פלענער, טראכט איך וועגען מיטלען, נישטער איך און וויל זיך דערגרונטעווען דעם טיעפען סוד: ווי ווערט מען עס א שווערער שרייבער?...

פרוביר איך אזא פלאן: כ'זעץ זיך שרייבען א פעליעטאן, לעג איך זיך אן מיט אלע מיינע כוחות אויף דער פעדער... ברעכען זיך די פעדערס ווי ציין־העלצלאך, בייט איך אלע מאל נייע און לעג זיך נאך שטארקער אן.

היים איך מיין ליעבסטער זי זאל זיך אויף מיר אנלעהנען. פאלגט זי מיך, לעהנט זי זיך אן — און איך לייד יסורי־גיהנום.

בינד איך אן אויףביידע הענד צו פרעס־אייזען, אויב שווער—טא זאל זיין שווער!...

פערבינד איך דעם קאפ מיט א וואלענע זאק, דריק איהם איין אזוי, אז טראפען שוויים טריפען פון שטערען איבער'ן מאנוסקריפט

פרוביר איך נאך פיעל מיטלען און ווען איך בין פערטיג מיט דעם ארטיקעל, ברענג איך איהם צו דעם רעדאקטאר און זאג:

— היינט האב איך, הערר רעדאקטאר, פאר אייך, א שווערען ארטיקעל. א מוח־שפאלטענדען ארטיקעל, א שווייסיגען ארטיקעל, אן ארטיקעל וועלכען קיינער וועט ניט לעזען און אפילו ניט שמע־קען — און איך פערלאנג אנערקענונג, דאס הייסט — „א רעיז!“

נעהמט דער רעדאקטאר מיין ארטיקעל, כאפט איהם איבער געשיקט מיט די אויגען און צולאכט זיך ווי א יונג לאשיקעל. דאס הייסט ביי אייך א שווערער ארטיקעל? ליג וואס איהר זייט! דאס לעזט זיך דאך ווי א מזמור, ווי א גוט געשריבען שטיקעל נייעס! ווי לייכט, ווי פליסענד! זעהר א פיין ארטיקעל! — אבער קיין ר ע י ז קענען מיר אייך ניט געבען.

קעהר איך זיך צוריק א היים אן ענטוישטער, א דערשלאגע־נער און זעץ זיך ווידער זוכען מיטלען.

זעץ איך זיך שרייבען אן ארטיקעל און איך לעג אין איהם אריין מיין גאנצען שווערען וויסען: רעד איך דארטען פון פסיכאלאגיע, הידראפאביע, סטראטעגיקע, פראטאקאל, קאפיטאליזם, נאציאנא־ליזם און מיליטאריזם... שרייב איך וועגען אינטערנאציאנאל, גע־שיכטליכען מאמענט, עלעמענטארע לעבענסרעכטע, פראלעטאריאט, אינדיווידואליזם און שפאלטונגען... רעד איך וועגען סאלידארי־טעט, צאריזם, שאוויניזם, נאציאנאלע עקסיסטענץ און קולטורעלע גסיסה... שטעל איך צום שלום אריין א גאנצען צעטעל מיט ציפער ארויסגענומען ווי עס שטעהט און געהט פון אלטען רעפארט וועגען שניידער־פאך, טראג עס אוועק צום רעדאקטאר און רוף זיך אן:

— איצט פאני רעדאקטאר האט איהר אן ארטיקעל פון אר־טיקעל לאנד, שווער וואס שווער קען געבען, ממש א שטיין... פול מיט וויסענשאפט! — און איך וויל אנערקענונג, ד. ה. — א ר ע י ז!

לעזט דער רעדאקטאר ווידער איבער מיין ארטיקעל און צור־לאכט זיך איבער דער גאנצער רעדאקציע.

— אוי זייט איהר א ליג! דאס איז א גאנץ פיינע פאראדיע אויף די אלע שווערע ארטיקלען וואס ווערען געדרוקט אין די צייי־

טונגען! — אבער זאָנסט איז דאָך דאָס א חיות צו לעזען אזוי ליכט, אזוי גרינג — מיט איין וואָרט: פוך!

— אלזאָ... — שטאמעל איך — און וואָס איז מכח אנער־קענונג, ד. ה. א ר ע י ז?

ווערט דער רעדאקטאָר ערנסט ווי א טעלעפאָן דירעקטאָרי.

— איך, זאָגט ער, וועל דעם ארטיקעל אייך אפּדרוקען מיט דעם גרעסטען פּלעזשור, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען... אָבער קיין ר ע י ז קענט איהר ניט קריגען... ס'איז שלעכטע צייטען, מיין ליעבער פריינד, מען קען קיין גרויסע פּרייזען ניט צאָהלען און די גרויסע געלדער, ווי שווערע געלדער, נעהמען אוועק די בערען, די שווערע שרייבער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און בלייב איך ווידער אליין אין הויז, אין די דונקעלע פאַר־נאַכטען, און הויב אָן ווי מיין שטייגער איז ווידער טראַכטען וועגען א תכלית, שיק איך אזא תפלה צו גאָט: רבונו של עולם, זיי א מאָן! ענטדעק מיר דעם סוד ווי ווערט מען א שווערער שרייבער כדי איך זאָל קענען מאַכען אן אנשטענדיג לעבען!...

# דער אינטעליגענטער זעלבסט מערדער

(א פסיכאלאגישער ראמאן אין 4 טייל מיט אן עפילאג).

ערשטער טייל.

## ער נעהמט א וואנע.

און ער האט בעשלאסען צו נעהמען זיך דאס לעבען. עס איז איהם מיאוס געווארען דאס ארומשלעפען זיך אומזיסט; ער איז א בחור אין די יאהרען, ארבייטען איז ער פויל, קיין לאמבראזא קען ער ניט ווערען, קיין אנדרעיעוו אויך ניט. געפרואווט אפילו צו שרייבען א חראמא — נאר ס'געהט ניט. דאס לעבען איז גאר ניט. עס איז ווינטער, די נעכט זיינען לאנגע... און ער האט זיך גענומען צוגרייטען: דאס ערשטע, וואס עס איז איהם איינגעפאלען איז — געהען נעהמען א וואנע: — זאל ער אוועק פון דער וועלט א ריי־נער; ער געדענקט שוין ניט די צייט, ווען ער האט געהאט אויף זיין לייב אביסעל וואסער... נאכ'ן טויט וועט מען געוויס זיין קער־פער ארומקוקען, און — זאלען זיי זעהען, אז ער איז אן אינטעלי־גענט און וויים פון עסטעטיק... זיצענדיג אין וואנע האט ער זיך דערפיהלט אזוי ווי ניי געבארען. ער האט זיך גוט אויסגעזייפט, גע־געבען אויף טרונק־געלד דעם באד־גוי.

אה, ווען דער באד־גוי וויים ביי וועמען ער נעהמט איצט א ניקעל!

---

צווייטער טייל.

## ער ישוב'ט זיך און שרייבט א בריעף אין רעדאקציע.

קומענדיג פון באד האט ער זיך גענומען ישוב'ען, וואס פאר א צעטעל ער זאל איבערלאזען... (מ'קען דאך ניט שטארבען גלאט

אזוי...) א ליעבעס־בריעף, גלאט א בריעף, אדער?... און עס פאלט איהם איין צו שיקען א בריעף אין רעדאקציע — דאס איז מעהר אינטעליגענט. די רעדאקציע וועט געווים מאכען פון דעם א טומעל און מ׳וועט פון איהם ריידען...

דער בריעף האט זיך געלעזען אזוי:

„ווערטהער הערר רעדאקטאר!

איך לעז אייער צייטונג פון דעם ערשטען טאג, זייט איך האב אנגעהויבען זוכען ארבייט... ווען איהר וועט קריגען דיעזען בריעף, וועט איהר שוין האבען מיט איין לעזער וועניגער... די אורזאכען, וואס האבען מיך געבראכט דערצו זיינען זעהר טיעפע... די מענש־הייט, זי געהט ניט, ווי מ׳דארף... דער נארד־פאל איז נאך אלץ א סוד... נאריש! נאריש! צו וואס לעבען??? בלייבט געזונט! איך ווינש אייך א גוטען סוף...

אייער שטענדיגער לעזער..."

ווען ער האט בריעף נאכאמאל איבערגעשריבען אויף ריין, (מ׳וועט דאך עס דרוקען...) האט ער איהם ארונטערגעטראגען און אריינגעווארפען אין בריעף־קאסטען.

אה, ווען מענשען וואלטען געוואוסט, וואס פאר א טראגעדיע דא גרייט זיך!...

---

דריטער טייל.

## ע ר ע ס ט א ס ט י י ק.

אריינגווארפענדיג דעם בריעף, האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט נאך היינט ניט געגעסען. מ׳דארף אפעסען. — זאל די וועלט ניט זאגען, אז ער האט זיך גענומען דאס לעבען צוליעב הונגער. ער קומט אין א רעסטאראנט, בעשטעלט א סטייק. עסענדיג (גראד האט ער היינט א גוטען אפעטיט), דענקט ער וועגען מארגען, וועגען טומעל, וועגען זיין בריעף, וועגען די קולות פון זיין בעל־הבית׳טע. (ער איז איהר שולדיג פאר צוויי מאנאטען דירה־געלד).

אה! ווען דער קעלנער וואלט דאס געוואוסט.

### פיערטער טייל.

## ער בעקוקט די פאטאגראפיעס און גרייט צו די לעצטע מינוטען.

אריינקומענדיג פון רעסטאראנט, פערשליסט ער די טהיר, און דערמאנט זיך באלד אן די פאטאגראפיעס. וואס הייסט, מ'וועט דאך געוויס דארפען זיין בילד אין צייטונג!... ער נעהמט ארויס א גאנצען פעקעל מיט פאטאגראפיעס און בעטראכט זיי: וועלכע פון זיי וועט מען אריינשטעלען? וועלכע איז מעהר פאסיג? אט אויף דער זיצט ער ווי א פילאסאף, א פוס אויף א פוס מיט א סיגא־רעט, (עס ווילט זיך גלויבען, אז אזא מאן קען בעגעהן זעלבסט־מארד...) און אט אויף דער קוקט ער אויס אינגער. און דא זיצט ער גאר מיט א מיידעל. און צום סוף בלייבט ביי איהם צו לאזען אלע, זאלען זיי אליין קלייבען! פיליכט וועלען זיי גאר נעהמען אלע פאזעס, וועט זיין נאך בעסער... נאכדעם געהט ער צו צום שפיעגעל און פערקעמט זיך. ער פיהלט זיך אביסעלע מיעד. ער לעגט זיך צו אויפ'ן בעטעל. עס איז נאך אביסעל צייט. מ'דארף אביסעלע דענקען... ער ווערט איינדרימעלט...

אה, ווען מענשען ווייסען וואס ער טהוט איצט!...

---

### עפילאג.

אויפכאפענדיג זיך אויף מארגען גאנץ פריה, דערמאנט ער זיך, וואס ער האט נעכטען בעשלאסען... איי, איי! פערשלאפען... דאס הייסט אביסעל א שלאף! שוין לאנג אזוי געשמאק ניט געשלאפען... דאס מוז זיין הפנים פון דער וואנע און סטייק...

נאר באלד דערמאנט ער זיך אויף זיין בריעף אין רעדאקציע... שוין געוויס אבגעדרוקט, און ער לאזט זיך לויפען קויפען א צייטונג...

## די מתנה...

**(סצענע).**

ווען איך בין איינמאל געקומען אין דער רעדאקציע פון דער צייטונג וואו איך ארבייט, זאגט צו מיר דער אפיס־באי:

— א פרוי און א יונגערמאן זיינען דא ניט לאנג געווען און האבען אויף אייך געפרעגט.

— אזוי? אויף מיר געפרעגט? א פרוי און א יונגערמאן? ווער זיינען זיי? — זאג איך ארוים מיט ניט ווייניג גדלות.

— איך ווייס ניט — ענטפערט מיר דער אפיס־באי. — זיי האבען געפרעגט: אוואו איז דער מאן וואס שטעלט אריין די וויציגע שטיקלאך ביי אייך אין פייפער? — מיר דארפען איהם נויטיג זעהן!

— און וואס האסטו זיי געזאגט? — פרעג איך דעם אפיס־באי.

— אז זיי זאלען קומען אביסעל שפעטער וועט דא זיין דער מאן פון די שטיקלאך — לאכט דער אפיס־באי.

איך האב זיך געזעצט ביי מיין שרייב־טיש. גאר שרייבען האב איך שוין ניט געקענט.

— ווער קענען עס זיין די פרוי און דער מאן, וואס דארפען מיך אזוי נויטיג?

און מיין הומאריסטישע פאנטאזיע האט זיך צושפיעלט ווי א קאטערינקע.

— די פרוי און דער מאן מוזען געוויס זיין מיינע פערעהרער, איינע פון די צעהנדליגע טויזענדע פאטריאטען מיינע, וועלכע לע־זען מיינע מעשיות און האבען הנאה.

— און געוויס — האב איך ווייטער פאנטאזירט — זיינען

זיי געקומען מיר אויסדריקען א דאנק פאר מיין לעצטער, זעהר געלונגענער הומארעסקע.

— און אפשר — האב איך ווייטער געשפינט — זיינען זיי ניט געקומען מיט ליידיגען, אפשר ווילען זיי מיר אונטערטראגען א מתנה, אפשר א פאנטיין־פען, אפשר א שעהן שטעקעלע מיט א זיל־בערנעם קעפעל, אוי א שטעקעלע!

און ביי די דאזיגע געדאנקען ווערט מיר אויפ'ן הארצען אזוי ווייך פונקט, ווי מען וואלט דארט אויסגעבוים מיט א פאר גרויסע איירדאפעאישע קישענס.

און איך בין צופריעדען, גליקליך. א קלייניגקייט, איך קום אין אזעלכע גאלדענע בעציהונגען מיט א וועלט אינטעליגענטע, גוטע לעזער און פערעהרער, וואס ווילען דיך אנקוקען יעדען טאג... און דו ווייסט פאר וועמען דו שוויצט און פאר וואס די שוויצט?

און איך קען זיך ניט איינהאלטען און געה ווידער צו צום אפיס־באי.

— זאג מיר נאר, אייבי, האבען זיי עפעס געהאט אין האנד?

— ווער? — פרעגט מיך דער אפיס־באי.

— די לייטע, מיין איך. די וואס האבען מיך געוואלט זעהן.— האסטו ניט באמערקט א קעסטעלע, א שטעקעלע אדער עפעס וואס אנדערש?

— דוכט זיך, אז יא — קראצט זיך אייבי אין קאפ — די פרוי איז געווען אנגעטאן אין א שאל און אונטערען שאל האט זי עפעס געהאלטען. וואס, ווייס איך ניט...

איך האב זיך אומגעקעהרט צום שרייבטיש א צופריעדענער.

— נו, געוויס א מתנה, ווי דען זשע אנדערש? וואס דען וועט א פרוי האלטען אונטער'ן שאל, ווען זי געהט אין א רעדאקציע אנ־קוקען איהר ליעבלינג, דעם שרייבער?!

— אט זיינען די לייטע! — האט אויסגערופען דער אפיס־באי.

פאר מיר איז געשטאנען א יונג ווייבעל, מיט א היימישער טוך אריבער די אקסלען, בעז ווי א קאזאק, מיט א היבש ביסעל שוים אויף די ליפען, און אביסעל ווייטער פון איהר א יונגערמאן, א דערשלאגענער, מיט א ציטריג בערדעל...

— וואס ווילט איהר — האב איך זיך צו זיי געוועגדעט.

— איהר זייט עס דער מאן וואס שטעלט אריין די וויציגע שטיקלאך אין פייפער? — האט מיך שטרענג געפרעגט די ווייבעל.

— יעס מעם! — האב איך געענטפערט שטאלץ.

— טא מעג טאקע אויף אייך קומען א בראך! — האט זי אויסגעשאסען ווי א פייער־קרעקער — איהר האט געהערט אן אומ־גליק, א שארלאטאנסטווא, א ראזבאי, א מאן קען מיך ניט און ווייס מיך ניט און שטעלט מיך אריין אין די פייפערס? איך פרעג אייך: וואס האט איהר צו מיר?

— איך צו אייך? — רוף איך זיך אן — זאל איך עס האבען צו מיין רעדאקטאר, זאל איך עס האבען צו ווילהעלם'ן.

— טא פאר וואס זידעלט איהר מיך, פאר וואס שטעלט איהר מיך אריין אין פייפער! איהר מיינט, אז מיר וועלען אייך שוויי־גען!

— טאקע וואס האט איהר צו מיין אידענע? — האט זיך דער יונגערמאן ביי מיר געבעטען רחמים.

— איך אייך אין די פייפערס? — האב איך זיך בעמיהט ניט צו ווערען אין כעס. — ערשטענס, מיין ליעבע אידענע, קען איך אייך גארניט.... און צווייטענס, שטעל איך ניט אריין אין די פייר־פערס נאר איך שרייב!

— שרייב שמייב — איין שווארץ יאהר! — האט זי זיך פערקרימט — איך ווייס בלויז, אז איהר האט מיך בעלעדיגט און איך טאר אייך ניט שווייגען!

— פליעז, — האב איך זיך אנגערופען ווייך ווי איך האב נאר געקענט — איך פערשטעה אייך ניט... ערקלעהרט מיר וואס איהר ווילט!

— שור, פערשטעהט איהר ניט וואס איך רעד! איהר פער־שטעהט נאר אריינצושטעלען און דאט'ס אלל! מען זעהט גלייך אין אייערע גנב'ישע אויגלאך, אז איהר פארשטעהט ניט! אי פער־שטעהט איהר, דער קאפ זאל נאר ביי אייך אויסדארען!

— אבער ווער זייט איהר? — בין איך שוין ארוים פון גע־דולד.

— איך בין די הויזקיפּעריןְ פון „קראַסטעוועי". — — — —

— נו איז וואָס?

— שלאָגט ניט איבער! — האָט זי אויף מיר אָנגעשריען — איך האָב ניט ליעב, אז מען שלאָגט מיך איבער אין מיטען. איהר זייט גאָר געראָטען אין מיין מאַן, ער האָט אויך ליעב אריינשטעקען דעם נארישען נאָז אוואו מען דאַרף ניט... איהר האָט נעכטען גע־האַט אַ שטיקעל וועגען אַ הויזקיפּעריןְ, וואָס שרייט און שילט, און וואָס איהר קול קלינגט אַף איבער דער גאַנצער הויז, ווי אַ טויזענד פונטיגער גלאָק?

— יעס.

— אהאַ! וואָס האָב איך דיר געזאָגט! — האָט זי זיך געווענ־דעט צו איהר מאַן.

— אָבער פון וואַנען ווייסט איהר, אז מיט דער הויזקיפּעריןְ מיין איך אייך? — האָב איך געלאַכט.

— איהר לאַכט נאָר ניט, איהר וועט לאַכען פון אנדערע און ניט פון מיר! ס'וועט אייך באַלד פערגעהען דער געלעכטער אין אַלע זייטען... ווענען זשע קענט איהר מיינען, אז ניט מיר!

— איהר זייט דען די איינציגע הויזקיפּעריןְ אין ניו־יאָרק? — האָב איך גע'טענה'ט.

— ווען ווילט איהר פאַררעדען די צייהן — האָט זי זיך צושריען — איהר שייוּוט זיך ביי יאָסעל־פסח דעם באַרבער?

— יע! — האָב איך געענטפערט. און זיך אַביסעל אַ רוק גע־טהאָן אויפ'ן טשער.

— וואוין איך טאַקע „דזשאַסט" אנטקעגען יאָסעל־פּסח'ן. און דער גראָסערי־מאַן האָט מיר געזאָגט: אז אזוי ווי איהר שייוּוט זיך דאָרטען, בין איך עס די הויזקיפּעריןְ פון „קראַסטעוועי" פון אייער נעכטיגען שטיקעל!

— נארישע אידענע, וואָס איהר זייט, — האָב איך געפּרובט ערקלעהרען — נו, און אז איך שייוו זיך ביי יאָסעל־פסח דעם באַרבער, איז דאַרום איז וואָס? ווי קומט די ציעג אויפ'ן בוידים?

— איהר פערדרעדט מיר נאָר ניט די צייהן! — האָט זי גע־גוואַלדעוועט — איך קען שוין די חברה, איהר מוזט אודאי דעם

„לענדלער" אויף פארדערען די ציהען אנשטאט געבען רענט! נאר ברעכט דעם קאפ מיט'ן לענדלער צוזאמען, איך וויל אייך בלויז פרעגען: וואס האט איהר צו מיר? וואס האט איהר צו מיר, וואס איהר שילט מיך אין די פייפערס? און אז איך שריי, איז וואס געהט עס אייך אן?

— מאדנע אידענע — — — האב איך געוואלט עפעס זאגען.

— שאראפ! — האט זי אויף מיר א טופע געטהאן — איך וויל פון גארנישט וויסען! איהר ענטפערט מיר בלויז, וואס איהר האט צו מיר, וואס מיינט איהר, איהר האט דא געטראפען א יאכנע! איך וועל אייך ניט שווייגען! איהר הערט?!

— מאדנע אידענע...

— שאראפ! — האט זי א שטארקערען טופע געטהאן און ארויסכאפענדיג פון אונטער'ן שאל א פעיל מיט א בראש, אדער א קאטשאלקע, אדער א פעטענט־שלאס אדער אלע זאכען צוזאמען, האט זי מיר עס געווארפען אין קאפ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין אין צוויי וואכען ארום ארויס פון האספיטאל, האב איך זיך געגעבען דעם ווארט, כ'מיין דריי ווערטער: ערשטענס, ניט דערמאהנען מעהר אין מיינע מעשיות קיין הויזקיפערין פון „קראסטעוועי" און אפילו סתם א הויזקיפערין.

צווייטענס: ניט טרוימען מעהר וועגען קריגען כבוד, דאנקען, פאנטיין־פענס, שטעקלאך און בלומען פון אידישע לעזער.

און דריטענס: ניט ווארטען קיינמאל מעהר אין רעדאקציע אויף אימיצען.

## ווער וויל קויפען „צעטעלאך"?

(דערצעהלט פון א אידען, וואס מאכט א לעבען פון שרייבען)

אויב איהר זייט אויף אייער לעבען אמאל געווען א קאלעק־טאר פון עפעס וואס, למשל: פון אינשורענס, פון א פייפער־ראוט, פון נייה־מאשינען און פון נאך אזעלכע קאלעקטערייען, דארף איך זיין גוט בעקאנט דער טעם פון דער דאזיגער שעהנער מלאכה.

אבער איינס בין איך זיכער, אז א קאלעקטאר פון פעליטאנען שטייגט אלעם אריבער.

אין מיין פראקטיק, אלס קאלעקטאר פון אזעלכעס, האב איך זיך געננוג אנגעזעהען. מען קען, כ'לעבען, גאנצע ביכער אנשרייבען איבער דעם.

נאר איך וויל פאר אייך איבערגעבען איין קאפיטעל פון מיי־נע ערפאהרונגען מיט איין רעדאקציע בלויז.

ס'איז א רעדאקציע פון א וועכענטליכען זשורנאל, א גאנץ פיינע רעדאקציע! זי פערמאגט א רעדאקטאר, אן אסאסיאיישאן, א פרעזידענט פון אסס'ן, א סעקרעטער פון אסס'ן, א טרעזשורער פון אסס'ן, א בוקקיפערין, א טייפרייטינג מאשין, א טעלעפאן און בערג מיט „רעטוירנס", אלץ אזעלכע זאכען, וועלכע א אידישע וועכענטליכע ציימונג דארף האבען, אום צו קענען ער־שיינען — און מאכען א „דעפיציט..."

און אין דער דאזיגער רעדאקציע איז איינגעפיהרט די סיס־טעם פון „צעטעלאך".

דאס ווערט געמאכט אזוי: ווען איהר, למשל, דרוקט דארט

אַב אַ ליעד, אַז אַרטיקעל, אַ סקיצע, אַ פעליטאָן, אַז איין אַקטער וכדומה, קריגט איהר דערפאַר ניט קיין טשעק, ניט קיין קעש, נאָר — אַ „צעטעל" מיט דעם אונטערשריפט פון רעדאַקטאָר, זאָל לעבען.

נאָר אזוי ווי דאָס צעטעלע אַליין איז נאָך ניט גוט אום צו בעפריע־דיגען אייער לוסט נאָך האָנאָראַר, דאַרפט איהר, במחילה, דאָס צעטעלע דערלאַנגען דעם מענעדזשער, אום ער זאָל עס דערלאַנגען דער בוקקיפּערין אום אויסצומאַכען אַ טשעק און נאָכהער דער־לאַנגען דער אַסס'ן, אום די אַסס'ן זאָל עס דערלאַנגען דעם פּרע־זידענט און דעם טרעזשורער, אום דער טרעזשורער זאָל עס נאָכ־דעם צוריק דערלאַנגען דעם מענעדזשער אום דער מענעדזשער זאָל עס ענדליך דערלאַנגען אייך.

נאָר, ניט אין דער פּראָצעדור פון דערלאַנגען ליגט דאָ דער גאַנצער טראָבעל — נאָר אין אַט וואָס:

די דאָזיגע צייטונג האָט אַ מין שלים מזל צו מענעדזשערס. יעדע וואָך בייטען זיי זיך ביי איהר. עס האָבען זיך שוין פאַר צייט, וואָס איך פעליטאָנעווע דאָרט, געביטען אַלערליי אידען: מיט בערדעלאַך און אָהן בערדעלאַך, גאַליציאַנער און ליטוואַקעס, רו־מענישע און פון מינסקער גוב., פּוילישע און אַמעריקאַנער געבוי־רענע, מיט צילינדערס, קאַשקעטעס, ווייכע העטס א. אַז. וו.

צו די צייטונג קען „גייסטיג" ניט פערטראָגען קיין מענע־דזשער, צו די מענעדזשערס קענען „פיזיש" ניט פערטראָגען די צייט־טונג, צו זיי קענען זיךביידע ניט פערטראָגען — נאָר דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז מענעדזשערס בייטען זיך דאָרטען מעהר ווי אין איטאַליען אָדער פראַנקרייך די מיניסטאָרען...

און טאַקע אין דער דאָזיגער בייטעניש ליגט מיין גאַנצער אומ־גליק.

פאַר דער צייט, וואָס איך אַרבייט מיט אין דער דאָזיגער צייט־טונג, קומט שוין מיר פאַר אַן ערך 16 גאַנצע פעליטאָנען און ביי אַ טוצען האַלבע פעליטאָנען, אויף וועלכע איך האָב בלויז אַרויסגע־קראָגען צעטעלאַך פון רעדאַקטאָר.

די געשיכטע פון מיין אַרויסקריגען די צעטעלאַך ביים רע־

דאקטאר, מיין נאכלויפען איהם אין אלע רעסטאראנס, קאפע־הייזער און אין אלע האלס פון דער איסט־סייד — איז א קאפיטעל פאר זיך. נאר דער עיקר, ווי שווער עס זאל מיר ניט אנקומען דאס ארויסקריגען — אבער איך האב זיי!

נ א ר. ווי אויבען געזאגט, מיט צעטעלאך אליין קען מען נאך ניט צופריעדענשטעלען דעם לוסט נאך האנאראר און א „רעגעלען דינער" איינמאל אין צוויי טעג... דארום, בלייבט נאר איין וועג — צו איבערגעבען זיי דעם מענעדזשער.

און די פראצעדור קומט פאר אזוי:

איך לייה א ניקעל (צוריק גען איך צופוס), פאהר צו אין אפיס פון דער דאזיגער צייטונג, וועלכע געפינט זיך, ווי אויף צו להכעיס, דוקא חוץ לתחום, ד. ה. ניט אויף דער אידישער איסט בראדוויי, נאר צווישען דער גוי'אישער 6טע עוועניו, ווי עס פאסט פאר אן עכט אידישער צייטונג, וואס פרעדיגט דאס אויפלעבען פון אידישען פאלק — פאהר איך צו אהין אין אפיס, זיץ אפ שטונדען און ווארט אויפ'ן מענעדזשער, טרינק זיך אן מיט וואסער (און וואס זאל מען לייקענען, וואסער האבען זיי גוטע!) און פאהר צוריק... „דער מענעדזשער איז היינט ניט געקומען אין אפיס..."

אויף מארגען לייה איך ווידער א ניקעל און פאהר ווידער אין אפיס, ווארט ווידער אפ מיינע 6־5 שטונדען, טרינק זיך ווידער אן מיט וואסער (און וואס זאל מען לייקענען, וואסער האבען זיי פון דאס בעסטע!) — און פאהר צוריק.

אזוי עטליכע טעג בסדר.

ענדליך קום איך אריין און טרעף איינעם א אידען זיצענדיג ביי א דעסק, שטוים איך זיך אן, אז דאס מוז זיין דער נייער מענעדזשער, גיב איך זיך אן עכט ריטערליכען נייג און פערפיהר מיט איהם אזא שמועס:

א י ך: גוט מארגען!

ע ר: גוט יאהר!

א י ך (מיט א וויץ, ווייל פאר א פעליטאניסט פאסט ניט צו רעדען אהן וויצען): ווי איך פערשטעה, איז אייך בעשערט צו זיין דער מענעדזשער פון „ליימענעם גולם", איהר קענט האבען די

ניט גאר גרויסע עהרע צו בעקענען זיך מיט דעם פעליטאָניסט פון אייער צייטונג!

ע ר (שטעלט זיך אויף מיט א שמייכעל און דערלאנגט מיר די האנד): אַה, איהר זייט דער פעליטאַניסט מיסטער האַלטזיכביי־דיזייטען! זעהר פיין! איך האַב זיך טאקע מיט אייך שוין לאנג געוואָלט בעקענען... איהר שרייבט זעהר פיין!... איך לעז אַלע אייערע פעליטאָנען! זעהר פיין!

נאך אזא מין ווארימען ברוך הבא קריג איך קוראזש און שטעק אריין די האנד אין קעשענע, נעהם ארויס דעם פעקעל צעטעלאך, זוך אויס נומער א י י נ ס, ווייל זיי געהען ביי מיר „פאר נומע־ראם" (כדי איך זאל חס וחלילה זיך ניט פערמישען, און וויסען וויפיעל איך פערמאג זיי) און דערלאנג עס דעם מענעדזשער, דער־ביי האלטענדיג פאלגענדען וויציגען ספיטש (ווייל פאר א פעלי־טאָניסט פּאסט ניט צו רעדען אהן וויצען).

א י ך : מר. מענעדזשער! איך האב אייך געבראכט עטליכע דאלאר, ד. ה. איך בין געקומען נאך עטליכע דאלאר... דאס געלד קומט מיר כמעט פאר גארנישט, דאס הייסט, פאר פעליטאָנען... אט האט איהר דעם צעטעלע מיט'ן אונטערשריפט פון אבערקעלנער, כ'מיין דעם רעדאקטאר!

מ ע נ ע ד ז ש ע ר (שמייכלענדיג): ווייזט אקארשט דעם צעטעלע און מיר'ן זעהען וויפיעל קומט עס אייך, נאפּשיקלאד? (ער איז געווען א פוילישער).

א י ך (אלץ וויציג): דאס הייסט, ווי זאגט שלום עליכם, קומען קומט מיר א סך מעהר! גלויבט מיר, ווען איך קאלעקטע איין אלע מיינע צעטעלאך, גיב איך אויף דאס שרייבען פעליטאָנען אויף א יאהר צייט און קויף זיך א „ווילע" ווי א „סטאר" פון אי־דישען טהעאטער....

מ ע נ ע ד ז ש ע ר : אזוי? אין גאנצען צוויי און א האלב דאלאר!

א י ך (אלץ אין זעלבען טאָן): ביי מיר איז דאס גליך ווי צוויי הונדערט און פופציג מיליאָן.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר : מר. „האלטזיכביידיזייטען" עס

וועט אַלעם זיין בעצאַהלט ביז אַ פּעני אין פּערלויף פון דעם מאָנאַט!

א י ך: איך גלויב אייך, אָבער פון דעסטוועגן וואָלט איך זיך געוואָלט זעהען מיט אַ פּאָר דאָלאַר שוין היינט!

מ ע נ ע ד ז ש ע ר: איהר פערשטעהט... איך בין דאָך אַ נייער מענש, ס'מוז נעהמען צייט צו מאַכען אָרדנונג אין אָפּיס... צווישען אונז רעדענדיג, איז דאַ ביז מיר געווען אַזאַ אָרדנונג — ווי אין כינאַ!... איך בין דאַ ערשט נעכטען אָנגעקומען. ביז איך וועל זיך בעקענען מיט די ביכער און חשבונות, וועט נעהמען אַ פּאָר טעג. אַלזאָ, איהר וועט אַריינקומען —

א י ך: מאָרגען?

מ ע נ ע ד ז ש ע ר: ניין, נעקסטע וואָך! אַזוי אַרום דיענס־טאָג, מיטוואָך.

א י ך (פּערענדיג שוין אַליין): דאָנערשטאָג, פרייטאָג, שבת, זונטאָג...

מ ע נ ע ד ז ש ע ר (לאַכט): יע, אין די טעג, טאַקע אַזוי אַרום אַן ערך... גוד־ביי!

וואָס בלייבט מיר צו טהאָן? איך לעג צוריק צו מיין צעטעלע צו די איבעריגע און לאָז זיך געהן אַהיים, צופוס, מיט דער האָפ־נונג זיכער צו קריגען געלד נעקסטע וואָך.

נעקסטע וואָך קום איך ווידער, וואַרט ווידער שעה'ן לאַנג, טרינק ווידער וואַסער (און דאָס וואַסער האָבען זיי דאָרט פון דאָס בעסטע!) אַזוי ביי עטליכע טעג, ביז איך כאַפּ ווידער ביים דעסק אַ נייעם מאַן, ד. ה. אַ נייעם מענעדזשער. פיהר מיט איהם דורך פּונקט די אויבען געשפּיעלטע סצענע, קריג ווידער אַ צוזאָג אויף נעקסטע וואָך, אַזוי אַרום דיענסטאַג... און געה ווידער אַהיים. און קום ווידער. אַזוי שוין אַ מעשה פון עטליכע יאָהר.

און דערווייל שרייב איך יעדע וואָך אַ גאַנצען פעליטאָן אָדער אַ האַלבען, קריג אַ צעטעלע פון רעדאַקטאָר. די צעטעלאַך וואַקסען, האָבען אָנגעפּיהלט אַלע מיינע קעשענעס, סיי פון דער קאַמעזשעל־קע, סיי פון די הויזען און ראָק — און גאָרנישט!

איהר וועט געוויס פרעגען: צו וואס שרייב איך נאך פעלי־טאנען, ווען ס'איז אזוי שווער צו קאלעקטען?

אבער איך פרעג אייך צוריק: ווי קען איך עם אויפהערען? פון וואס וועל איך מאכען א לעבען, איך האב דען אן אנדער איינ־קונפט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אידען, מציאה־זוכערס! אפשר ווילט איהר קויפען צעטעלאך פון דער צייטונג „ליימענער גולם"? ווי איך בין א איד, איך פער־קויף אייך זיי פאר שפאט ביליג!

# מיין פערעהרער.

קאלענען, זאל איך גאט בעהיטען פון פערעהרער!

איך האב אזא פערעהרער, האב איך פון איהם צרות אויפ׳ן פוד. ער פערפאלגט מיך ווי א שונא, לאזט מיך ניט אפ פון אויג ווי א שפיאן.

נאר אפריהער וויל איך איהם אייך אויסמאלען: מיין פערעהרער איז דוקא א מיטעלער איד, מיט א פיינע רונדע בארד, עטוואס גרויליך ביי די זייטען, מיט א פאר לעבעדיגע אויגען, א זיסליכע שטימע און אונטער׳ן ארעם טראגט ער אימער א פעקעל צייטונגען.

און איצט טרעט איך צו צו פאקטען. געוועהנליך וועל איך ניט איבערגעבען אלץ וואס איך שטעה פון איהם אויס. אלעס איבערגעבען איז אונמעגליך. מען דארף אנפילען גאנצע ביכער. איך וועל אייך בעקענען בלויז מיט א פאר פון מיינע איבערלעבענישען מיט איהם, און פון זיי וועט איהר שוין דריגנען אויף די איבעריגע.

---

אנומעלטען געה איך אין גאס מיט א מיידעל. אהא! מיין פערעהרער איז דא!

ווי פון אונטער דער ערד ארויס, וואקסט ער פלוצלונג אויס פאר מיינע אויגען און ער לויפט מיר מיט שמחה אנטקעגען.

בעגרייף איך דאך, אז איך וועל זיך פון זיינע הענד שוין ניט ארויסדרעהען, בעט איך דער מיידעל שטעהן א וויילעטשקע, און אליין לאז איך זיך לויפען איהם מקבל פנים זיין.

— האללא, מר. לעבעדיגער! — רופט ער אוים מיט גרוים התפעלות.

— האללא! — ענטפער איך גאנץ קאלטליך.

— איך ווייס — נעהמט ער מיך אן פאר'ן לאטץ און רעדט מיט גרויס הנאה — אז מען געהט מיט א מיידעל טאר מען ניט אפשטעלען. נאר איך קען זיך ניט העלפען, איך מוז אייך אפ־שטעלען.

איך דערפיהל, אז דער מבול קומט, און ער זעצט פארט:

— איך האב אייך אפגעשטעלט בלויז אויף א ווייליטשקע, אום אייך צו זאגען, אז איהר זייט א גרויסער טאלאנט, וואס שייך זאגען גרויס, גרויס צו גרויס איז ניט גלייך! יאסעל וויצענזאגער איז דאך אויך גוט, מען קען ניט לייקענען, אז ער האט טאלאנט, נאר צו אייך, קומט ער ניט! איהר זייט גאר עפעס אנדערש! אייער פעליטאן, פאראכטאגען זונטאג, איז געווען גוואלדיג! איך וואונדער זיך בלויז, אוואו נעהמט איהר אזוי פיעל פערגלייכונגען, משלים און ווערטלאך! איך האב באמת הנאה געהאט... ווי איך בין א איד.

וואס זאל איך לייקענען. איך האב ליעב טאלאנטען. איך לעז אייך אומעדום, אוואו נאר איך טרעף אייך! גלויבט מיר, אז איהר ווייסט גאר אליין ניט, וואס עס שטעקט אין אייך. ס'איז א גוואלד, א גוואלד, בנאמנות! ווער איז דאס מיידעל?

— א בעקאנטע — ענטפער איך און דרעה זיך. ווי איך וואלט געזעסען אויפ'ן עלעקטריק שטוהל.

— ניט מעהר ווי א בעקאנטע? — ווינקט ער ביטרע אונ־טער — איך שטעל זיך פאר, אז איהר מוזט האבען א היבש ביסעל פון אזעלכע בעקאנט! ווען איך בין א מיידעל, קוש איך אייערע טריט. א ווערטעל אויסצורעדען, אזא טאלאנט! אבער איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואס איך וועל אייך פרעגען: זאגט מיר, וויפיעל איז דער שיעור צו האבען בלויז בעקאנטע? אזא מאן ווי איהר דארף האבען אן אייגענע ווייב, א היים! גלויבט מיר, איהר וואלט נאך פיעל בעסער געשריבען... א קלייניגקייט אן אייגענע היים! ווי איך בין א איד, איך וואלט זיך געלאזט קאסטען געלד, אום אייך צו זעהן אלס א פאמיליען־מאן! טאקע וויפיעל איז דער שיעור צו זיין א בחור? אפשר זאל איך אייך גאר רעדען א שידוך?

איך בין אפילו ניט אין דער „ליין“, איהר ווייסט דאך, מיין פרנסה איז פון מגידות און אמאל פערפאס איך א ספר אויך... אבער צו־ליעב אייך וואלט איך אפילו געהן אין פייער און אין וואסער! א קליינינקייט, אזא טאלאנט ווי איהר! א סך מענשען האבען דען אזא טאלאנט? אייער נעכטיגער ארטיקעל איז אן אנטיק! אי, אי, האט איהר דארט ארייגעזאגט! בעריל גיבמיר שרייבט אויך פיין! ער האט אויך טאלאנט. איך לעז איהם אויך. איך בין א מענש, פערשטעהט איהר, וואס האט ליעב מענשען מיט טאלאנטען, וואס האט הנאה, אז א מענש איז געבענשט פון גאט מיט טאלאנט... איך וויל אייך ניט מאכען קיין קאמפלימענטען, נאר איהר זייט ביי מיר א גאט. וויפיעל קאסט אייך דער נייער סוט? א פיינער סוט. טראגט געזונט! אזא מענש ווי איהר דארף טראגען גוטע סוטס. איהר האט עס כשר פערדיענט! א קליינינקייט אזוי פיעל שריי־בען!... און אוואו נעהמט איהר עס אזוי פיעל טהעמאס? און אלע מאל, אהן אן אויפהער... אן אמת'ער מעין המתגבר!... אי, ווען איך האב אייער טאלאנט! מאכט איהר כאטש א לעבען? ווען איך בין א גביר, א דזשייקאב שיף, בעגים איך דאך אייך פון קאפ ביז די פיס מיט גאלד... איך פערהאלט אייך אפשר? איהר דארפט אודאי ערגעץ געהן מיט דער מיידעל? איהר קענט שוין געהן! איך האב אייך בלויז געוואלט בעדאנקען פאר אייער ארטיקעל... וואס זאל מען טהאן, אז איך האב ליעב א וויץ. אייער וויץ וועגען דעם טויטען בר־מנן איז אן אויסנאהם! ס'איז שוין איינמאל גוט! נאר איך האלט אייך דערוויייל מן הסתם אפ? גוד־ביי! געהט גע־זונדערהייט! גוד־ביי! — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך לויף ווי פון א פייער צו מיין מיידעל. ערשט ווער מיידעל, וואס מיידעל? איהר איז הפנים מיאוס געווארען שטעהן אוןווארטען אויף מיר, איז זי מיט כעם אוועק. און איך בין געבלי־בען שטעהן אין מיטען גאס ווי א נאר. און איך האב געמורמעלט: צום טייפעל מיט אזעלכע פערעהרער!

איצט נאט אייך נאך א פאקט:

נעכטען זיץ איך ביי זיך אין צימער און ווארט אויף איינער

פון מיינע צעהנדליגע געליעבטע, וואס דארף אונבעדינגט קומען. זי קומט דעם ערשטען מאל צו מיר.

עס הערט זיך א קלאפ אין טיהר.

איך שפרינג אויף. מיין הארץ קלאפט אפ זיין געוועהנליכען ענטפער: אודאי זי, זי, זי!

איך עפען די טיהר. ערשט אויפ'ן שוועל שטעהט גאר מיין פערעהרער. שטעהט און גלעט זיין האלב-גרויע בארד אזוי רוהיג און צופריעדען. ער צוגעהט זיך ממש אין איין גרויסען שמייכעל. און דער מבול פאנגט זיך אן:

— האללא! וואס מאכט איהר? אבער איך האב געטראפען! לאנג לעבען זאלט איהר! איהר זיצט גאר אין הויז? און אט דאס איז אייער צימער? א פיינער צימער! זעהר א פיין צימער! און אויף דעם דאזיגען טישעל שרייבט איהר עס טאקע? געבענשט זאל ער זיין! אי, שרייבט איהר! זאלען אייך נאר דיענען אייערע הענד! גוט! שוין איינמאל גוט! איך וועל אייך ניט מאכען קיינע קאמפלימענטען, נאר איהר זייט א גוואלדיגער טאלאנט! א יחיד במינו! און די אלע „פעיפערס“ דארפט איהר עס טאקע אליין אי־בערלעזען? אי, אי, אי! געוויס מוזט איהר עס אלץ איבערלע־זען! און נאך מיט קאפ... אפשר שטער איך אייך?

איך שטעל אפ דעם וואסערפאל מיט א פראגע:

— פון וואנען האט איהר געטראפען אהער? וואו האט איהר עס געקראגען מיין אדרעס?

ער איז אזש אויפגעשפרונגען פון שמחה:

— וואס הייסט, פון וואנען? ראשית, אז מען דארף געפינט מען! שנית, צו אייך וואלט איך געטראפען אפילו אין מיטען נאכט. און דריטענס, איז די מעשה אזוי געשעהן: איך האב דא אין אייער הויז א בעקאנטען, א רב, א פיינער מענש, קום איך צו איהם ארויף. היינט געהענדיג, פאלט מיר איין א קוק טהאן אויף אייער טיהר. איך האב א טבע צו קוקען אויף די טיהרען און צו לעזען די אויפשריפטען פון די „קארדס“... ערשט, צו מיין גרויסער פרייד, זעה איך אייער נאמען! היינט, זאגט אליין, כ'בעט אייך, זאל איך ניט אריינגעהן? כ'פרעג אייך, ווי זעהט מען עס

אייך ניט ווען מען איז שוין ביי אייער טיהר? איהר האָט אודאי
קיין צייט ניט? איך וועל לאנג ניט פערנעהמען אייער צייט. איך
וויס, אז אייער צייט איז ניט אָפּצושאַצען! כ׳בעט אייך, איהר
האָט דאָך אודאי אלע אייערע פעליטאָנען אין א בוך? איך וואָלט
זיי זעהר געוואָלט איבערלעזען נאָך אמאָל!... אייערע זאכען, איז
וואָס מען לעזט מעהר, אלץ בעסער זיינען זיי... אפשר קענט איהר
מיר זיי געבען אהיים? איך וועל אייך זיי אָפּברענגען צוריק גאנץ
ווי געוועזן! ניט? — איז אפשר קען איך זיך זעצען דאָ ביי אייך
און איבערלעזען, אזוי א צוויי־דריי שטונדען?... — דאָס אויך
ניט? איהר מוזט ארבייטען? אויב ארבייטען — איז עפּעס אנ־
דערש... איך געה שוין אוועק! איך וויל אייך בלויז בעדאנקען
פאַר אייער נעכטיגען פעליטאָן. איך מוז אייך זאָגען, אז איהר זייט
א געוואלדיגער טאלאנט! אזא טאלאנט צו האָבען איז א גאָט׳ס
מתנה. איך לעז אלעס, וואָס איהר שרייבט. איך וועל גיכער פער־
פעהלען א מנחה, איידער אייערע א זאך!... גוד־ביי! זייט מיר
געזונד. האָט קיין פאראיבעל ניט וואָס איך האָב אייך געשטערט...
אפשר האָט איהר שוין חתונה געהאט? געוועהנליך, איהר וועט
דאָך מיך ניט רופען. אָבער איך שווער אייך, ווי איך בין א איד אן
אָרימאַן, אז איך קויף אייך דעם שעהנסטען פרעזענט! א קליי־
ניגקייט, אזא טאלאנט! גוד־ביי! — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען ער איז אַרויס, האָב איך זיך אָפּגעווישט דעם שווייס און
ווידער געזעצט ווארטען אויף מיין געליעבטער.

איך ווארט און ווארט, זי קומט ניט. איך קום ארונטער אונ־
טען, ערשט איך געפין אזא צעטעלע אין מיין בריעף־קאסטען:

„לעבעדיגער! איך בין ערשט געווען ביי אייער טיהר, נאָר איך
האָב דערזעהן, אז איך בין דאָ איבעריג, און איך בין אוועק! איהר
וועט מיך מעהר ניט זעהן. דאָס וועט אייך זיין אַן אַנלערנונג, אז
מיט צוויי געליעבטע מאַכט מען ניט קיין ראנדעוואוס אין איין און
דערזעלבער שטונדע. אייער...“

איך האָב זיך הארציג צולאכט און איך האָב זיך געלאָזט לוי־
פען צו איהר, זי איבערבעטען. איך האָב איהר ערקלערט, אז זי

האט געמאכט א טעות. ביי מיר אין צימער איז גאר דאן געווען א מאן, עפעס אן אנשיקעניש, מיינער א פערעהרער, א חסיד פון מיין שרייבען. נאר אייך האט עס געהאלפען? מיר האט עס אויך ניט געהאלפען! זי איז געבליבען ביי איהר'ס און זיך ניט גע־לאזט איבערבעטען.

צום טייפעל מיט אלע פערעהרער! צוליעב איהם האב איך פערלארען אזא געליעבטע!...

# לעזער און שרייבער.

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

צוויי יונגע פּאָעטען.

מעצענאַט.

איין שטאָטיגער לעזער.

איין קאָונטרי לעזער.

פּלאַץ : אַ מילכיגער רעסטאָראַנט.

(ווען דער זאַגענאַנטער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, איז דער גרויסער רעסטאָראַנט כמעט פּוסט. אַ וועי־טער זיצט ביי א טישעל און קנייטשט פּאַפּיערענע „נעפּקינס.“ דער בעל־הבית פון רעסטאָראַנט זיצט לעבען א צווייטען טישעל, ניט ווייט פון קאַסע, און שלאָפט איבער א צייטונג. ביי א דריטען פוסטען טישעל נאָהענט צום קיך זיצען צוויי יונגע פּאָעטען. איינער אַ מאָגערער אין אַ „קעפּ“, דער צווייטער, אַ דאַרער, מיט אויך אַזאַ „קעפּ.“ביידע זיצען האַרט צוגעבויגען איינער צום צווייטען מיט די שטוהלען, ווארפען מיט די הענט און שושקען זיך. אַ פינף טישלאך ווייטער פון זיי זיצען ביידע לע־זער, עסען לאָקשען מיט קעז, פערזופען מיט קאַפע און ווארפען אלע ווײַלע נייגעריגע בליקען צום טי־שעל פון די פּאָעטען, ווי וועלענדיג כאַפּען א וואָרט. פון צייט צו צייט בויגען זיי זיך אויך צו איינער צום צווייטען און שושקען זיך.)

ערשטער פּאָעט: וואָס קען דאָס זיין וואָס ער איז נאָך ניטאָ?

צווייטער פּאָעט: דער טייפעל וויים איהם! ער האָט צוגעזאָגט קומען פּונקט זיעבען!

קאָונטרי לעזער: איך וואָלט געוועז אַ גרויסער בעלן זיך צוזעצען צו זיי, זיי מוזען דאָרטען רעדען פון הויכע פּאָעזיע.

שטאָטישער לעזער: געווים! פּאָעטען רעדען פון פּאָעזיע.

ערשטער פּאָעט: איך שטארב פון הונגער!

צווייטער פּאָעט: בהמה! מען נעהמט עפּעס און געסעטעלט!

ערשטער פּאָעט: און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט ניט קומען?

צווייטער פּאָעט: ערשטענס, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט קומען, און צווייטענס, וועסטו נעהמען אַהן געלט.

ערשטער פּאָעט: איך בין שוין אזוי אויך שולדיג דעם רעסטאָראטאָר אַ שעהנע פּאָר דאָלאר אויף „צעטעלאך“. איך האָב שוין לאנג פערלאָרען דעם חשבון... און איך שעהם זיך נעה־מען נאָך.

קאָונטרי לעזער: אַי, ווי איך בין זיי מקנא! זיי האָבען זיך זייערע הויכע אינטערעסען און גרויסע אידעאַלען!

שטאָטישער לעזער: נו, געווים, זיי קענען לעבען בלויז מיט פּאָעזיע, ניט ווי מיר, וואָס מיר מוזען עסען לאָקשען מיט קעז!

קאָונטרי לעזער: אַי, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט כאָטש אויסרעדען איין וואָרט מיט זיי! דו קענסט זיי?

שטאָטישער לעזער: געווים, קען איך זיי! איך וויים יעדען איינעם אויסגעבונדען.

קאָונטרי לעזער: ווער זיינען זיי?

שטאָטישער לעזער: איינער איז יאָסעל לאַנג־האָר, דער בעריהמטער יונגער דיכטער, דער וואָס דרוקט יעדע וואָך

אין דעם „טויבען גלאָק“; און דער צווייטער איז יענקעל גראַמע־וויטש, אַ דעקאַדענט, דעם וועלכען דער קריטיקער „רייס־אַ־פּאַס“ האָט לעצטע וואָך אַרונטערגעריסען.

קאָונטרי לעזער: אַזוי? איז דאָס טאַקע יאָסעל לאַנגהאַר אַליין! אַי, אַי, אַי!

ערשטער פּאָעט: אַ פּאַסקודניק בלייבט אַ פּאַס־קודניק! געזאָגט קומען און קומט ניט! ווען ער קומט — נעהם איך דאָך אויף איהם גאַנצע 10 סענט און טריט נאָך דיך אויך מיט אַ קאַפּע!

צווייטער פּאָעט: ווי מיר דוכט, איז אָט געהט ער!

ערשטער פּאָעט: וועיטער! שנעל גיט מיר אַהער אַ קאַפּע מיט ווייסע חלה מיט מאַהן! און פּאַר יענקלען אויך אַ קאַפּע! נאָר איהר הערט, איך וויל נאָר מיט מאַהן!

צווייטער פּאָעט: ס'איז ניט ער! איך האָב גע־האָט אַ טעות!

ערשטער פּאָעט: איך בין גוט אַריינגעפאַלען, דער וועיטער וועט שוין באַלד דערלאַנגען. טשאַרט פּאַבערי!

קאָונטרי לעזער: פון וואָס, דענקסטו, רעדען זיי איצט?

שטאָטישער לעזער: ווער קען עס וויסען?

קאָונטרי לעזער: איך דענק, אַז זיי מוזען איצט רעדען וועגען די לעצטע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער פּאָעזיע.

ערשטער פּאָעט: די חלה מיט מאַהן, איז, זאָג איך דיר, אַן אַנטיק! ווילסט אַ שטיקעל?

צווייטער פּאָעט: שור וויל איך! נאָר אָט געהט שוין טאַקע אונזער מעצענאַט!

(עס קומט אַריין אַ הויכער יונגערמאַן, נעט געקליידעט, געהט גלייך צום טישעל פון די פּאָעטען).

קאָונטרי לעזער: ווער איז ער? קענסטו מיר ניט זאָגען ווער איז ער?

שטאָטישער לעזער: אָט אַ דער אַ? דאָס איז אַ רייכער מאַן, ערשט פון דייטשלאַנד, אַ ליעבהאָבער פון דער אידי־

שער ליטעראַטור, אַ מבין אויף קונסט. שרייבט אַליין אויך קריטי־
קען.

קאָונטרי לעזער: זעה נאָר זעה, ווי זיי האָבען זיך
עס מיט איהם אַזוי אַרומגעכאַפּט!

שטאָטישער לעזער: וואָס איז דאָ דער וואונ־
דער? ער צאָהלט זייערע „ביללס“!

ערשטער פּאָעט (צום מעצענאַט): איהר וועט היינט
צאָהלען פאַר דער גאַנצער סעודה. איהר הערט?

צווייטער פּאָעט: איהר האָט דאָך מסתמא געגונ־
גען, דאַרום וויל איך אָרדערען אויף אייער חשבון נאָך אַ קאַפּע!

מעצענאַט (קרעכצענדיג זיך אין קאָפּ): היינט, קאַלע־
גען מיינע, האָב איך גראָדע ביי זיך ניט קיין סענט. פערגעסען דאָס
בייטעלע אין דערהיים.

(ביידע פּאָעטען לאָזען אַראָפּ די קעפּ און בלייבען זיצען אָהן
ווערטער).

קאָונטרי לעזער (צום שטאָטישען לעזער אויפ'ן
אויער): האָסטו בעמערקט, ווי זיי האָבען זיך דאַרטען דערשראָ־
קען? וואָס קען דאָס זיין? איז אפשר געשטאָרבען אַ גרויסער
שרייבער?

שטאָטישער לעזער: דאָס איז גאָרנישט... דאָס
רופט מען ביי זיי שטימונג!

קאָונטרי לעזער: אַהאַ! דאָס איז, הייסט עס, די
שטימונג!

(פאָרהאַנג פאַלט אין טרויער).

## וואו נעהמט מען אַ שטאַנדפּונקט?

דער יונגער שרייבער זענעף האָט זיך פאר מיר אזוי בע־קלאָגט:

— גוטער ברודער, וואָס טהוט מען? איך מאַך קיין לעבען ניט! און ווייסט איהר פאר וואָס? ווייל איך האָב קיין שטאַנד־פּונקט ניט.

איהר מיינט וואָס, איך וואָלט ניט געקענט שרייבען אַזעלכע פּאָליטישע אַרטיקלען ווי לאַקש? אָדער אזעלכע אידישע ארטיק־לען ווי זילבערבארג?

געוויס וואָלט איך געקענט... אָבער די גאַנצע צרה מיט מיר איז, וואָס איך האָב קיין שטאַנדפּונקט ניט.

אַ שטאַנדפּונקט — אָט וואָס איך דאַרף!...

אָהן אַ שטאַנדפּונקט ווי קען מען גאָר אָנהויבען אַן אַרטיקעל? ווי קען מען צופיהרען די הענט? דאָס איז דאָך ניט קיין ליעד!

צו אַ ליעד דאַרף מען ניט האָבען קיין שטאַנדפּונקט... מען כאַפּט אַ שטימונג און מען זעצט זיך און מען שרייבט אָן... עס איז לייכט, פיין, אַ חיות!

אָבער צו אַרטיקלען מוז מען...

דער עולם וויל וויסען וואָס דער שרייבער וויל, וואוהין ער ציעלט מיט זיין אַרטיקעל. וואָס איז זיין שטאַנדפּונקט אויף דאָס און אויף יענעם?

די הויפּטזאַך וואָס זיי זוכען אין אַרטיקעל איז, — דעם שטאַנדפּונקט.

און דאָס זעלבע דער רעדאַקטאָר.

ברענגסט איהם אריין א ליעד. פרעגט ער גאר ניט. א ליעד און פארטיג! ערגער, בעסער... א ליעד דארף דאך ניט קיין שטאנד־פונקט!

אבער מיט אן ארטיקעל איז שוין עפעס אנדערש...

דאן גיט ער גלייך א פרעג: מיט וועמען זייט איהר אין דעם ארטיקעל? וואס ווילט איהר מיט דעם ארטיקעל? וואס איז אייער שטאנדפונקט אין דעם ארטיקעל?

און אוואו זאל איך נעהמען א שטאנדפונקט? א פריץ האט פערלארען! אז איך לעז אפילו קיין צייטונגען ניט!... צו וואס? ווער דארף זיי האבען? וועמען קריכט אין קאפ די פאליטיק? ב'וויים, אמאל טרעפט, קוק איך אריין... ווען מען זאגט מיר, אז דארט איז דא א ליעד פון א חבר... ווילט זיך איבערלעזען. א ליעד איז ניט קיין ארטיקעל... ס'פערנעהמט ניט קיין סך צייט...

איהר וועט אודאי זאגען: נו, נעהמט מען און מען קריגט א שטאנדפונקט. א גרויסער בעטרעף צו קריגען א שטאנדפונקט היינ־טיגע צייטען? א גרויסער עסק! עס פעהלען אוים שטאנדפונקטען אויף דער וועלט? מען מאכט זיך אפ, אז מען איז פאר קערענס־קי'ן, האט מען א שטאנדפונקט. מעג זיך די וועלט איבערקעהרען, ביזטו פאר קערענסקי'ן... אזוי בעפעהלט אייך אייער שטאנד־פונקט... און דאס זעלבע מיט'ן אידישען קאנגרעס. מען קלייבט זיך אוים א שטאנדפונקט דאפיר אדער דאגעגען — און מען שרייבט!...

וואס איז אייך די נפקה מינה? — אבי א שטאנדפונקט! איז אבער די צרה, גוטער ברודער, אז עס אינטערעסירט מיך איבער־הויפט ניט אט דאס אלעס! אז עס קריכט מיר אין קאפ ניט דער גאנצער עסק!... וואס געהט מיר אן, כ'בעט אייך, קערענסקי? און אפילו די רוסישע רעוואלוציע? זיי צאהלען פאר מיר דירה־געלד? זיי זיינען דען שעהנע מיידלאך, וואס איך דארף זיך אינ־טערעסירען? און וואס ארט מיך דער אידישער קאנגרעס? איך בין דען א קאנדידאט? און אפילו די מלחמה מיט אלץ מיט אנאנ־דער ליגט מיר אויך ניט אין דער לינקער פאה!

זאל זיך די וועלט פערדרעהען איהר אייגענעם קאפ! איהר

פערשטעהט, צי ניין? איך בין דאך א קינסטלער... מיר אינטע־רעסירט בלויז די קונסט און ניט מעהר!

און מיט אזעלכע געדאנקען קען מען שוין קיין שטאנדפונקט ניט האבען...

און דארום, גוטער ברודער איז צרות... עס פעהלט פשוט אויף צום לעבען... ניטא קיין פרנסה...

פון ליעדער, ווי איהר ווייסט, קען מען קיין לעבען ניט מא־כען... וויפיעל קען מען אנשרייבען ליעדער א וואך? און אפילו, אז מען זאל אנשרייבען א ליעד א טאג, ווער וועט עס קויפען?

א ליעד איז דאך נאך אלעמען ביי זיי גאר ניט... ביי־זאך!... וואס דארפען זיי איבערהויפט ליעדער? וואס פערשטעהען זיי זיך אויף ליעדער? גארנישט. מען דארף פערשטעקען א לאך, קויפט מען א ליעד!...

אזוי צי אזוי, ס'איז ביטער. מיר איז שוין מיאוס געווארען צו זארגען אימער וועגען דירה־געלד און עסען. און איך בין זיך מודה פאר אייך, איך וואלט זעהר און זעהר געוואלט קריגען א שטאנד־פונקט און אנהויבען פערדיענען געלד...

וויילֿ, וויפיעל איז דער שיעור צו פלאגען זיך? מען ווערט דאך עלטער...

און אפשר וואלט איך טאקע חתונה געהאט אויך. וויפיעל איז דער שיעור זיך ארומצושלעפען?

אבער געה האב חתונה, אז דו ווייסט ניט אויף וואס פאר א וועלט דו ביזט! אז דו האסט קיין שטאנדפונקט ניט...

הערט איהר, גוטער ברודער, איך בין מקנא די אלע צייטונגס־מענשען. אט זיצען זיי זיך ביים טיש און רעדען וועגען זאכען, און איינער פרעגט דעם צווייטען, וואס איז זיין שטאנדפונקט וועגען דאס און יענעס.

און דער צווייטער ענטפערט: מיין שטאנדפונקט איז אזוי און אזוי...

איך זיץ און הער און בין זיי מקנא, ווי גרינג עס קומט זיי אן.

אט ערשט איז געשעהן א נייעס. אין האציפלאץ האט אויסגע־

בראכען א בונט, אין עק־וועלט האט עפעס פאסירט, און זיי האבען שוין א פארטיגען שטאנדפונקט...

פון וואנען, כ׳בעט אייך, אוספעיען זיי דאס צו כאפען אזוי שנעל די שטאנדפונקטען?

איך בין זיי פשוט מקנא. איך קען דאס ניט...

ניטא קיין שטאנדפונקט און פארטיג!

איהר פערשטעהט, לשון האב איך מעהר פון זיי... פאזיטיוו מעהר פון זיי... געדאנקען אויך... טאלאנט אודאי און אודאי...

איהר וועט דאך מיר אליין צוגעבען, אז איך בין מעהר שריי־בער פון זיי... איך וועל דאך איבערלאזען עפעס פאר דער וועלט און זיי ניט. אבער איין צרה: קיין שטאנדפונקט האב איך ניט און קען דארום ניט מאכען קיין לעבען!...

---

א פ י ע ל  פ ו ן  ל ע ב ע ד י ג ע ן: אידען בני רחמנים! אפשר האט ווער פון אייך אן איבעריגען שטאנדפונקט, בארגט איהם אוים דעם יונגען שרייבער זנענף! איהר וועט איהם פראסט ראַ־טעווען ביים לעבען! אידען בני רחמנים, טהוט א טובה!

## זיין גרויסע לויה.

(אַ מעשה, אין וועלכער עס דערצעהלט זיך, דורך וואָס פאר אַ מאָדנע מיטלען אַ אידישער שרייבער האָט געקראָגען אַ גרויסע לויה.)

און ס'איז געווען אין אַ הייסען זומער־טאָג.

און דער אידישער שרייבער נח פאַפירפרעסער, האָט צוריק־געקעהרט פון דער לויה פון זיין קאָלעגע, דער אידישער שרייבער, אברהמיל טינטפלעק.

ער, נח, איז געווען איינער פון די 9 מענשען, וואָס האָבען בעגלייט דעם טויטען־וואגען מיט דעם קערפער פון דעם אידישען שרייבער אברהמיל טינטפלעק, צו זיין לעצטער רוה.

ווי געזאָגט, האָבען דעם טויטען קאָלעגע בעגלייט פונקט נייען מענשען, ווייל צו קיין מנין האָט מען בשום אופן ניט געקענט דער־קלייבען...

די איבעריגע קאָלעגען, איז ווער ס'איז געבליבען זיצען אין קאַפע, ווער ס'איז אוועקגעפאָהרען מיט אַ מיידעל אין פּאַרק, און ווער ס'איז גאָר אוועק אין מואווינג פּיקטשורס... ס'איז אינטע־רעסאַנטער...

אין די נייען איז שוין געווען אריינגערעכענט דעם פערשטאָר־בענעם אברהמיל'ס פרוי מיט 2 קינדער, און אַ מיסעס, וועלכער ער איז געבליבען שולדיג פאר דירה־געלד, ווייל די לעצטע יאָהרען האָט אברהמיל טינטפלעק, צו קיין גנאי זאָל עס איהם ניט זיין, ניט גע־לעבט מיט זיין פרוי, נאָר געשטאַנען ערגעץ אויף אַ פרעמדער „לאָזשי", ווי אַ פשוט'ער „באָרדער"...

די אורזאכע, וואָרום ס׳האָט געפעהלט צו א מנין ביי דער לויה, קענען מיר אייך ניט אָנגעבען.

אפשר איז שולדיג אין דעם די היץ, אפשר די אידישע פרעסע, וואָס האָט כמעט גאָר ניט געשריעבען וועגען דעם טויט פון אברהמיל טינטפלעק.

און פאר וואָס די פרעסע האָט עס אזוי געטהאָן, קען איך אייך יאָ אנגעבען אורזאכען: ערשטענס, האָט אברהמיל טינטפלעק ניט געלעבט גוט מיט די רעדאקציעס און צווייטענס, ס׳איז געווען אין יענע טעג גרעסערע נייעס: א גרויסע פערפלייצונג, א געוואלדיגער מאָרד א. ז. וו. און ס׳איז פשוט ניט געווען קיין פלאַץ...

אלזאָ, מיר געהען איבער צו דעם עיקר פון דער מעשה.

ווען דער אידישער שרייבער נח פאַפירפרעסער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער לויה פון זיין קאָלעגע, איז ער אריינגעפאלען אין א טיעפער מרה־שחורה.

די אורזאכע פון זיין מרה שחורה איז ניט געווען דער פלוצליכער טויט פון זיין קאָלעגא, ניין! דאָס האָט איהם ניט פיעל גערירט. די קאָנקורענץ אויפ׳ן פעלד פון אונשטערבליכקייט איז גרויס. און וועניגער מיט א קאָנקורענט בעדייט: מ ע ה ר ע ר מיט א שטיק אונשטערבליכקייט...

ניין. די אורזאכע פון זיין טיעפער מרה־שחורה איז געווען די קליינע לויה, וואָס זיין קאָלעגע האָט געקראָגען...

אָט דאָס איז דער שכר פאר ליטעראַרישער ארבייט פאר׳ן פאָלק! אזוי בעצאָהלט דאָס פאָלק זיינע לעהרער! — האָט ער געזיפצט. מסתם וועט ער, פאַפירפרעסער, אויך קריגען אזא לויה...

און תיכף האָט ער בעשלאָסען: ניין! ס׳מעג זיך זיין וואָס עס וויל: ע ר מוז האָבען א גרויסע לויה!

און קאָלעגא פאַפירפרעסער האָט זיך פערשלאָסען אויף אַכט טעג אין זיין צימער, ניט געגאַנגען אין קאפע, און ער האָט אלץ געטראכט און געזוכט מיטלען און וועגען, געבראָכען זיך דעם קאָפ א. ז. וו.

און ענדליך צו־ענדע וואָך, האָט ער זיך דערטראכט:

גנעניאַל! — האָט ער זיך אַליין געגעבען אַ פּאַטש איבער׳ן באַק פון שמחה — דער ריכטיגער מיטעל איז דאָ!...

און ער איז אוועק אין לאָמבאַרד, פערזעצט זיין שטעקעל מיט דעם גילדענעם קעפּיל, זיין זייגער, זיין רינג און נאָך עפּעס, אויפגעשאַרט די לעצטע עטליכע דאָלאַר פון קעשענע און איז אוועק צו דעם בעוואוסטען אנדערטייקער, מר. גרובגרעבער, און נאָך אַ היבש ביסעל דינגען זיך, האָבען זיי אָפּגעשריבען צווישען זיך פאָלגענדען כתב:

„איך, מר. גרובגרעבער, נעהם זיך אונטער צוצושטעלען נאָכ׳ן טויט פון דעם שריפטשטעלער מר. נח פּאַפּירפרעסער, צו זיין לויה, ניט ווייניגער פון צעהן מנינים אידען.

דיעזע אַלע הונדערט אידען, מוזען זיין שבת׳דיג פערקעמט, פון פיינעם וואוקס, און אין צילינדערס...

דיעזע אַלע הונדערט מוזען איהם בעגלייטען פון ראַטגערס סקוועער ביז׳ן סאַמע סעמעטערי.

דיעזע אַלע הונדערט אידען מוזען אויך זיין ביז איבער׳ן הספּד.

און דערפאַר מוז איך, מר. פּאַפּירפרעסער, בעצאָהלען צו מר. גרובגרעבער אַ דאָלאַר — אַ מאַן. צוזאַמען: הונדערט דאָלאַר.

די געלט ווערט איינגעלעגט אין באַנק אויף דעם און דעם׳ס נאָמען און מוז אָפּגעגעבען ווערען צום אנדערטייקער מר. גרובגרעבער אַ טאָג נאָך דער לויה.“

אונטערגעצייכענט:

מר. גרובגרעבער

נח פּאַפּירפרעסער.

אָפּגעשריבען זיך איז קאַלעגאַ נח פּאַפּירפרעסער אוועק אַהיים אַ צופרידענער. און ווען די קאָלעגען פלעגען רעדען פון אַ לויה, פלעגט ער מיט זיכערהייט זאָגען: א י ה ר ווי א י ה ר. איך וועל שוין האָבען אַ גרויסע לויה!

— מיט וואָס ביזטו אַזוי זיכער? — האָבען איהם די קאָלעגען געקיבעצט, — דיינע סקיצען לעזט מען דאָך שוין ניט פון צעהן יאָהר!

— אַז איך זאָג, אַז איך וועל האָבען אַ גרויסע לויה, ווייס איך

וואָס איך רעד! — האָט געענטפערט נח פּאַפּירפּרעסער מיט א שמייכעלע.

מעהר האָט ער ניט גערעדט.

און ווען ס'איז געקומען דער הייסער טאָג, (אַלע שרייבער שטאַרבען אין הייסע טעג) און קאַלעגא פּאַפּירפּרעסער איז אוועק־געשטאָרבען, האָט ער ווירקליך געקראָגען א גרויסע לויה.

הונדערט מענשען, א חוץ זיין מיסים, און א פּאָר קאָלעגען, זיינען נאָכגעגאנגען דעם טויטען־וואָגען.

אַלע זיינען געווען פון פיינעם וואוקס, שבת'דיג פערקעמט און אין צילינדערס. אמת, זיי זיינען אַלע געווען מענשען פון גאַס און ניט קיין שרייבער, אבער דעם סוד האָט קיינער ניט געוואוסט.

און די לויה האָט זיך געצויגען פון ראָטגערס־סקווער ביז'ן סע־מעטערי. און ווען מענשען האָבען בעגעגענט די לויה און האָבען גע־פרעגט: ווער איז דאָס געשטאָרבען? און מען האָט זיי געענטפערט: א אידישער שרייבער! האָבען די מענשען געשאָקעלט מיט די קעפּ און געזאָגט: ער האָט געמוזט זיין אַ גרויסער שרייבער און א בע־ליעבטער מענש דער פערשטאָרבענער, ווייל אזוי פיעל שרייבער און אַלע אין צילינדערס בעגלייטען איהם צו זיין אייביגע רוה!

אָט אזוי האָט געלעבט, געשטאָרבען און געקראָגען א גרויסע לויה דער אידישער שרייבער, מר. פּאַפּירפּרעסער.

# דער ריכטיגער סעקרעטער.

דער רעדאקטאר פון מאנאטליכען זשורנאל „פערגאנגענהייט“ ליידט געבעך פון א פערפאלגונגס־מאניע. איהם דוכט זיך רק, אז די גאנצע וועלט פערפאלגט איהם, אז אלע אידישע שרייבער זיי־נען איהם דם שונאים, קוקען אוים אויף זיין רעדאקטאר־שטוהל און זוכען איהם נאר אונטערצושטעלען א ליטעראריש פיסעל. צו־ליעב דער דאזיגער קראנקהייט זייגער האט ער ניט גערעדט מיט קיין איין מענשען, וואס האט צו טהאן מיט דער פעדער.

אבער מיט זיין אייגענעם כעס אויף אלע ליטעראטען האט זיך דער רעדאקטאר פון „פערגאנגענהייט“ נאך ניט בעגנוגענט. ער האט אויך געוואלט, אז זיין „רעכטע האנד,“ זיין סעקרעטער, מר. סארקין, זאל א חוץ זיין ליטערארישער ארבייט פאר'ן זשורנאל, אויך פיינד האבען דיזעלבע מענשען, וואס ער האט פיינד און טרא־גען אויף זיי א כעס.

אבער אזוי ווי דער דאזיגער סעקרעטער איז פון דער נאטור דוקא געווען א מענש, וואס איז געווען מעהר אדער ווענינער פריינדליך צו מענשען, האט דער רעדאקטאר, נאך פיעל אנגעלונ־גענע פראבען איהם אויסצובעסערען, איהם ענטזאגט פון זיין שטעלע.

און דא האט זיך ערשט אנגעפאנגען די ריכטיגע סדרה פון זו־כען א פאסענדען סעקרעטער.

די הויפט־זאך וואס דער רעדאקטאר פון „פערגאנגענהייט“ האט געזוכט, איז א מאן, וואס זאל קענען זיין אין כעס אויף די מענשען, אויף וועלכע ער איז אין כעס.

די איבעריגע קליינינקייטען, ווי ליטערארישע פעהיגקייטען, קענטעניסע און ארבייטזאמקייט, האבען איהם ניט געארט...

די מעשה איז צוגעגאנגען אזוי:

גלייך ווי דער ערשטער קאנדידאט פאר סעקרעטער איז געקומען זיך פארשטעלען, האט דער רעדאקטאר ארויסגענומען פון זיינע הויזען־קעשענעס א צוקנייטשטע, פערפלעקטע לאנגען בויגען פאפיער מיט א צוויי־דריי הונדערט נעמען, און האט גענומען דעם קאנדידאט אויפ׳ן עקזאמען:

— דעם פאעט חיים זינגפויגעל קענט איהר?

— געוויס!

— האלט איהר פון איהם?

— ער איז אלל־רייט, שרייבט אמאל אן א פיין ליעדעל.

— ווער?

— חיים.

— איהר זאלט עס זאגען! אט דער לומפ, דער נעגאדיאי, קען שרייבען?

— חיים זינגפויגעל א לומפ? — דאס הער איך ערשט פון אייך... איך קען איהם גראדע פאר א גאנץ שטילען יונגענמאנטשיק.

דער רעדאקטאר איז בלאס געווארען פון כעס, נאר ער האט פארטגעזעצט זיין עקזאמען:

— און וואס פאר א מיינונג האט איהר פון דעם בעלעטריסט שיינמאן?

— ועלל... צווישען אנדערע בעלעטריסטען איז ער, לויט מיין מיינונג, איינער פון די בעסטע.

— ווער?

— שיינמאן!

— איהר זאלט אזוי דענקען? שיינמאן דער בעסטער בעלעטריסט! גיטא ווער זאל לאכען! איך וויל דאך איהם ניט דרוקען... איך קען דאך זיין פנים ניט אנקוקען... ער איז א פאסקודניאק... א פארך... א סוואלאטש... ער רעדט דאך אויף מיין „פער־

גאנגענהייט״! ער איז... — האָט געשאָסען דער רעדאַקטאָר מיט שוים אויף די ליפּען — ער איז...

— און איך בין מיט איהם גראדע פּער „דו״ און קום אריין צו איהם אין הויז, — האָט געזאָגט הויבענדיג די פּלייצעס דער קאַנדידאַט.

דער רעדאַקטאָר האָט שיעור ניט גע׳חלש׳ט. נאָר ער האָט זיך געמאכט הארץ און פאַרטגעזעצט זיין „דאַפּראָס״:

— און וואָס דענקט איהר וועגען דעם קריטיקער הארבוז, איז ער ניט קיין „מערזאַוועץ״?

— וועמ?

— הארבוז!

— הארבוז א מערזאַוועץ?! איך וויל אייך זאָגען דעם אמת, איך קען איהם ניט אלס אַזעלכען, — האָט זיך גע׳חידוש׳ט דער קאַנדידאַט.

דער רעדאַקטאָר האָט אביסעל אומגעשפּאַנט איבער׳ן צימער און האָט זיך נערוועז אָבגערופען:

— יונגער מאַן, איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך דאַרף האָבען א מאַן, וואָס זאָל קענען זיין אין כעס גלייך מיט מיר, קענט איהר זיך אונטערנעהמען זיין אין כעס אויף פאָלגענדע לייטע, וואָס איהר זעהט דאָ אויפ׳ן ליסט? — איז גוט! ווען ניט, קען איך אייך ניט אַנשטעלען.

— ס׳איז א מאָדנע פאָדערונג, — האָט געצויגען מיט די אַקסעל דער קאַנדידאַט. — דעם ערשטען מאָל זינט איך בין א שרייבער הער איך אזא פאָדערונג פון א ליטעראַרישען רעדאַקטאָר...

— און אַז איהר האָט ניט געהערט, איז וואָס? — האָט דער רעדאַקטאָר זיך געבייזערט — איהר האָט נאָך א סך זאַכען ניט געהערט! די זאַך איז קלאָהר: קענט איהר דאָס דערוויזען איז גוט, ווען ניט איז ניטאָ פון וואָס צו רעדען!

ביי די ווערטער איז דער רעדאַקטאָר ארויסגעלאָפען פון צימער.

און אזוי איז פאָרגעקומען כמעט מיט אלע קאַנדידאַטען. אלע־

מען פלעגט דער רעדאַקטאָר פון „פערגאַנגענהייט" פאַרלעגן זיין ליסט פון צאָרעז, און אַלע זיינען דורכגעפאַלען.

ס'זיינען געווען אייניגע, וואָס האָבען זיך שוין יאַ געוואַלט אונטערנעהמען צו זיין אין כעס אויף דרייסיג, פיערציג אָדער פופציג שרייבער, אָבער דאָס איז געווען ניט גענוג און דער רע־דאַקטאָר פלעגט זיי אויסבראַקירען...

אַזוי זיינען פאַראיבער אַ פּאָר וואָכען, דער ערשטער פון מאָ־נאַט, ווען דער זשורנאַל האָט געדאַרפט ערשיינען, איז שוין געווען נאָהענט, און קיין סעקרעטער איז נאָך ניט געווען...

ביז איינמאָל האָט דער רעדאַקטאָר בעגעגענט זיינעם אַ פריינד, אַ פּיקעל־הענדלער פון באָסטאָן, און איהם פערטרויט זיינע צרות.

— ווייבאַלד דו דאַרפסט בלויז אַ מענשען אויף כעס'ן זיך, האָט איהם יענער געטרייסט, — האָב איך פאַר דיר דעם ריכטיגען מאַן. דאָס איז אַ מענש, וואָס איז צוקריעגט מיט גאַנץ באָסטאָן!

— גוט! — האָט דער רעדאַקטאָר זיך אָנגעכאַפּט.

אין אַ פּאָר טעג ארום, איז אין דער רעדאַקציע פון „פערגאַנ־גענהייט" געקומען דער מאַן פון באָסטאָן, אַ געל אידעל מיט רויטע ברעמען.

— ביי וואָס האָט איהר געאַרבייט בעפאָר? — פרעגט דער רעדאַקטאָר.

— ביי מצות — האָט געענטפערט דאָס אידעל מיט די רוי־טע ברעמען.

— שרייבען קענט איהר?

— ניין! — ברומט דאָס אידעל בייז.

— לעזען?

— פון וואַנען? די באָבע האָט פערלאָרען?! — האָט איהם דאָס אידעל שיעור ניט דורכגעבויערט מיט אַ בליק פון אונטער זיינע רויטע ברעמען.

— דאָס אַלעס איז ניט וויכטיג! — האָט ערקלערט דער רע־דאַקטאָר — שרייבען, לעזען, דאָס קען איך אַליין. דער עיקר איז אָט וואָס: איך דאַרף האָבען אַ מענשען, וואָס זאָל קענען זיין אין

כעם אויף די זעלבע מענשען וואָס איך בין אין כעס... קענט איהר דאָס?

— איהר דאַרפט מיך נאָך פרעגען? — האָט דאָס אידעל אַ קריץ געטהאָן מיט די ציינער — אויף כעס'ן זיך בין איך אַן „עקס־פערט!...“ איך רעד שוין ניט מיט מיין אייגענער אידענע באַלד צעהן יאָהר.

— אַל־רייט, — נאָר עקזאַמינירען אייך, שאַדט ניט... — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר און ארויסנעהמענדיג דעם בעוואוס־טען צוקנייטשטען און פערפלעקטען בויגען פאַפּיער, מיט די נעמען פון זיינע שונאים, האָט ער גענומען דעם געלען אידעל אויפ'ן עק־זאַמען.

— דעם פאַעט חיים זינגפויגעל קענט איהר?

— ניין! אָבער איך האָב איהם פיינט ווי דעם טויט נאָך איי־דער איך קען איהם! ער איז אַ גראָבער יונג, אַ חזיר, אַ הינטשלע־גער און דאַטס־אָל! — האָט זיך דאָס אידעל אָנגעצונדען ווי אַ זאַסיעק מיט היי.

— בראַווא! בראַווא!... — האָט דער רעדאַקטאָר פון „פער־גאַנגענהייט“ איהם געפּאַטשט אין פּלייצע — און אין וואָס פאַר אַ בעציהונגען זייט איהר מיט דעם בעלעטריסט שיינמאַן?

— אַט מיט דעם לומפּ וועל איך האָבען ביזנעס?! — האָט דאָס אידעל געבליצט מיט די אויגען ווי אַ פעלד־גזלן — ווען איך האָב איהם איצט דאַ, צוריים איך איהם ווי אַ הערינג, אַזא שורקע!!

— גוד־באַי! — האָט אַנגעקוואָלען דער רעדאַקטאָר. — און וואָס זאָגט איהר צו דעם פאַרשיווען קריטיקער הארבוז, און צום פּאָס־קודנעם וויסענשאַפטסמאַן לעקאַך, און צום אידיאָטישען דראַמאַ־טורג, פעטעך?

— זיי — האָט דאָס אידעל געדראָהעט מיט די פויסטען — זיי בין איך אַ דם שונא! איך וואָלט נאָר געוואָלט זעהן זייער בלוט!

— גענוג! — האָט דער רעדאַקטאָר מיט גרויס צו־פריעדענהייט אויסגערופען אויפ'ן קול: — איהר ווערט מיין סעקרעטער מיט אַ געהאַלט פון 35 דאָלאַר אַ וואָך. אַט האָט

איהר דעם פּאַרטפעל מיט מאַנוסקריפּטען און נעהמט זיך צו דער אַרבייט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איהר בעגעגענט אויף איסט בראָדוויי א געל אידעל, מיט רויטע ברעמען, מיט א פּאַרטפעל אונטער'ן אָרעם און קריצט מיט די צייהנער, לויפט אריבער אויפ'ן צווייטען טראָטואַר, זאָלט איהר וויסען, אז דאָס איז דער סעקרעטער פון דער רעדאקציע „פערגאנגענהייט“. און דאָס האָט ער מן־הסתם דערזעהן פון ווייטען איינעם פון די צוויי דריי הונדערט שרייבער, אויף וועלכע זיין רעדאַקטאָר האָט א כעס... און אויף וועלכע ע ר מוז אויך זיין אין כעס...

# אַ, רוהיגעס, רוהיגעס לעבען.

(בּיצלעך פון אַ נאָטיץ־ביכעל פון אַ אידישען רעדאַקטאָר)

איך בין א אידישער רעדאַקטאָר פון א ליטעראַרישען זשורנאַל
אַלע זיינען מיך מקנא: סטייטש — אַ רעדאַקטאָר!
אַלע זיינען מיר שונאים: סטייטש — אַ רעדאַקטאָר!
און איך האָב ניט אויף אויסצופרעסען א פּאָר הויזען...

---

היינט האָב איך געליהען א קוואָדער. אָבער דאָס אפּגעבען...
אוי, דאָס אפּגעבען...

---

מיינע בעלי בתים זאָגען, אז איך דאַרף גאָר ניט נעהמען קיין שכירות. ערשטענס, איז דאָך דער זשורנאַל אן אידעאַל... און צווייטענס, איז דער כבוד אליין געגוג...

---

א אידישער רעדאַקטאָר טאָר ניט זיין קיין חכם, דערהויפּט טאָר ער ניט האָבען קיין אייגענע מיינונג. ער מוז דרוקען אַלעס. ווען ניט איז ער ניט זיכער מיט'ן לעבען...

---

אָט ערהאַלט איך א בריעף וואו מען שרייבט מיר: בעסטער פריינד רעדאַקטאָר, אויב איהר דרוקט ניט מיין סקיצע וועט א רוח אין אייער טאַטען אריין.

מיט האָכאַכטונג, שמערקע מעקער.

---

אוואו נעהמט מען געלד?... די וועש ליגען נאך אלץ אין לאונדרי...

---

אנומעלטען האבען מיך חברה געפאקט איך זאל זיי „מכבד זיין". איך האב אינגאנצען געהאט 13 סענט אין קעשענע, געדענקט האבען אויף מיטאג, אבער פערפאלען... מען קען ניט פערשעמען א רעדאקטארסקע פירמע... מ'מוז מכבד זיין!...

---

ערהאלטען איינמאל אזא בריוועל:

„לומפ וואס איהר זייט! איהר קענט דען שרייבען? מיר (?) טרייסלען דאך אייך ארויס פון די ארבעל... איהר נעהמט בלויז אומזיסטע געהאלט... מאכט געלד און אנדערע לאזט איהר ניט צו... עקספלואטאטאר וואס איהר זייט!

---

איך האב פון דער פריה אן ניט געגעסען... שוין צוויי טעג אז איך טראג זיך בלויז ארום מיט א צוויי סענטיגע מארקע, וואס איך האב ערהאלטען פון א לעזער איהם צו ענטפערן אויף א פראגע.

---

א פאסט־קארטעל האב איך היינט ערהאלטען, וואו מען רופט מיך אן מיט אלערליי נעמען: שורקע, הונט, חזיר, עזעל, פאליטי־שען, מען עצה'ט מיר ווערען א גאסען־קעהרער, א הונט־שלעגער, א חזיר־האר פליקער, א. אז. וו.

פערגלייכענדיג א פאר כתבים, האב איך אויסגעפונען, אז דאס איז איינער, וואס האט מיר געשיקט איבערגעשריבענע לידער — און איך האב זיי ניט געדרוקט...

---

מיט א שעה פריהער איז מיין אידענע געקומען א פערוויינ־טע, צוויי „באיעס" האבען זי בעגעגענט, איהר פערשטאפט דאס מויל מיט מיין זשורנאל טאקע און איינגעטיילט צו צוויי שטורכעס אין יעדער זייט — דאס איז, ווייל זי איז א רעדאקטארשע — האבען זיי איהר ערקלעהרט.

— צו וואס האב איך מיט דיר געדארפט חתונה האבען, טאטע

זיסער? ! די גליקען וואס איך האב פאר דיר — האט זי גע־טענה'ט.
און וואס האב איך געוואלט ענטפערן?

---

היינט האט אונז א יונגער דיכטער ארייננגעווארפען א קאַרט דורכ'ן פענסטער.

---

דארף א רעדאקטאר פערריכטען פרעמדע זאכען?
לעצטע וואך האב איך פערריכט איינעמס א ליעדעל, פון 14 שורות געמאכט 10 נייע שורות, איין שורה איבערגעמאכט דעם גראם און די צווייטע שורה אויך, אונטערגעשריבען זיין נאמען: צ ל פ ח ד.
אלס דאנק פאר מיין ארבייט, דערהאלט איך פון איהם א דראהונגס־בריעף בזה הלשון:
ווערטהער הערר רעדאקטאר!
אין־מיין (!) ליעד וואס איז געדרוקט אין היינטיגען נומער איז ארייננגעפאלען א טעות... עס איז א סקאנדאל, א חוצפה פון אייך אזוי צו טהאן! מיין נאמען איז ביי אייך געדרוקט אהן א קמץ אונטער'ן (ל) אויף ווייטער וויל איך עס נים האבען... גענוג וואס איך מאהן ביי אייך נים קיין געלד... איהר זייט א לומפ!
אייער מיט רציחה: צ ל פ ח ד.
איהר הערט? דאס שרייט ער אזוי פאר מ י י ן ליעד!...

---

היינט אין דער פריה הערען מיר געוואלדיגע קולות. מיר לויפען ארויס, איך און מיין אידינע אין קארידאר, ערשט מיר געפינען אונזער דריי יעהריג קינד קלאפענדיג מיט די פיסלעך און בלוט רינט איהם פון אויעריל ווי רויטע טינט...
ארימעס קינד! מ'אבאַנענט האט איהם אבגעביסען דאס רעכטע אויער'ל...

---

אט ערשט האב איך ארייננגעבען מיין רעזיגנאציע. וואס הויבט מען אן צו טהאן? גוואלד, וואס הויבט מען אן צו טהאן?



# פון מיין קליין פענסטערל

## „אן עק פון דער וועלט".

איך ליעב בלויז דאָס לאַנד פון מיינע קינ־
דער, דאָס נאָך ניט ענטדעקטע, דאָס לאַנד,
וואָס ליגט ערגעץ איבער וואַסערען אין
ימים... און זאָלען אייביג, אייביג זוכען
יענע לאַנד די שיפען פון די טרוימען מיינע.
(נאָך צאַראַטוסטרא).

אַלזאָ, דער זיד־פּאָל איז שוין מיט מזל אויך ענטדעקט!

שטעה איך מיר אזוי פארנאכטלעך ביים פענסטער פון מיין
נארד־פּאָל־זידפּאָל צוזאמען, ד. ה., ביים פענסטער פון מיין קליין,
קאַלטען צימערל, און קוק אזוי אויף דער זון, וואָס בעהאלט זיך אין
איהר אייביגער געהיימער, נאָך ניט ענטדעקטער לאַנד, און איך
טראַכט, קלעהר און טרוים און איך וועב מיר צוזאמען מיינע אלטע
ספקות מיט די נייע, און זאָג זיך און פרעג זיך נאָך אמאָל און
נאָך אמאָל: וואָס, זאָל דאָס טאַקי שוין זיין דער עק פון דער
וועלט?...

דער נאַרד־פּאָל איז שוין ענטדעקט, דער זיד־פּאָל שוין אויך,
אַלזאָ — ס'איז שוין באלד ניטאָ קיין סוד, קיין געהיימנים פאר
מענשען... דעם מאָדערנעם מענשען'ס פוס, אַנגעשטיוועלט און אָנ־
געשוכט אין די נייעסטע „ווארימקייט־ערהאלטער", האָט אָנגע־
טראָטען דער ערד אויףביידע עקען איהרע... דעם מאָדערנעם
מענשען'ס האנד, בעלאָדען מיט די מאָדערנסטע עלעקטריק־ערפינ־
דונגען, האָט בעלויכטען נייע וועלטען און געמאַכט ענדליך אן עק
צום לעגענדאַרען „עק פון דער וועלט..."

נו, איז עס, דאכט זיך, פיין, שעהן און אפילו עכט משיקאַ־ווע, אָבער — פרעג איך — וועמען וועט דערפון עפּעס אריינקר־מען?

די געאָגראַפישע וויסענשאַפט וועט ווערען נאָך אביסעל פּעס־מער, נאָך עטליכע וויסענשאַפטס־בטלנים וועלען קריגען עטליכע נייע מעדאַלען — אבער וואָס וועט דערפון ארויסקומען דעם פּשוט'ן בשר־ודם, מיר און אייך, מיינע ליעבע פריינד?

ב'לעבען, ס'איז אן אומזיסטער טומעל און קאָפּ־דרעהעניש... די וועלט געהט זיך איהר וועג, איהר א ל ט ע ן וועג, ניט קוקענ־דיג אויף די אלע נייע ערפינדונגען און ענטדעקונגען... דעם מענ־שען'ס לעבען ווערט ניט אנדערש פון דעם אַלעמען!

און איך שטעה מיר אזוי ביים פענסטער פון מיין נאָרד־פּאָל־זיד־פּאָל, ד. ה., ביים פענסטער פון מיין קליין, קאַלטען צימער'ל, און איך בעגלייט די זון אין איהר אייביגען, געהיימען, נאָך ניט־ענטדעקטען לאַנד, און איך טראַכט: זעהר שלעכט, מיינע פריינד, וואָס דער מענש האָט שוין אַלעס ענטדעקט.

וואָס מעהר מיט אן ענטדעקונג, אלץ ווייניגער ווערט מיט א שעהנעם חלום, אלץ ווייניגער מיט א פאַנטאַזיע... ווייניגער! ווע־ניגער!

און, אוי, אוי, ווי ס'שרעקט מיך די טרוימענלאָזע און פאַנ־טאַזיענלאָזע, עקרה'דיגע מענשהייט!

אָה, ווי עס שרעקען מיך די מענשען דער וויסענשאַפט, די טרוקענע, די בייזע, די שלעכטע מענשען!

איך בין אין כעס: רויבער! — ווילט זיך מיר אויסרופען — וואָרום רויבט איהר אוועק דער וועלט'ס שעהנסטע קינדער־טרוימען און מלאכים־לעגענדען, וואָרום?

ווער בעט אייך צו מאַכען אייערע ענטדעקונגען?!

ווער בעט אייך צו פערטרייבען די סודות פון אונזערע ווינקע־לאך?! מיר דוכט, די וועלט איז אָהן אייערע ענטדעקונגען פיעל שעהנער געווען און פיעל גליקליכער...

איך דערמאָן זיך:

איך בין אמאָל א קינד געווען, א קינד, ווי אלע קינדער, און

אפשר ניט, ווי אלע קינדער... און די וועלט האָט זיך ביי מיר געענדיגט, — איהר ווייסט וואו? ביי דעם קליינעם הושענה־וועלדיל, דאָרט איבער אונזער קליינ־שטעדטעלדיגען טייך...

און וואָס מיינט איהר? שעהן פערצויבערט האָט מיר דאַן די וועלט אויסגעזעהן...

אָבער איך בין עלטער געוואָרען, און מיר איז קלאָר געוואָרען, אַז דאָרטען, דאָרטען ביים וועלדעל ענדיגט זיך ניט די וועלט — און איך בין אריבער דעם גרויסען אָקעאַן...

און וואָס מיינט איהר, יעצט בין איך גליקליכער?

דאַן האָב איך געטרוימט און געוואָלט ענטדעקען — און יעצט האָב איך שוין אלעס ענטדעקט...

טרוקענע מאַטעמאַטיקער, זאָגט, וואָס ווילט איהר פון דעם מענשען'ס נשמה?

ווארום האָט איהר, ווי ווילד־רויבער, אוועקגערויבט זיינע טרוימען?

און איך טראַכט: אונזער ציווילזאציאָן היינט־צו־טאָג איז אַן אלטע בתולה, אָהן האָפנונגען, פערלאַנגען, אָהן חלומות. א בתולה, ביי וועלכער צוזאַמען מיט די ביינער זיינען אויך אויסגעטריקענט געוואָרען אלע איהרע זאַנפטע מיידעל־חלומות... און זי זיצט יעצט, די בתולה, און קייט די ליפען איהרע און ווישט דעם „נעזכען"...

גאַנץ בעשטימט, איך בין געגען ענטדעקונגען...

איך האָב מורא, אַז אויב דער מענש וועט אזוי ווייטער אָנגעהן מיט זיין ענטדעקונג־און ערפינדונגס־אַרבייט, וועט ער אויסלעשען דעם לעצטען פונק פון לעבעדיגקייט, פרישקייט און שעהנקייט פון אונזער פּלאַנעטע...

איך דאַרף נאָר צומאַכען די אויגען, און איך זעה פאַר זיך גלייך דעם צוקינפטיגען מענשען, דעם אלעס־וויסענדען, דעם טרוקענעם בעל־חשבון און דאָלאַר־מאַכער... איך זעה איהם: ע ר איז דאַר און לאַנג און האָט א פּנים, ווי טויזענד צייהן־העלצלאַך געשטעלט איינער אויף דעם צווייטען. זיין גאַנצער קערפּער איז פערפּלאָנטערט און איינגעפּלאָנטערט אין טעלעגראַף־דראָטען, ביי ביידע זייטען אויערען הענגען טעלעפאָנען, אין די הענד האַלט ער

צוויי „עראפלײנס“, ביי די פיס בייזערט זיך און פייפט אן אויטאָ־מאָביל; אויף דער ברוסט איז אָנגעטשעפּעט אַ קליינער עקס־רייי־מאַשין און אַ פאָנאָגראַף, און ער רעדט, טענה'עט, קאַכט זיך, שילט זיך, און ער יאָגט, שפּייט, פייפט און קייט, און ער רעכענט, פאָהרט און איילט זיך, און ער ווייס אַלעס — און ער איז ד אָ ך נ י ט גליקליך!

און איך שטעה מיר ביי מיין פענסטער און טרוים ווייטער. די זון איז שוין לאַנג, לאַנג ערגעץ פערגאַנגען... און איך קלעהר: דער איינציג־איינציגער גליק מיט דעם מענשען איז, וואָס ער וועט קיינמאָל ניט ענטדעקען דאָס סאַמע געהיימניספאָלסטע: דעם סוד פון טוידט און לעבען...

דער מענש וועט זיך קענען געהן אַלץ ווייטער און ווייטער. אָפּדעקען דעם צויבער־פאָרהאַנג פון דער מענשליכער זעעלע, אָפּ־שלייערען די נאַטור, אַראָפּוואַרפען פון דעם „סוד“ זיינע כישוף־קליידער, אָבער דעם סוד פון טויט ניט פון אָרט!...

אזוי גלויב איך — און דאָס איז גליק!

לעבען און טוידט! דאָס איז דער אייביגער נאָרד־פּאָל און זיד־פּאָל, וואָס וועט מוטשען דעם אָרימען מענשען'ס נשמה, שלע־פּען איהם אויף די הויכע אייז־בערג פון „ניט־וויסען,“ שליטלען זיין פאַנטאַזיע איבער די פערשנעעטע וועלטען פון „ניט דערגרייכען“...

טוידט און לעבען! דאָס איז דער קאַרסעט, וואָס האַלט איינגעקאַרסעטעט דעם מענשען'ס ענטדעקונגס־לוסט, אום ער זאָל ניט אַרויסשפּרינגען פון טאַליע.

טוידט און לעבען! אין איירע ווייטע ווייטקייטען קען קיי־נער ניט אַריינדרינגען, ס'העלפען ניט קיינע שליטענס פון מעטאַ־פיזיק, קיינע „הינט“ פון פילאָזאָפיע, קיינע עלעקטרישע לעמפּ־לאַך פון דער מאָדערנער לאָגיק...

עס העלפען ניט און וועלען ניט העלפען...

# דער גרויסער מת.

איך וועל איהם היינטיגס מאָל אויך ניט פאָלגען. איך מיין עס מיין רעדאקטאָר, נ י ט פ אָ ל ג ע ן. דאָס ליגט אין מיין טבע, ווי פיינט האָבען פּאָעזיע — איז זיין טבע. און אזוי ווי איהם אויף צו להכעיס, ווילט זיך מיר געראד היינט פּאָעטיש זיין. איך מוז געראדע היינט פּאָעטיש זיין! און, הערר רעדאקטאָר, איהר קענט זיך זיין אויף מיר ברוגז — נאָר איך מוז אויסשרייען: „עס לעבע די פּאָעזיע!"...

איך ליעב די פּאָעזיע... איך ליעב די שטימונגען און איך גע־פין אין אַלעס פּאָעזיע און שעהנקייט...

אַט, למשל, ט ו י ט. איהר שרעקט זיך שוין אודאי. אייך קלאַפּט שוין אַ צאָהן אַן אַ צאָהן. טויט איז עקעלהאַפט, — זאָגט איהר? אבער איך זאָג: ווי שעהן איז צו שטאַרבען... ווי בע׳חן׳ט איז דער טויט....

און בפרט, ווען מען קען שטאַרבען שעהן, פריי און שטורמדיג!

אַט נעהמט דעם „טיטאַניק"־אונגליק מיט זיינע טויזענדע פּאַ־סאַזשירען־זינקעניש... איז דאָס אפשר ניט שעהן?

וואָס קען נאָך זיין שעהנער פאר אַ מענשען, ווי צו שטאַרבען אויפ׳ן פרייען ברייטען ים... און אויף איינעם פון די גרעסטע וועלט־שיפען דערצו?

פערשווינדען אויף אייביג אונטער דעם גיגאַנטישען פּאַטש פון טויזענדער ריזיגע כוואַליעס — וואָס קען נאָך זיין שעהנער?

זאָגט מיר, איז דאָס, כ׳לעבען, ניט פיעל שעהנער, ווי צו

שטאַרבען אין די שוואַרצע גערעדים פון די פינסטערע קוילען־גריבער ?...

און איז עס זאָגאָר ניט שעהנער, ווי „צו אויסבענקעפיטעוועןײ די טרוקענע אַפּריימערשע נשמה ערגעץ אויף אַ צובראָכען בעטעל, אין אַ פייכטען קעלער אין אַ טענעמענט־הויז ?

איך ליעב אפילו די שעהנקייט אין טויט !... שטעלט זיך גאָר פאַר אויף אַ ווייליטשקע אַזאַ בילד :

עס געהט אַ שיף, אַ ריעז, כמעט אַ גאַנצע וועלט, אַ קולטור פון דורות טראָגט זיך איבער׳ן ברייטען, שעהנעם, אונבעזיעגבאַ־רען ים. טראָגט זיך זיכער, קלאַפּט רוהיג די שטאָלענע ריפּען אַן די קאַלטע, ריעזיגע כוואַליעס... און אויך די מענשען זיינען זיכער און רוהיג... זיי שפּיעלען, לאַכען און פלוידערען געמיטהליך.

און פּלוצלונג... גיט זיך די ריעזען שיף אַ שטויס אַן עפּעס — און קראַך... דער ים גנב׳עט זיך אריין מיט שנעלע פיס אין די קאַיור־טעס פון שיף, פאַנגט אַן וואַשען מיט זיינע קאַלטע הענד די פּאַד־לאָגעס... שטייגט איבער קעפּ און הערצער... שווינט אפילו ניט די געקראָכמאַלעטע הערצער פון די פּאַסאַזשירען־מיליאָנערען: נאָכדעם געהמט ער שנעל די גרויסע ריעזען־שיף אין זיינע אָרעמס, דריקט זי צו צו זיין שטורעמדיגער ברוסט און ציהט זי אראָב צו זיך אין די געהיימע טיפעגישען... אין די שטילע גרונטען...

וויי שעהן דאָס איז !

איך ליעב אפילו די שעהנקייט אין דעם טויט !...

שעהן שטאַרבען הייסט ביי מיר שנעל שטאַרבען !

איך בין געגען גסיסה און לאַנגזאַמען טויט.

רוהיגער טויט — איז פיליסטערטהום...

שנעל שטאַרבען — הייסט שעהן שטאַרבען !...

טויט איז אַ פערמעסטען זיך מיט דער נאַטור...

דער מענש וויל פערשלינגען אַלעס... די נאַטור אויך.

זאָגט דער ים צו די מענשען: ברודער איש־מלחמה, דו ווילסט פערשלינגען אַלעס ווי איך — אָבער איך בין שטאַרקער פון דיר און אויך עלטער...

איך ליעב דעם העלדישען טויט...

איך ליעב א קאפיטאן, וואס קען צוקוקען רוהיג, ווען זיין שיף זינקט. איך ליעב אויך א קאפיטאן, וואס קען זיך לאזען זינקען מיט זיין שיף...

און אפטמאל קוקט מיר אויס, כאטש דאס איז שוין זעהר אלט, אז דאס לעבען אונזערס אליין איז א ים, א ברייטער, רוישי־נער, פיעל־כוואליגער ים...

מיר זיינען מיט אונזערע גאנצע קולטור־ווערטהען און טיטא־ניק־פלענער בלויז קליינע שפענדלאך...

מיר בויען, בויען, בויען...

מיר מיינען, מיר האבען עפעס אויפגעטהאן, אויפגעבויט, אויפגעטהורעמט, פלוצלונג קומט דער אור־אלטער טייפעל, וואס האלט דעם ערד־קוגעל אין זיינע לאפעס נאך פון די גרויע צייטען פון תהו ובהו, גיט זיך א שפיעל און אונזערע האפנונגען, פלענער צושפרינגען זיך, ווי וואסער־שוים און אונזער גייסט זינקט...

און די רעטונגס־שיפלאך ראטעווען ווענינ, פערדאמט ווענינ... העכסטענס, בלויז צושראקענע פרויען און האלב־טויטע קינדער...

דער ים לאכט פון דעם מענשען, דער ים מיט זיין עקשנות־שטיפערישען־בייזען געלעכטער...

דער ים לאכט...

# דער כח פון שכחה.

ווען איך פערטראכט זיך אויף די גרויסע אומגליקען, וואס לויערען פון אייביג אַן אויף דעם זינדיגען צוויי פיס־בעזיצער, אויף די אלע צרות און מלאכי־חבלה, וואס רינגלען איהם ארום, — טראכט איך זיך: ווי גוט ס'איז, וואס דער בעשעפער, ווי ער זאל דארטען זיך ניט רופען, האט איהם געשענקט די מתנה פון שכחה. די צוויבער־קראפט פון פערגעסען. ווען ניט, וויים איך ניט, ווי וואלט ער געקענט נאך יעדען גרויסען אונגליק זיך ווייטער שלעפען אויף דעם הארטען טראטואר פון לעבען...

פערגעסען — איז זעהר א גוטע זאך! ארויסשלאגען זיך פון קאפ — איז אפט פיעל בעסער, ווי אריינשלאגען זיך... דער מענש טאר הפנים ניט נעהמען צו ערנסט דאס, וואס רינגעלט איהם ארום, ווען ניט קען עם ווערען צו טראגיש...

פערגעסען — הייסט בעניייען דאס לעבען.

הייסט — טהאן די אלטע נארישקייטען און טומלען זיך ווי פריהער, ווי תמיד, ווי אלע מאל...

ווען ניט די שכחה, וואלט דער מענש אימער ארומגעגאנגען ווי א פערליעבטער פערטשאדעט פון דער ערשטער ליעבע; ווי א יונג ווייבעל ערשט נאך דער חתונה אין איהרע נייע צימער'ן; ווי א קינד, וואס איז דעם ערשטען מאל אין מואווינג פיקטשורס...

פערגעסען הייסט אפט זיין גליקליך, טאנצען אין ראד מיט אלע מענשען.

פערגעסען זיך, הייסט רודערען שטארק דעם שיף פון פראגרעס...

הייסט — בויען ווידער נייע לוקסוס־שיפען און זיי ווידער זינקען...

הייסט — ווידער זעצען אונטערזוכונגס־קאָמיטעטען און נאָר־נישט פעררינכטען...

הייסט — ווידער ערוואַרטען נייע אומגליקען...

הייסט — ווידער קאָכען זיך פאַר נייע וואהלען און ערוועה־לען די אלטע בעאמטע.

אָט איז דער „טיטאַניק"־אונגליק...

דערמאָנט זיך נאָר וויפיעל האָפנונגען דער מאָדערנער לוקסוס־יעגער און „אונגליקס־ספּאָרט" דער מענש האָט אויף דיעזען שיף געלעגט ? !

דערמאָנט זיך נאָר, וויפיעל גליקען און טרוימערייען פון טייפעליש שנעלע שנעלקייטען, פון שדים'שע גיכען דערגרייכען, פון גיהנום אונבעשרענקטע יאַגעניש — דער מענש האָט דיעזען שיף פערטרויט !

און פּלוצלונג — נאַ־דיר ! אויף דער ערשטער פּראָבע גראָדע — קראַך — באַך — און דער גאַנצער גליק איז אַראָב אויפ'ן אב־גרונד...

און דער גליק איז טאַקע נאָר. וואָס מ'וועט עס פערגעסען, ווי מ'האָט פערגעסען אַנדערע אונגליקען פון ים און יבשה, ווי די גרויסע ערד־ציטערנישען, עקספּלאָזיאָנען און לופט־שיף־פערלוס־טען... די צייטונגען וועלען נאָך אביסעל צעהלען, קייען און איבער־קייען צום טויזענדען מאָל די צאָהל פון די הרוגים ; די עדיטאָריעל־שרייבער וועלען נאָך אביסעל מעלה־גרה'ן זייערע אויסגעדראָשענע מוסר'ן ; די לעזער וועלען זיך נאָך אביסעל קוויקען מיט די איינ־צעלהייטען ; די רבנים וועלען אין זייער גוטהערציגקייט בעפרייען די אלמנות ; מען וועט נאָך אביסעלע קלייבען נדבות ; ספּעציאַ־ליסטען פון שיף־בוי וועלען נאָך געפינען טעכנישע פעהלער ; די קאָמיטעע וועט פּיליכט ערגעץ אויסטאַפּען א שולדיגען — וואָרום, ווי קען מען דאָס גאָר אַזוי לאָזען ? — עטליכע גרינע פון יענער זייט ים וועלען זיך אבשרעקען און אויף א ווייל אָבלעגען זייערע

גליק־רייזעז איז דעם לאנד פון דאלארס און וועלען קומען עטוואס שפעטער... אבער — מ׳וועט פערגעסען...

די צייטונגען וועלען מיט דעם זעלבען פייער בעשרייבען: א מיסים, וואס האט אנגעפאטשט א באַרדער, א קאץ, וואס האט צודראפעט א מיליאנערשע — מ׳וועט פערגעסען...

און די קאמפאניעס וועלען געווים ווידער בויען נייע שיפען, נאך גרעסערע, און מ׳וועט זיך ווידער יאגען און שפיעלען מיט׳ן לעבען ווי פריהער...

ווייל — יאגען זיך, פערשטעהט איהר מיך, איז דער קווינט־עסענץ פונ׳ם היינטיגען בן־אדם׳ס לעבען...

אהן אונגליקען קען דער היינטיגער מאדערנער מענש ניט אויס־קומען ווי אהן א „נעפקין" ביים עסען, ווי אהן א גלאנץ אויף די שיך, ווי אהן טשואינג גאם אין מויל... דער נייער מענש ליעבט די אונגליקען, קאכאיעט זיך אין די אונגליקען און ווערט קיינמאל ניט מיעד צו לעזען אונגליקס־בעשרייבונגען און בלוט־סענסאציעס.

ער מוז דאס ליעבען! ווייל — נאר אין דעם ברען פון אומגליק טאפט ער אז דעם דופק פון זיין „האווען", ווייל — נאר דאן דער־פיהלט ער, אז ער האט עפעס א מחותנות׳שאפט מיט דער נאטור...

געבענשט זאל מיר זיין די שכחה!

און ווען איך גיב אמאל א קנייטש מיין שטערען און נעהם ארוים פון זיינע שוין אלטע פאלדען נייע געדאנקען, טראכט איך: וואס וואלט געווארען מיט׳ן מענשען, ווען ער וואלט קיינמאל ניט פערגעסען...

ווי מיר דוכט: וואלט ער דאן אדער אין גאנצען בעזיעגט די נאטור, אדער אין גאנצען אונטערגעגאנגען...

אדער ער וואלט געווארען צו ג א ט גלייך, אדער ער וואלט אוועק צום טייפעל אויף אכסניה.

אן אפענער קאמפף וואלט דאס געוועזען. שטעלט זיך נאר פאר אויף א ווייליטשקע און גיט זיך א טראכט — וואס וואלט געווארען מיט א מענשהייט פון בלויז ג ו ט ע ן ז כ ר ו ן — איהר קענט זיך עס פארשטעלען?...

א י ך זעה געוואלדיגע זאכען: קאהלענגרעבער וואלטען דאן

זיכער ניט געגאַנגען צוריק אין זייערע גריבער נאָך אַן אומגליק־פאַל. מענשען וואָלטען ניט געבויט הייזער נאָך אַן ערד־ציטערניש.

אַרבייטער וואָלטען גלייך נאָך אַ טרייענגעל פייער ניט געגאַנגען אין די פינסטערע שעפּער און געאַרבייט צוריק ביי פערשלאָסענע טהירען...

ווען ניט די שכחה, וואָלטען די מעהרסטע פון די קאָנוועני־שאַנס, אסיפות, פערזאַמלונגען און מיטינגען אויפגעהערט.

ווען ניט די שכחה, וואָלט מען אין דער אידישער גאַס ניט אַרויסגעגעבען אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג הינער־פּיסעל־צייטונגען, קקיון־דיונה־זשורנאַלען.

די שכחה — דאָס איז די מוטער פון נייעם לעבען, נייע פּראָבעס און נייע אונגליקען.

דער מענש פערגעסט די סכנה פון היינט און לעבצט די סכנה פון מאָרגען.

איינער שיסט זיך אין שטערען און דער צווייטער מאַכט זיין וועג אין די נאָך ניט פערשלונגענע רויך־קנוילען...

מיר נעהמען קיינמאָל ניט אין אכט יענעמס דורכפאַל...

ס'לעבע די שכחה! הלואי קען איך זיך אויך פערגעסען.

פערגעסען און זיך איין מאָל כאָטש משמח זיין.

גרויסער גאָט פון סאַטירע און פּיילען־וואַרפעניש, קריג פאַר מיר אויך אביסעלע שכחה...

פערגעסען זיך איז אזוי שעהן, אזוי שעהן!...

## פריהלינג-פלאפלערייען.

מיין רעדאקטאר מיינט, אז ווען איך וועל זיין אביסעל ערנסט, וועט עס איהם שאדען צום געשעפט... א גוטער און טרייער פאטער איז מיין רעדאקטאר. ער זארגט פאר די לעזער זיינע, ווי פאר קינדער און ער וויל — מ'זאל זיי אמוזירען, ווי קינדער. ביטטע — בעט ער זיך ביי מיר — „זייט ניט אזוי ערנסט, ס'איז דאך פריהלינג!"

יע, יע, פאני רעדאקטאר, ס'איז פריהלינג, כ'וויס דאס אויך. אבער וואס קען איך טהאן, אז מיר איז אומעטיג? און אז גראדע פריהלינג איז די קוועלע פון מיין אומעט?

אז גראדע פריהלינג טראגט מיך אוועק אין די ווייטע, ווייטע וועלטען, וואו דער גבור „אומעט" זיצט געארעמט מיט דער פרינצעסין „בענקשאפט" און זיי טרוימען וועגען א בעסערע וועלט, א שעהנערע וועלט, א פרייערע וועלט, וואס זאל איך טהאן? פרעג איך אייך.

וואס וויל איך? פרעגט איהר.

איך וויל א ס ך, פאני רעדאקטאר! איך וויל עפעס, וואס א י ך ווייס ניט און אפילו א י ה ר ניט.

איך וויל א מאדנעם פריהלינג; איך וויל א הימעל אהן א ערד א ו נ ט ע ן. איך וויל אן ערד אהן הימעל־קראצערס א ו י־ב ע ן! איך וויל א נייעם לעבען!

איך וויל א פריהלינג, א ריינעם, א יונגען, ווי ער איז געווען אמאל, איידער מענשען זיינען נאך געגאנגען אין „מואווינג־פיקטשורס", א פריהלינג אזא — וואס האט נאך ניט געוואוסט פון

טהאמאס עדיסאן... איך וויל איין קליינינקייט: א גליקליכע מענש־הייט. ניט א מענשהייט, וואס לאכט מיט איין זייט פון איהר פנים און וויינט מיט'ן צווייטען! גיט מיר, איך בעט אייך, א מענש־הייט, וואו יעדער לאך זאל זיין א „זונען־שטראהל" און יעדער שמייכעל א שטיקעל „הימעל־בלוי"!

איך וויל זיין א קינד, פאני רעדאקטאר!

אפט דוכט זיך מיר, אז מיין נשמה איז א פערציייטיגע. פון יענע צייטען נאך, ווען דער מענש איז נאאיוו געווען...

מיר דוכט, אז מיין נשמה איז דא אן איבעריגע... קיינער דארף איהר ניט און קיינער פערשטעהט איהר ניט. אפילו ניט איהר, פאני רעדאקטאר...

שא... טשעפעט מיך ניט, איך וועל זיך באלד צואווייינען...

איך געה אום, לאך, שרייב און בענק, און וואס אין מיין נשמה טהוט זיך, ווייס קיינער ניט...

אה, דער הומאר פון א אידישען שרייבער!

איז דאס ניט א קינד, וואס איז אריינגעפאלען צווישען רוי־בער?

אט — אט און איך ווין שוין...

טאר טאקי א הומאריסט ניט וויינען?

שלעכטע מענשען! ווארום ווילט איהר אוועקרויבען פון דעם, וואס אמוזירט אייך, דאס הייליגע רעכט פון וויינען? היינט איז פריהלינג...

און מיר דוכט, אז עמיצער האט פון אונז אוועקגערויבט אויף אייביג דעם פריהלינג פון הארצען און פאר אונז איבערגעלאזט בלויז דעם פריהלינג פון לוח...

פאני רעדאקטאר, ס'טהוט מיר וועה, נאר איך מוז אייך זא־גען, אז ביי אונז איז ניטא קיין פריהלינג.

איך בין כמעט ווי זיכער, אז עמיצער האט אוועקגע'גנב'עט דעם פריהלינג, ווי דעם יושר ביי די פאליטישענס (אויב זיי האָ־בען איהם גאר אמאל געהאט), ווי דעם גלויבען אין דער צוקונפט פון דער אידישער ליטעראטור ביי אונזערע ליטעראטען, ווי די ריי־

נע אידעאלען פון אונזער רעפובליק, די רעפובליק פון וואשינגטאן און לינקאלן...

אוועקגע׳גנב׳עט — און פארטיג!...

וואו איז אונזער פריהלינג?

אונזער פריהלינג שטארבט נאך איידער ער ווערט געבארען...

ס׳גיט א בליה א יונגע בלימעל־זעעלע, שרייבט אויף א צארט־ליעדעל, כאפט זי אויף דער בייזער פראסט פון אונזער אלטעגליכ־קייט אוןווארפט זי אריין אין שאפ, אדער, אין בעסטען פאל, אין א אידישער טעגליכער צייטונג — און פארטיג, ניטא שוין די בלימעל!...

כאפט זיך ביי אונז ארויס א כלל־טהוער, א יונגער סאציאליסט, אנארכיסט, ציוניסט, מיט ריינע פריהלינג־געפיהלען אין הארצען מיט א שטיקעל בלויען הימעל איבער׳ן קאפ, כאפט איהם אריין אונזער קאלטע ווירקליכקייט און אידעאלען נאקעטקייט, און ער ווערט קראנק אויף „כבוד“ און פארטיג, — ער איז שוין ווי אלע...

ביי אונז איז ניטא קיין פריהלינג, ניט אין געזעלשאפטליכען לעבען און ניט אין דער ליטעראטור.

אלע בלומען טויטעט ביי אונז דער פראסט; די „ליעבע“ האט־בען אוועקגע׳הרג׳עט די אידישע טעגליכע צייטונגען מיט זייערע ראמאנען און שדכנות־אבטהיילונגען, און דעם פריהלינג ווער האט אוועקגע׳הרג׳עט?

מ׳זעהט ביי אונז קיין פריהלינג ניט, ווי מען זעהט ניט קיין אויפשיינען אין די מחות פון די ארבייטער...

קיינער ווערט פאר׳ן פריהלינג מעהר ניט בעגייסטערט, ווי מען ווערט מעהר ניט בעגייסטערט פאר אן „עהרען־אבענד“ פון א גאסט פון איירפא...

אלעס שמעקט ביי אונז מיט געלד, דאלארס און ביזנעס...

און ווען איך פעררייס מיין קאפ צום הימעל, דוכט מיר, אז דארטען איז אויך אנגעשריבען מיט גוואלדיג אומגעלומפערטע בוכ־שטאבען: „ב י ז נ ע ס“.

און מיר דוכט, יעדער שטערן ווינקט צו מיר מיט א דאַ־לאַר... מיט א דאָלאַר...

אוי, פאַני רעדאַקטאָר! וואָס טהוט מען, וואָס איך קען היינט ניט פרעהליך זיין?

אַט זעצט זיך גאָר צו, און איך וועל אייך א מעשה'לע דער־צעהלען, א מאָדנע מעשה'לע:

ערגעץ טיעף, טיעף אין א שווארצען טהאָל שטעהט א תפיסה דאָרט. די תפיסה איז א ריעזיגע און א שווארצע — שטעלט צוזאַ־מען א מיליאָן פערדרויבערטע פאבריקען און איהר ווענט האָבען זא בענגריעף פון דער תפיסה. און די תפיסה, ווי געוועהנליך, איז ארומ־גערינגעלט מיט טויזענדער אייזערנע גראַטעס. פערהאַקט מיט טוי־זענדע אייזערנע טהירען; און וועכטערס, ווי געוועהנליך, שטעהען מיט ביקסען און היטען די טהירען... און דאָרט אינוועניג זיצט א פרינצעסין, א בת־מלכה, א יונגע, ווי הונדערט פריהלינגס צוזאַ־מענגענומען, א שעהנע, ווי טויזענד פאנטאזיעס פון טויזענד דיכ־טער, זיצט זיך די פרינצעסין און בענקט, טרוימט און ווארט מ'זאָל זי ערלייזען... איהר שטויסט זיך אָן, ווער זי איז? די פרינצעסין איז דער פריהלינג, און די תפיסה — די מאָדערנע גרויסשטעדטי־שע קולטור...

ווילט איהר ניט, איז דאָס גלאַט א מעשה'לע. איך בין קראַנק, פאַני מיינער! איך קען מעהר ניט דערצעהלען...

איך בין קראַנק און ניט צופריעדען היינט. מיך ערגערט היינט אלעס:

איך קען ניט זעהן קיין בעטלער אין גאַס, קינדער, וואָס לויפען אום מיט צייטונגען היינט...

סטייטש, ס'איז דאָך דער יום־טוב פון דער נאַטור?!

איך בין אין כעס און איך לייד ניט קיין פרעהליכע מענשען היינט, קיין צופריעדענע.

פאַר וואָס?

ווייל איך דולדע ניט די מענשען, וואָס „קאַכאיען" זיך מיט „האלבקייטען", וואָס בענוגענען זיך מיט שטיקלאך „גליק", וואָס קריגען ג אַ ר נ י ש ט און פרעהען זיך מיט ג אַ ר נ י ש ט...

איך קען ניט ליידען די מענשען, וואָס זיצען אין שאָפּ און רעדען פון פריהלינג.

פרעסען הויזען און שמועסען פון זון און לבנה.

רעדען פון ליעבע און נאָך מעהר פון נאקעטע טענצערקעס...

מיר ווילט זיך צולויפען צו יעדען פון זיי און אויסשרייען:

נארישע מענשען! וואו זעהט איהר דאָ א פריהלינג? מיידעל וואָס לאכסטו? וואו זעהסטו דאָ א הימעל?

איך בין קראנק, פאני רעדאקטאָר.

איך דארף ניט קיין פריהלינג, איך בין ווי אלע מענשען. הייני־טיגע מענשען דארפען ניט קיין פריהלינג... דארפען ניט...

# אלט און ניי.

**פון אוילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס**
**(א פאָלקס ווערטעל).**

**היינט ערשט האָב איך איבערגעלעזען א נאָטיץ אין א צייי־**טונג, אז מ'געהט אָבשאַפען די פערד־טראַמוויים אויף דער איסט־סייד; א קליינער נאָטיץ, פערשטיקט ערגעץ אין א ווינקעל פון א צייטונג — דאָך האָט ער ערוועקט אין מיר גרויסע געדאַנקען.

איך האָב זיך פערטראַכט, ווי מיין טבע איז, אויף דעם גורל פון די נייע רעפאָרמען און אַלטע געוואָהנהייטען אויף דעם גליק פון אַלטע און נייע וועגען פאַר דעם מענשען.

פון אויבען אויף דוכט זיך, אז אויף די פערד, אויף די פלוצ־לונג אוננוצליך געוואָרענע בעשעפענישען איז א גרויסער רחמנות. נאָר דאָס איז אַלץ פון אויבען אויף; אין אמת'ן איז אויפ'ן מענשען מעהר רחמנות...

ווייל, וואָס מעהר דער מענש **א י י ל ט** זיך, אַלץ מעהר **פ ע ר ל י ר ט** ער. אין אַלייעניש טוט ער אוועק אַלעס, וואָס איז שעהן, הייליג, רוהיג און אידיליש...

אָט האָט מען שוין באַלד אָבגעשאַפט אין גאַנצען די פערד פון אונזער לעבען; זייער פּלאַץ פערנעהמען די „טראָלי־קארס", די אויטאָמאָבילס, די גאַסענבאַהנען, — אבער איז דען דער מענש גליקליכער געוואָרען? וועט ער פון דיעזע נייע „טראַג מיך צום טייפעל"־ערפינדונגען גיכער קומען צו זיין פרייהייט און גליק? מיר ווילט זיך גלויבען, אז — ניין!

**די אַלטע וועגען פון פאָהרען און רייזען זיינען געווען שעה־נער, ליעבער און דערפאַר רוהיגער.**

אין דעם אַלטען בעל־עגלה איז געווען פּאָעזיע, אין דער אַמאָ־ליגער בויד איז געווען נאָך מעהר פּאָעזיע. אין די פערד איז געלעגען א מין ליעבע צו דער נאַטור, א מין פעראייניגונג פון מענש און חיה... וואָס דאָס האָט אויך א גרויסען שייכות צו פּאָעזיע...

ווען א מענש איז געפאָהרען רוהיג, ניט געאיילט, האָט ער געקענט בעטראַכטען די נאַטור, הנאה האָבען פון איהר שעהנקייט, פון איהר געטליכקייט.

דורך א לויפענדען אויטאָמאָביל אבער קען מען די נאַטור ניט בעאָבאַכטען — מ'קען בלויז בעגעהן פערברעכענס קעגען דער נאַ־טור...

אין אַלגעמיין, דוכט מיר, אז נאָר אין לאַנגזאַמען ציהען זיך, און רוהיגען געמעסיגען לעבען איז דאָ שעהנקייט, שכינה, קדושה און פּאָעזיע...

איילעניש — איז דער גאָט פון טייוואָלים, פון נערוועז־טרייסלעניש און רויב־סיסטעם...

נייע בעסערע וועגען פון פאָהרען זיינען געפונען געוואָרען. אָבער אַוואו זיינען די בעסערע וועגען פון לעבען?

ווארום זיינען מיר נאָך וויים ניט אויפ'ן וועג פון מענשלי־כען גליק?...

ווארום ברענגט אונז ניט קיין „טראָלי־קאַר" שנעלער צו דער היים פון פרייהייט?

און סתם, ווארום איז דער מענש היינט ווייניגער צופריע־דען?

דער ארבייטער ארבייט היינט מיט עלעקטרי, דורך עלעקטרי, אויף עלעקטרי און פאר עלעקטרי, און ווארום ווערען זיינע אויגען שנעלער דונקעל?

און ווארום מאכען די אויגען־דאָקטוירים פון יאָהר צו יאָהר בעסערע ביזנעס?

הפנים, אז די אַלע רעפאָרמען און בעקוועמליכקייטען זיינען ניט פאַר דער טובה פון די אָרימע.

ווארום זאָל עס אזוי זיין?

אַט האָט מיין זיידע זיינע גאַנצע יאָהרען געלערענט פאַר א

חלב׳ענע ליכטעל און געהאט א שאַרפע ראיה ביז׳ן סאַמע עלטער, און איך, זיין אייניקעל, שרייב פאַר עלעקטרי מיט צוויי פּאָרברילען.

און ס׳ווינקט שוין צו מיר פון גאַנץ נאָהענט נאָך א פּאָר...

אוי, כ׳לעבען, ס׳איז עפּעס מאָדנע!

און איך האָב ווייטער געקלערט:

אַט האָט מען שוין באַלד בעפרייט א גאַנצען קלאַס — פערד און פונדעסטוועגען איז זיי ניט בעסער...

אנשטאַט פיהרען דעם מענשען, פיהרט מען זיי אין גאַנצען אויס...

אנשטאַט געהן אין שפּאַן, געהען זיי צום אונטערגאַנג...

דער מענש פערניכטעט זיי צו ביסלעך.

ס׳איז די פרייהייט פון טויט, אזוי צו זאָגען...

דער פערד קען ניט נאָכיאָגען דער מאַשין, נו, מוז ער פאַלען, מוז ער פערניכטעט ווערען.

דאָס איז דאָס זעלבע ווי מיט׳ן ארבייטער, וואָס מעהר מיט א נייע ערפינדונג, אלץ ערגער פאַר איהם.

ער מוז נאָכיאָגען די מאַשין, און קען ער ניט — מוז ער אונטערגעהן...

און וועמען ברענגט עס פאַר א נוצען?

א רחמנות נעבעך אויף די פערד!

ס׳וועט קומען א צייט און מיר וועלען שוין מעהר ניט זעהן דיעזע סימפּאַטישע בעשעפענישען, דיעזע אמאָליגע פריינד פון די מלחמה העלדען. מ׳וועט זיי בלויז דערשמעקען אין א וואורשטעל...

און איך האָב ווייטער געטראַכט:

חיה און מענש!

וואָס ווייניגער די חיה דיענט אונז, אלץ מעהר דיענען מיר צו חיה־קולט... מיר פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די חיות אין לעבען...

ווייל, ווערט דען דער מענש פון צופיעל האָוועז, לויפען און יאָגען ניט קיין חיה?

פערלירט ער דען ניט דעם קאָנטראָל איבער זיך?

טאַטע זיסער, וואָס האָט מען געטהאָן מיט אונזער רוהיג־קייט?!

אַט האָט מען ביי אונז אוועקגענומען די קליינע הויז, די פּריוואַט־הויז, די הויז פאר זיך, און געמאכט פון איהר אַ דירה פאר אַלעמען, און דעם גאנצען פאמיליען־לעבען האָט מען פערוואַנדעלט אין אַ גרויסע טענעמענט הויז מיט באָרדערס, טומעל און וואכעדיגקייט...

מען האָט פון דער ליעבע געמאכט אַ טהיר צו דער „פּראָנט" און פון דער קינדער־ערציהונג — אַ גאסען־שפּיעל...

פון דעם גאנצען אידעאַל פון היים און היימליכקייט, האָט מען געמאכט אַן עלעקטרישע בעלייכטונג — עס איז אפילו שעהן, אבער ס'איז קאַלט. אַוואו נעהמט מען דעם פייער פון „קאמין"? מיט'ן שטעמפּעל פון וואַלד און ווילדקייט?

אַט האָב איך ערגעץ געלעזען, אַז מ'געהט שוין איינגאַנצען אַבשאפען דעם „צפון", די קעלט, דעם ווינטער, אַז מ'וועט איבער־דרעהען דעם „גלאָף שטראם" און ס'וועט ווערען ווארים אין סיביר ווי אין אפריקא, אפשר וועט מען איינפיהרען אייביגען זומער?

פון אויבען אויף דוכט זיך: אַ טהייערע זאַך, אַ וואוילע זאַך: אָרימע לייט וועלען מעהר נים דארפען ליידען פון קעלט, זאָר־גען פאר קויהלען, אָרימע פאָעטען וועלען נים דארפען האָבען איבריגע קליידער. פערליעבטע וועלען האָבען אייביגען פריהלינג... און פערלירען וועט בלויז דערפון דער אייז־טראָסט און דער קויהלען־טראָסט, אבער אַז איהר טראַכט זיך אריין, ווילט זיך אייך אויסרופען: חברה! לאָזט ביים אַלטען!...

קיינער וועט דערפון גאָר נים געניסען... ווארום ווען אָרימע לייט וועלען נים ליידען פון קעלט וועלען זיי זיכער ליידען פון היץ; מ'וועט שוין מן הסתם זעהען, אַז אויף זייער חלק זאָלען אויספאַלען די היציגסטע פּלעצער... און וועט זיי נים פעהלען קיין קויהלען און אייז, וועט זיי פעהלען מילך און ברויט...

און דאָס זעלבע איז מיט די אָרימע דיכטער: איז נים קיין ווינטער־מלבושים, וועט זיי פעהלען די פּאָעזיע גופא; ווארום

אין א וועלט וואו ס'איז ווארים, גוט און פריי, קענען פאַטען ניט בליהען...

און פאר'ן אייביגען פריהלינג פון די פערליעבטע האָב איך סתם מורא, ווארום איך דענק, אז די ליעבע, ווי די נאַטור, מוז האָבען אויף זיך א בייטש פון ווינטער און פון קעלט...

ווען ניט, ווערט זי פערפרוירען אין סאמע זומער...

יע, מיינע ליעבע לעזער, אלע נייע ערפינדונגען רעפאָרמען און איילעניש־מחבלים זיינען נאָר פאר'ן טייפעל, קיינער דארף זיי ניט...

# דאָס געוויכט פון א נשמה.

דר. דאנקען, פון האווערהיל, בעריהמט
זיך, אז ער האָט פעסטגעשטעלט דאָס
געוויכט פון אַ מענשליכע נשמה.

און פון איצט אָן וועט שוין אלץ געהן ווי געשמירט! „א קליי־נינקייט", מיר וועלען וויסען איצט גענוי, וויפיעל אונזער שטיק „גייסטיגקייט" וועגט...

ניטאָ מעהר קיין סודות פאר דער מענשליכער גראָבקייט!

אָה, דו צארטע „נשמה". אָה, דו עדעל געפעסטעטע „זעלע" פון איצט אָן ביזטו שוין מעהר קיין געהמיינים ניט!

און די טובות, וואָס עס וועלען דערפון ארויסקומען, איז ניט אפצואוועגען, און ניט אָבצושאצען.

למשל, אזוי ווען א בחור פלעגט אויסגעהן מיט א מיידעל, פלעגט ער דארפען זיך מוטשען יאָהרען לאנג, טאפּען און טאפּען, ביז ער פלעגט ביי איהר אָנטאפּען אַ שטיקעל נשמה...

אָבער פון איצט וועט ער עס קענען טהאָן מיט דער הילפע פון דער מעדעציִן איינס און צוויי ביי דער ערשטער בעקאנטשאפט אָהן איבעריגע יסורים און „גייסטיגע ליידען". ער וועט גלייך נעה־מען זיין „אויסגעהעניש" אויפ'ן וואָג און פערטיג... ער וויים שוין וויפיעל איהר נשמה וועגט, און ממילא וויפיעל זי איז ווערטה...

און טאקע דערהויפּט וועגען פרויען אין אלגעמיין:

ביז איצט האָבען זיך די מענער איינגערעדט, אז די פרויען־נשמות זיינען גאָר אנדערע, ווי די מענערישע, אז זיי זיינען טיעף

ווי דער ים און געהיים ווי דער אבגרונד... און קיין מענשליכע קראפט איז ניט ביכולת זיי צו דערגרונטעווען.

אָבער פון איצט, ווען די פראגע געלייזט ווערען, און די „מענשהייט“ ווען בעפרייט ווערען פון אן עקסטרא נשמה. איצט, אז מען נעהמט שוועסטערקעס, איופ׳ן וואָג — מוז מען דערלאַנגען די ריכטיגע וואָרע...

און אוי וועה, וועט זיין צו פיעלע פרויען, ביי וועלכע מ׳וועט אונטער׳ן קאָרעסט גאָר ניט געפינען...

ביז אהער האָט מען די פרויען־הערצער געהאַלטען אין איין „ענטדעקען“. אָבער פון איצט אָן וועט מען זיי בלויז „וועגען“.

און נאָך ערגער פון זיי וועט זיין די פּאָעטען. אָט אזוי רעדען זיי אימער פון „נשמה“ און „זעעלע“, פון „דריקעניש אויף דער נשמה“, פון „קוועטשעניש אויף דער זעעלע“... אָבער פון איצט אָן, וועט מען זיך קענען איבערצייגען; מען וועט גלייך נעהמען די דאָזיגע גראַמען־בלאַפער אויפ׳ן צימבעל, דאָס הייסט אויפ׳ן וואָג, און מ׳וועט זעהען וואָס דריקט זיי... אפשר האָבען זיי גאָר קרעמפּפען אין מאָגען...

פון איצט אָן, ליבינקע לעזער מיינע, וועט מען שוין ניט קענען שמועסען גלאַט אזוי פון נשמה און זעעלע...

די נשמה וועט זיין אונטער דער אויפזיכט פונ׳ם דאָקטאָר, ווי דער מאָגען, די נאָז, די הינעראויגען און דער אפּענדיקס...

און מ׳וועט וויסען גענוי פאר וואָס עס דריקט א נשמה ווי מען ווייס פאַראויס עס דריקט א שוך...

און מיט דער צייט וועלען אין אלע גראָסערי־ און בוטשער סטאָרס שטעהן וואָגען — און מען וועט קענען וועגען א נשמה אויפ׳ן זעלבען אופן, ווי א רעטאַך, ווי א לעבער און א פונט קאָר־טאָפעל...

די פינגער פונ׳ם צוקינפטיגען בירגער וועלען קענען אלץ בעטאַפּען פונ׳ם הויכען הימעל־זוים ביז דעם טיעפסטען ערד־קניי־טשעלע פון דער גרעבסטער קישקע ביז דער עדעלסטער נשמה...

און אזוי ווי מען פרעגט איצט א מענשען וויפיעל איז ער ווערטה?... אזוי וועט מען דאן פרעגען: וויפיעל וועגט זיין

נשמה...

נאָר איין זאַך איז נאָך ביי מיר ניט בעשטימט, צו וועט מען פאַדערען „הויכע געוויכט" צו „קליינע געוויכט"? צו וועט זיך רעכענען פאר אַ מעלה, ווען איינעמ'ס נשמה וועט מען קענען ווע־גען אויפ'ן „אונץ" און „גראַם" ווי אַ טהייערע „זאַך", אַדער מען וועט טאקע פאַדערען, אז א נשמה זאָל זיין אַ נשמה, דאָס הייסט, זאָל קענען „דעליווערען" פונטען און פודען...

אַי די „ערעלע" נשמות וועלען פערקרימען די נעזער און זאַ־גען, אז עס וועט ווערען זעהר וואַכעדיג אויף ערדיסאַן'ס וועלטעל! מען וועט אלץ מעסטען און וועגען ווי פראַסטע קרעמער... אז עס יועט ווערען צופיעל פראַזאאיש אויף דער ערד פון טאַנגאַ און מואווינג־פיקטשורס און אז אפילו די „פול־געוויכטיגסטע" און וויכטיגסטע נשמה פון א נביא וועט זיך פוילען אראָפּ צו נידערען צווישען מענשען, אוים מורא, מען זאָל זי ניט נעמען אויפ'ן וואָג?...

זאָג איך אייך דערויף—אַז מיר וועלען גאָר ניט פערלירען... מיר האָ־בען אלץ איינס גאָר ניט פון די נביאים... מעהרסטענס ווערען זיי דאָ שנעל פערוואַנדעלט אין פאָליטישענס....

זעהט איהר, פון איין זאַך וועט מען זיך יאָ דארפען היטען, און דאָס איז פון פ אָ ל ש ע  ו ו אָ ג...

חברה, וועט זעהן, אז מ'וועגט נשמות — וועלען זיי זיך נעה־מען „פיקסען" די „וואָג" און דאַן, וועט פון דער גאַנצער ערפינדונג גאָר נישט ארויסקומען...

# אביסעל פילאָזאָפיע.

ווי גוט ס'איז צו זיין א פילאָזאָף!
פילאָזאָפיע פּאָרט זיך מיט פוילקייט.
און איך בין א פילאָזאָף און ממילא שוין א פוילענצער.
היינט איז פריהלינג! און פריהלינג איז אַן אונערשעפליכער קוואַל פאר פילאָזאָפען; אין פריהלינג איז גוט צו פוילען זיך און
ווייל פערשטעהט איהר מיך, איך ווער שוין ניט נתפעל פון נייע פריהלינגס, איך האָב שוין א סך פריהלינגס הינטער מיין פי־לאָזאָפישער פּלייצע, איך בין, ווי זאָגט דאָס פאָלק: געלעגען אונ־טער'ן פערד און געריטען אויפ'ן פערד און... גאַרנישט!...
היינט קוק איך אויפ'ן פריהלינג און שמייכעל זיך אין קאַל־נער, איך האָב הנאה פון זיין שעהנקייט און געניץ איהם גלייך אין פנים אריין; ווייל איך וויים, אז יעדער פריהלינג איז ניט זיכער, ווי ניט זיכער איהר זיינט מיט אייער לעבען אין ניו יאָרק.
ווייל יעדער פריהלינג טראָגט הינטער זיך א קאַלטען ווינטער און נאָך זיך א קאַלטען אָסיען, און אויף זיך א קאַפּריזנעם הימעל... און דו ביזט קיינמאָל ניט זיכער אין דיינע הנאה־מינוטען, אז דער פריהלינג זאָל דיר ניט ארויס „באָקאָם“.
אַלץ ווענדט זיך אָן מזל. צו פריהלינג דאַרף מען אויך האָבען מזל ווי צו פרויען און צו קאַרטען. אמאָל געהט דיר אין ליעבע בע־סער גאָר אין אָסיען. אמאָל פערליעבסטו זיך אין פריהלינג און ליעבסט זיך אוים אין אָסיען און אמאָל טרעפט דיר א גליק... עס ענטלויפט דיר דיין ווייבעל אין סאַמע פריהלינג...
אַלץ ווענדעט זיך אָן דעם הערדען מזל...

נאָר מבטל זיין דעם פריהלינג וויל איך ניט:

פריהלינג איז א שעהנע זאך פאר פּאַעטען, קעץ און פערליעבטע; די קעץ האָבען דאן די פרייהייט פון בוידים און מיאוקען, די פערליעבטע די פרייהייט פון פארק און קרעכצען, די פּאַעטען... די פרייהייט פון מאכען שלעכטע גראַמען...

ס'איז פריהלינג. ס'שיינט די זון... א חיות! עס ווילט זיך טובל'ען אין זונען־שטראהלען, ארומכאפּען די גאנצע וועלט... נאָר בעסער טהוט עס ניט, זייט ניט קיין נאַר! פער'שיכור'ט זיך ניט מיט קיין פריהלינגס. דאָס וועט אייך ברענגען צו פערטיעפונג און פערטיעפונג קען אייך נאָך ברענגען צום טרוים פון איי־ביגער יוגענד, אייביגע ליעבע און אן אייביגען אידעאל... און דאָס וועט איהר ניט קענען קריגען אפילו ווען איהר זאָלט פער'משכנ'ען הונדערט פריהלינגס צוזאמען...

אזא זאך איז ניטאָ און האַדיע!

איהר נעהמט בעסער פון פריהלינג וואָס איהר קענט, זייט א סוחר... ס'שיינט די זון... געהט ארוים אין גאס, שטעלט אונ־טער אייער פּלייצע קעגען איהרע געטליכע שטראהלען און וואַ־רעמט זיך; קויפט נייע שיך, א נייעם הוט, א נייעם מלבוש אויב מעגליך, און לאכט צו אלעמען אין פּנים אריין...

לאכט פויל, רוהיג און געמיטהליך, ווי א קלוגער פּאָליטי־שען...

און וויבאלד די זון גיט זיך נאָר א בעהאלט אין די וואָל־קענס, עס ווערט קאלטלעך... ערגערט זיך ניט: לויפט גלייך אהיים און מאכט דעם אויוועלע... עס וועט אייך ווידער זיין ווארעם... ערגערען זיך איז ניטאָ צוליעב וואָס...

הערט איהר, איך בין אויך אמאָל א נאַר געווען, אפשר א דיכטער, איך האב געוואָלט מיט יערען פריהלינג גאנצע וועלטען שאפען, איינשלינגען גאנצע רוימען, ארומנעהמען אלע ברייטע ווייטקייטען און פערנעבעלטע סודות פון פריהלינג, מיט איין וואָרט... לויפען, שטורמען, זיך קאָכען און דערטרינקען זיך אין ליכט, גליק און ליעבע...

איך בין נאָך דאן יונג געווען, ניט ערפאַהרען.

נאָר צו מיין גליק איז שוין יענע צייט לאַנג אַוועק, ווי אַ רויבער־אויטאָמאָביל, וואָס האָט בערויבט, געשאָסען און ענטלאָפען...
דער קלאַנג פון דעם שאָס הענגט נאָך בלויז אין הארצען...
יעצט גלויב איך בלויז אין האלבע זאכען, אין האלבע פריהלינגס, אין פערמעל פריהלינגס און אפילו אין אכטעל פריהלינגס...
איך בין געוואָרען אַ בעל־חשבון... און יעצט פויל איך זיך שוין אפילו צו חשבונ'ען אויך...
איך גלויב ניט מעהר אין גאַנצע ליעבעס, נאָר אין שטיקלעך, אין טהיילען פון דער ליעבע, אין פּראָצענטען, און נאָך מעהר גלויב איך אין שפּיעלען זיך...
שפּיעלט זיך, שפּיעלט זיך, קינדערלעך... זאָג איך... ווען איך זעה פערליעבטע נאַראָנים. שפּיעלט זיך גלאַט אזוי, אבער ליעבט זיך ניט... זאָל אייך גאָט פערהיטען פון ליעבע אפילו אויף פּראָצענטען...
ווייל פּראָצענט, איז אין בעסטען פאַל אַ שלעכטע מדה און איינער מוז ליידען...
איך בין יעצט אַ צופריעדענער בירגער, איך ליעג יעצט קעגען די זון ווי אַ ארויפגעארבייטער גענאָסע און איך זאָג זיך: לאָז זי מ י ך וואַרעמען, — איך איהר? — אַ פייג!
גלויבען אין פריהלינג איז ניט כדאי.
די זון איז קאַפּריזנע און פאַלש ווי די פרוי; מ'קען זיך נאָר אויף איהר פערלאָזען אין דער מינוט, ווען זי שיינט. אין אַ מינוט שפּעטער ביזטו שוין מיט איהר ניט זיכער — זי האָט אַ טבע צו שפּרינגען, זיך בעהאַלטען און קומען צוריק... זי האָט ליעב דעם רייץ, די קאָקעטסטוואָ...
די בעסטע זאַך איז צו ליעגען קעגען דער זון און קייען טשערינג־גאָם, לעזען אַ שונד־ראָמאַן און שמייכלען...
און ווערט דער הימעל פערוואָלקענט? — ווערמען געהט עס אָן.
אַ גאַנץ ריינעם פריהלינג דאַרף ערשט שאַפען עדיסאָן...
און דאָס זעלבע, זאָג איך אייך, איז מיט אידעאַלען, אידעען און וועלט־פּראָבלעמען.

ווילט איהר זיין רוהיג, צופריעדען, גלויבט נאר אין האלבע אידעאלען, אין פערטעל אידעען, אין אכטעל פראבלעמען.

איך בין אמאל געווען גענייגט צום אנארכיזם. א וועלט־אי־דעע, האב איך זיך געטראכט, א אידעע, וואס האט אין זיך אלע אידעען; און דער עיקר איז דאס מיר געפעלען געווארען, ווייל עס האט ניט קיין בעשטימטע פארם; מען דארף ניט צאהלען פעראיין־שטייער, מען האט קיין התחיבות ניט פאר קיינעם, ווי זאגט מען: הפקר פעטרישקע!...

און ווידער האב איך בטבע ליעב געהאט אונטערלעגען באמ־בעס אונטער פרעמדע געוויסענס, אויפרייסען אפילו זיך אליין, שטורמען, רעש'ן און טומלען, און דער עיקר ערוועקען אונצופריע־דענהייט און אונזיכערהייט. איך האב דאן מעהר פון אלץ פיינט געהאט די זיכערהייט, די היים, איך האב געגלויבט אין דער היימ־לאזיגקייט פון מענשען.

אבער היינט בין איך שוין מיט דעם ניט זיכער...

אמאל האב איך שטארק געליעבט די אידישע ליטעראטור, געגלויבט אין איהר צוקונפט און זיך געקאכאיעט מיט איהר פער־גאנגענהייט.

און ווען איך פלעג דורכלעזען א שלעכטען ארטיקעל אדער א שלעכטע סקיצע, פלעגט עס מיך ערגערען ביז וועהטאג: ווארום זיינען מיר אזוי ארעם? ווארום איז ביי אונז ניטא קיין קריטיק, קיין גרויסע פאעמאס און ראמאנען? ווארום האבען מיר ניט קיין ליטישען פנים? ווארום אזוי פיעל עם־הארצות? אזוי פיעל שפראַ־בען און קיין איינע א גאנצע?

נאר יעצט בין איך גלייכגילטיג, קאלט, פויל און פילאזאפיש. איך לעז אלעס און א זיסער דרעמעל צוגיסט זיך איבער אלע מיינע גליעדער, איך בין צופריעדען, מיר דוכט, מיר האבען שוין צו־פיעל...

# טרוימען און ווירקליכקייט.

בשוב ה׳ שבות ציון היינו כחולמים.
(תהלים).

חלומות זיינען דא פערשיעדענע: איינער חלום׳ט וועגען איי־ער־בויגעל בעשמירט מיט פוטער, איינער וועגען לעמבערגער קעז מיט ביער, איינער וועגען א פעטע כלה פון „טויבען־פאסט“, איינער איינער וועגען אויסטערס אויף יום־כפור, איינער צו קריגען א דריי־ערעל פון קעמפיין — און איינער חלום׳ט דעם חלום פון זיין פאלק.

אלץ הייסט חלומות, און אלץ הייסט חלום׳ען!

פערשיעדען זיינען די חלומות, ווי פערשיעדען עס זיינען די מענשען.

פאראן מענשען, וואס זיצען אימער איבערגעבויגט איבער דער ווירקליכקייט ווי איבער א שיסעל מיט הייסע קארטאפעל און מעהר ווי די קארטאפעל זעהען זיי ניט...

און פאראן מענשען, וואס זיינען בעלי־חלומות בטבע, און דער הארטסטער ווירקליכקייט בויען זיי שעהנע פאלאצען פון פאנטא־זיע, און זיי פערוואנדלען הייסע קארטאפעל אין אפעלסינען...

פערשיעדען זיינען די מענשען!

אלזא, איך האב די עהרע זיך פארצושטעלען פאר אייך! איך בין א בעל־חלום פון דער היים און אפילו אין רעכטען מיטען טאג האב איך ליעב אמאל צוצומאכען די אויגען און זעהען שעהנע חלומות...

איך וועל אייך פאר א שעהנעם חלום אוועקגעבען מיין גאנצע פעלעטאניסטישע קאריערע.

אהן חלומות איז ביי מיר די וועלט א רוסישע שווארץ מאה, איז ביי מיר דאס לעבען א זומפ וואו עס טיאפקען זיך גרויסע לומפיגע שטיוועל... איז ביי מיר די ווירקליכקייט א ביין אין האלז, ניט צום איינשלינגען און ניט צום אויסשפייען...

איך מוז חלום'ען...

א חלום — דאס איז ביי מיר א זאמדיגער ברעג נעבען א ברייטען ים, איך שטעה מיט די פיס אויפ'ן ברעג, אבער מיין פאנ־טאזיע פליעגעלט איבער'ן ים. און מיין האנד, מיט דעם שטעקעל אין איהר, צייכענט פון זיך אליין אויפ'ן זאמד... וואס? א חלום!— א נאמען, וואס איז ליעבער און טהייערער פון אלץ...

איך שטעה אין חלום. כאטש איך וויים, אז דער נאמען ועט ניט לאנג בלייבען אויפ'ן זאמד, כוואליעס וועלען קומען און עס אבוואשען. אבער איך טהו דאס ווייל ס'איז מיר ליעב...

איך האב ליעב חלומות.

א בעט אהן חלומות איז א געלעגער פון א בהמה. א פאלק אהן חלומות איז א סטאדע מיט שקלאפען.

די ווירקליכקייט זעלבסט איז א קינד פון א שעהנעם חלום. אהן חלומות איז די ווירקליכקייט קיין ווירקליכקייט.

די פאנטאזיע, זי איז דער לייטער, וואס זי פיהרט צו הויכע טהאטען.

א חלום שטעל איך זיך אימער פאר ווי א יונגען מאן מיט א שעהן געלאקטען קאפ.

די ווירקליכקייט אהן חלומות קוקט מיר אימער אוים ווי א פליעגאוואטער אלטיטשקער.

דער איך מוז חלום'ען. די „הארדאנעלען" פון אידישען פאלק איז זיין טרוים וועגען צוקונפט.

די ווירקליכקייט איז ביי איהם בלויז א וואנדער־שטעקען אין האנד, אן אייביגע עמיגראציע. דער חלום, ער גיט איהם א „שרביט־הזהב" אין האנד, און מאכט איהם פאר א בן־מלך...

הערליך זיינען די חלומות פון א פאלק!

ווארום א גאנצעם פאלק קען מאן ניט

ח ל ו ם ' ע ן... א גאנצעס פאלק, ווען עס חלום'ט, האפט עס, לעבט עס מיט זיין פערגאנגענהייט...

א פאלק מוז חלום'ען, אויב עס דענקט נאך לעבען!

און פיינט האב איך מעהר פון אלץ די יעניגע, וואס ווילען אוועקנעהמען די חלומות ביי זייער פאלק.

וואס זאגט איהר, איהר האט פאקטען? איהר האט בעווייזע פון דער ווירקליכקייט? — אבער איך האב פיינט דעם אמת פון מתים, די ווירקליכקייט פון אינוואלידען...

איך האב פיינט א ווירקליכקייט, וואס איז טרוקען ווי דאס הארץ פון א רעפארמירטען ראבי!

איך האב פיינט א ווירקליכקייט, ווען זי איז בלויז א געניץ פון א פעטען בעל־גוף.

חלום'ען, הייסט אפט זיך לאזען נארען, און נארען מוזען מיר זיך אום כדי צו דערגרייכען עפעס...

אן אונטערדריקט פאלק איז ווי א קינד. עס מוז חלום'ען, עס מוזען איבער זיין וויעגעל שוועבען קינדער־חלומות, מלאכים מיט זילבערנע פליגעלעך, ווען ניט וועט עס שפעטער קיין ערוואקסענעס לעבען ניט קענען פיהרען.

און בפרט ווען דאס קינד איז א יתום און דאס וויעגעלע שטעהט אין א פרעמדער דירה...

איך בין א בעל־חלומות און טהוט מיר עפעס.

און ווען איך שלעפ זיך ארום דא אין אונזער אידיש־אמעריקאנישער פער'דאלאר'טער ווירקליכקייט, און זעה מיין פאלק, ווי עס געהט אין שאפ, פערקויפט סאדא וואסער, געהט הויזען, פעדעלט מיט עפעל, מיט אלטע זאכען; מוטשעט זיך און ווערט אויסגעריסען פאר „מאכען א לעבען", פיהל איך עס מיט, ליעב עס — נאר מיינע ליפען שעפטשען: עס איז קיין פאלק ניט...

און וויל איך עס מאכען פאר א פאלק, זעהען עס אלס א פאלק, הויב איך אויף איבער זיינע אקסלען דעם גרויסען חלום פון זיינע בעסטע קינדער, שפרייט אוים איבער זיין קאפ דעם גרויסען טרוים פון ישעיהו און יהודה הלוי, צושאקעל א ווייך־גארטען איבער איהם און דאן ווערט עס ערשט ביי מיר א פאלק...

און ווען איך קוק זיך צו צו דעם צוברעקעלטען, צוטומעלטען אמעריקאנישען יודענטהום מיט זיין גאנצען פעקעל וואכעדיגקייט, לאדזשינג־חשבונות, און פעראיין־ביזנעס, זוך איך פאר איהם א יום־טוב, א ווינקעלע וואו איך זאל מיט איהם צוזאמען קענען חלום'ען דעם גרויסען הערליכען חלום פון צוקונפט...

די צרה פון אונזער אמעריקאנישען יודענטהום איז, וואס עס האט ניט קיין חלומות, וואס ווי עס האט אריבערגעטראגען זיין פעקעל ביינער איבער'ן גרעניץ פון רוסלאנד און גאליציען, האט זיך עס גלייך פערקויפט פאר אן עבד כנעני צו דער וואכעדיגקייט.

אמאל דוכט מיר, אז דער איינציגער חלום פון היגען יודענטהום איז צו מופען אין די בראנקס און ניט מעהר...

אונזערע קינדער, דער פיערטעל, האלב און גאנץ אמעריקאניזירטער דור שפיעלען אין באל, לעזען „דעטעקטיוו סטארים". קוויקען זיך מיט מאווינג פיקטשורס און חלום'ען וועגען ווערען „קאו־באים" — אבער די טאטעס וואס טהוען, וואס איז זייער חלום? וואו זיינען דא אונזערע גרויסע פאליטישע שטרעבונגען און חלומות? אין פאליטישען וואגען פון לאנד זיינען מיר בלויז א שרייפעל אין פינפטען ראד.

איך בין א בעל־חלומות.

און ווען איך דערהער, אז א נייער ציוניסטישער קאנגרעס קומט, לאז איך מיין גאנצע ארבייט, בויג איין מיין קאפ און הער זיך צו: ווי ס'וועבט זיך א גרויסע ליעד...

און זאל זיין, אז א קאנגרעס איז בלויז א וויעג־ליעד וואו מ'פערוויעגט דאס ארים קינד, אבער די ליעד איז דאך אזוי זיס, די מעלאדיע אזוי ליעב, און דאס הארץ קלאפט און דאס בלוט פולסירט שטארקער, און דער גלויבען אין חלומות ווערט פעסטער...

איי ליו־ליו־ליו... פון די טרוימען מוז מען קומען צו א שעהנערער ווירקליכקייט, פון די חלומות מוז מען קומען צו טהאטען, וועלכע וועלען זיין אזוי שעהן ווי די חלומות און אזוי פרוכטבאר ווי די פאנטאזיע...

איך בין א בעל־חלומות.

# פאָלגען אָדער ניט פאָלגען.

איך, ווי מיך, האָט מען געווים געלערנט די תורה פון פאָלגען.

אפריהער האָט אייך געלערנט דער טאַטע, אז איהר מוזט פאָלגען דעם טאַטען. נאָכהער, ווען איהר זייט עלטער געוואָרען און מ׳האָט אייך געשיקט אין חדר, האָט אייך געווים דער רבי גע־לערנט, אז איהר מוזט פאָלגען דעם רבין.

און נאָך שפּעטער, ווען מ׳האָט אייך אָפּגעגעבען צו לערנען א מלאכה, האָט אייך געווים דער בעל־הבית געלערנט, אז מ׳מוז פאָלגען א בעל־הבית...

און גלויבט מיר, גערעכט איז געווען אי דער טאַטע, אי דער רבי, אי דער בעל־הבית — פאָלגען מוז מען!...

די תורה פון פאָלגען איז א גרויסע, א ריעזיגע, מ׳קען זאָגען: א תורה, וואָס נעהמט ארום דאָס גאַנצע לעבען פון׳ם מענשען.

און דאָס ערשטע, וואָס עס לויכט ארויס פון די ערשטע שורות פון דער תורה איז, אז פאָלגען בעצאָהלט זיך! ווען איך בין געווען א אינגעל, האָב איך עס ניט פערשטאַנען, אָבער איצט אלס דערוואַקסענער, פערשטעה איך עס זעהר גוט.

איך האָב אַן עלטערען ברודער, איצט שוין א טאַטע פון קינדער, איז ער געווען א געהאָרכזאַמער פון דער נאַטור, דאָס הייסט א גאַנץ קלוגער, פלעגט ער אין אלץ פאָלגען דעם טאַטען.

האָט דער טאַטע, למשל, געזאָגט אויף טאָג, אז עס איז נאַכט, האָט מיין עלטערער ברודער צוגעבאָמקעט, האָט ער דער טאַטע פערקעהרט געזאָגט אויף נאַכט, אז עס איז טאָג, האָט ער ווידער צוגעשטימט.

איך, פערקעהרט, בין געווען אַ רעוואָלוציאָנער בטבע, און עקשן און פלעג זיך וועלען אַריינלאָזען מיט׳ן טאַטען אין ויכוחים, און דער סך־הכל איז געווען, אַז אַלע פעטש וואָס מיין ברודער פלעגט דאַר־פען קריגען על פי שכל, דין און יושר — פלעג איך קריגען.

און פאַר וואָס ? ווייל איך בין געווען יונג, נאַריש און היציג און געוואָלט געהן אַנטקעגען דעם טאַטענס ווילען.

דאָס לעבען לערנט אונז, אַז קיינע פרייע מענשען זיינען גאָר ניט בנמצא. מיר אַלע זיינען בלויז רינגלאַך אין אַ גרויסע קייט פון פלאָגעניש, וואָס די דומהייט האָט פאַר אונז אויסגעשמידט.

פאָלגען — דאָס איז נאָכ׳ן געזעץ פון לעבען — שטעלען ווייניג אין קאָן און אַ סך געווינען.

פאָלגען, — דאָס הייסט ניט אָפּעסען זיך דאָס האַרץ, ניט ער־גערען זיך צוליעב קליינינגקייטען, און זאָל זיין, אַז די קליינינגקיי־טען זיינען אפילו גרויסינגקייטען...

פאָלגען — דאָס הייסט זיך פעראייניגען, מיט וועמען מ׳קען נאָר, מיט וועמען ס׳איז נאָר בעצאָהלבאַר...

פעראייניגונג — דאָס איז לעבען, דאָס איז „דער גיב נאָך י ע נ ע ם און מ׳וועט ד י ר נאָכגעבען“. דאָס איז דער בויגען דעם קאָפּ פאַר יעדער הערשאַפט.

לעבען — דאָס איז קנעכטשאַפט צו זיך אַליין און צו פרעמ־דע. דאָס איז אַ ווייכער רוקען און וואַטאָווע קניען. דאָס איז אַ נשמה פון גומעלאַסטיק.

פאָלגען — דאָס הייסט זיין פּראַקטיש צ ו י ע ד ע ר צ י י ט און ערפאַהרען מ י ט ד ע ר צ י י ט.

און ווען איך קוק אַריין אין דער געשיכטע פון מענשליכע ליידען און מענשליכע פריידען, זעה איך פאַר זיך, פון איין זייט איין גרויסען „איך פאָלג ניט“, וואָס האָט געבראַכט די מענשען צו ליידען.

אַט, למשל, נעהמט טאַקע אדם הראשון׳ען זעלבסט, בעטראַכט זיין לעבען אין גן־עדן, ווען ער האָט נאָך געפאָלגט גאָט: ס׳איז גע־ווען אַ שעהן לעבען, אַ פיין לעבען, קיין צרות פון פּרנסה, קיין צרות פון קליידער און פון ווייבער — אַן אמת׳ער גן־עדן!

אבער ווי ער האָט נאָר איינמאָל ניט געפאָלגט גאָט, אהאַ! ווערט ער במחילה ארויסגעטריבען, ווערט בעשאָטען מיט קינ־דערלאַך ווי א היימישער מלמד, דאַרף אָנהויבען זאָרגען פאַר חיונה גאָר ווי א גרינער ערשט פון עלים־איילענד. ער מוז זיך נעהמען צו ערד־ארבייט, זעהר א שווערע מלאכה, ווייל דאַן זיינען נאָך ניט געווען בנמצא קיין זומער־באָרדערס און מ'האָט געמוזט מאַכען א לעבען פשוט פון שוויים און אקערען. מיט איין וואָרט: דאָס ניט פאָלגען האָט איהם געקאָסט טייער און אונז זיינע אייניק־לעך אודאי און אודאי...

פאָלגען, רבותי, איז א גרויסע זאַך.

אלץ וואָס איז קלוג און געשייט אין לעבען, לערנט: בויג זיך, קנייטש זיך, דרעה זיך, אבי פאָלג נאָר דעם וואָס איז שטאַרקער פון דיר...

פאָלגען איז א תורה, וואָס וועט אימער בלייבען נייַ, אפילו ווען אלע תורות וועלען בטל ווערען.

ווייל בטבע וויל דער מענש ניט פאָלגען, ער איז אן עקשן, ער האָט ניט ליעב הערען פרעמדע בעפעהלע, עס לאָזט איהם ניט דאָס הארץ.

און ווען ניט דער קאַלטער קאָפּ, ווער ווייס, וואָס עס וואָלט געוואָרען מיט דעם מענשען.

— ניט פאָלג! — שרייט דאָס פאָעטישע הארץ, — ווארום זאָל עפּעס א פרעמדער וועלען הערשען איבער דיר?

— פאָלג! — זאָגט דער פּראָזאאישער קאָפּ — און דיר וועט זיין גוט און וואויל.

און די ערפאהרונג לערנט, אז דער קאָפּ האָט רעכט! ווארום, א בעווייז, אז דער קאָפּ אליין איז דער קלאָהרסטער געגענשטאַנד איז דער, וואָס אפילו דער פּראָסטעסטער קירזשנער קען צו איהם צופאסען א היטעל — אבער מעסטען דאָס הארץ? קען אָפט אפילו ניט דער בעסטער פּראָפעסאָר...

## ס'לעבע די פוילקייט!

**איך ווייס ניט ווי איהר, נאר איך בין פערקאכט אין דער אידעע פון פוילקייט.**

איך בין פאר פוילקייט, האלט פון פוילקייט און פראקטי־ציר דאס טאקע אויך.

איך בין פויל, זא צו זאגען, ווי ס'איז געוועזן גאט, איידער ער האט זיך גענומען צו בעשאפען די וועלט.

איך בין פויל ווי א גוטער צעהנדליג אידישע פאטען צוזא־מען גענומען.

מיין יעדער אבער איז אנגענאסען מיט פוילקייט, ווי די אר־טיקלען וועגען מלחמה אין אונזערע צייטונגען מיט נארישקייט.

איך בין פויל, און מיך ערגערט דאס גאר ניט, אדרבה מיר געפעלט עס זעהר און זעהר.

איך האלט פון שטענדיגע פוילקייט מעהר ווי פון שטענדיגע ארבייט...

פוילקייט — איז נאך מיין מיינונג, עקאנאמיע פון כחות און ווארום זאלען מיר ניט זעהן צו עקאנאמירען, וואס מעהר און מעהר!

פוילקייט — איז דאס אמת'ע זעלבסט ערהאלטונג — און ערהאלטען זיך איז דער וואונש פון יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש.

פוילקייט — איז מעהר הכנסה און ווניגער הוצאה. און א קלענערע הוצאה איז דאך דער אידעאל פון יעדען פאמיליען־פא־טער.

פוילקייט — איז דאס שעהנסטע שטיקעל פאעזיע, דאס איז א ליעד, וואס גענעצט זיך דורך, איבער אלע אייערע זעקס הונ־

דערט און פינף און זעכציג אברים (איך נעהם דעם צאהל פון א ריכטיגען, ווייל איך פויל זיך איבערצוצעהלען).

איך בין פערליעבט אין פוילען זיך.

פוילקייט — דאס איז די געשיכטע פון מיין פערגאנגענהייט, דער פונדאמענט פון מיין יעצט און דער לייכטטהורעם פון מיין צוקונפט.

איך גלויב באמונה שלמה, אז דער צוקונפטיגער מענש וועט זיין פריהער פאר אלץ — א גוטער פוילענצער.

גלויבט מיר, איך האב זיך גוט צוגעקוקט צו דער וועלט, און איך זאג אייך, אז האוועו איז איינפאך ניטא פאר וואס און פער־לירען כח אודאי און אודאי ניט.

צו וואס בויען? ווען אט גיט א ציטער די ערד און מאכט דיר פאר אוים קאפעליוש־מאכער, אוים אפערייטאר ביי הויזען, זא צו זאגען, און דו קענסט זי אפילו ניט אנקלאגען ביי דער יוניאן...

צו וואס לויפען, האוועו און שפארען? — ווען אט מאכט זיך צו די באנק, וואו איהר האט געשפארט אייער האוועניש, און איהר בלייבט אויף דער הוילער פליישיגער באנק...

פוילען זיך, גוואלד פוילען זיך!

ווען אין צימער איז ווארים און דער מאגען איז בעזארגט מיט דאס, וואס עס קומט איהם על פין דין, על פי שכל, און על פי יושר — איז דאן גוט צו לעבען אויף דער וועלט און האנה האבען פון אלע נייעסטע ערפינדונגען, דאן איז געשמאק זיך צו פיהלען א בירגער אויף דער וועלט.

גאט מיינער, ווי גוט איז צו פוילען זיך!

ווי גוט ס'איז צו ליגען שטונדען לאנג אין בעט, און אפילו אויף א ווייכער סאפקע און ניט ריהרען מיט די גליעדער.

אפגעלעגען אייז זייט, איבערקעהרען זיך אויף דער צווייטער, אבער אלץ ניט געאיילט.

זאלען זיך די שטונדען ציהען לאנג, לאנג. נידער מיט'ן זייגער! — נעהמט און פערדרעהט איהם מיט'ן פנים צום וואנד צו.

ווער דארף עס לעבען מיט דער צייט?

וואס געהערט זיך אן מיר אליין: הער איך די צייט ווי א טויבער הערט זיין ווייב.

נידער מיט דער טהעטיגקייט!

ווען איך בין טהעטיג, איז מיר אלץ וועניג, קורץ און שמאל.

איך וויל דאן א סך און האב גארנישט, טרוים פון ריעזען און נעגען זיך אן, מיט קארליקעס; וויל זיך יאגען אויף די בעסטע אויטאמאבילס, ווי א זוהן פון א מיליאנער, און מוז נעביך געהן צו־פוס, ווי איינער, וואס עס פעהלט איהם דער ניקעל.

ס'לעבע די פוילקייט!

איהר שרייט: סטייטש? בעוועגונג איז לעבען און לעבען איז בעוועגונג!

איך פויל זיך אייך אפילו צו ענטפערען, נאר איך ענטפער: ס'איז א קאלאסאלער ליגען!

אמת'ער לעבען איז דא נאר אין פוילקייט; און דאס פריווילעגירטע רעכט אויף פוילען זיך — אין דער געגצליכער פרייהיינט צו געניצען צו יעדער צייט.

בעוועגונג — איז נאר גוט: אין א בעקוועמען קערעדזש אויף א גלאטער שאסעע־וועג.

בעוועגונג איז נאר גוט אין א העמאק — אבער ניט ערגעץ אנדערש...

נאך מיין מיינונג, איז, ווען מ'בעדארף בעוועגען א גאנצען טאג מיט די הענד און מיט די פים פאר ווילד פרעמדע און פאר שפאט ביליגע פרייזען — איז פאסקודנע איבער פאסקודנע.

איהר זאגט, אז ארבייטסלאזיגקייט איז א קללה — און איך זאג זיך מיינס, אז דאס איז א ברכה.

איך האב זיך מיין סברה: ווען ארבייטען וואלט געווען א זאך וואס גיט צו געזונט, וואלטען עס די רייכע לאנג אויסגעכאפט פאר זיך.

ארבייטסלאזיגקייט — איז א קללה, איהר ווייסט פאר וועמען? פאר די וואס טארען זיך ניט פוילען, פאר די וואס מוזען בעוועגען מיט די האלב געליימטע גליעדער, אום צו מאכען א לעבען פון הערינג מיט ציבעלע.

**ארבייטסלאָזיגקייט איז אבער א ברכה — פאר די וואָס קענען זיך פערגינען צו זיין אימער ארבייטסלאָז.**

ברידער פוילענצער! לאָמיר אלע אין איין קול אויסרופען:

עס לעבע די פוילקייט!

לאָמיר זיך בעמיהען צו ברענגען די וועלט צו דעם העכסטען אידעאל פון ארבייטסלאָזיגקייט און פוילקייט — און דאן וועלען מיר פערשפּאָרען צו קרעכצען, איקען און זיפצען, צו זוכען פילאָנ־טראָפּישע פּלענער, וועלכע מ׳קען ניט אויספיהרען.

ברידער פוילענצער, רופט צוזאמען מיט מיר: ס׳לעבע די פוילקייט!

## דארפֿען קליינע פֿעלקערלאַך אונטערגעהן ?

זאָגט צו מיר מיין פֿריינד (ער איז א מיזאַנטראָפּ, א ניטשצע־יאַנער, א פֿוטוריסט, און וואָס ניט ?) : מיך פֿרעהט זעהר וואָס מאָנטאַנעגראָ האָט זיך אונטערגעגעבען און געהט ענדליך פֿער־שווינדען פֿון דער וועלט, ווייל איך האַלט אינגאַנצען ניט פֿון קליינע פֿעלקערלאַך, און ביי מיר איז, וואָס וועניגער מיט א קליין פֿאָלק — אַלץ בעסער.

— ס'איז אַן אומשולדיגער וואונש צו אַ טויט־אורטהייל ?— האָב איך איהם געפֿרעגט.

— א טויט־אורטהייל — האָט ער קאַלט ארויסגעזאָגט און פֿערדרויכערט זיין ליולקע — נאָך מיין מיינונג זיינען כמעט שטענ־דיג די קליינע פֿעלקערלאַך שולדיג אין אַלע מלחמות און קריעג־גערייען.

— און פֿאַלגליך ? — האָב איך איהם אונטערגעאיילט.

— פֿאַלגליך — האָט ער בע'טעמ'ט געדרויכערט זיין ליולקע— און פֿאַלגליך דאַרף א פֿאָלק, לויט מיין מיינונג, זיין אָדער גרויס, אָדער גאָרניט ! א פֿאָלק מוז זיין ווי א פֿאָעט... קליינע פֿעלקערלאַך ווי קליינע פֿאָעטען טאָרען ניט עקזיסטירען.

— קענסטו עס מיר בעגרינדען ? — האָב איך פֿערלאַנגט.

— איך וועל עס דיר בעגרינדען... קליינע פֿעלקערלאַך, ווי קליי־נע פֿאָעטען, פֿלאָנטערען זיך בלויז אונטער די פֿיס. די ערשטע — דער וועלט־פּאָליטיק, און די צווייטע — דער קריטיק.

איך האָב געוואָלט עפּעס בעמערקען, נאָר ער האָט פֿערכאַפּט און פֿאָרטגעזעצט מיט היץ :

— ווילסטו וויסן פאר וואָס? ס'איז ווייל קליינע פעלקערלאַך זיינען גראָדע די גרעסטע עזות־פנים'ער, די ערשטע, וואָס קריכן אין פייער. האָסטו אַמאָל בעמערקט, ווי אַ קליין אינגעל, פיער אָדער פינף יאָהר אַלט, רייסט זיך אין אַ געשלעג מיט אַ מאַן פינף פוס הויך? שפּרינגט אונטער און מאַכט קולאַקעס ווי אַ גרויסער? אָט דאָס איז דאָס בילד פון אַלע קליינע פעלקערלאַך, וואָס קריכן אין מלחמה.

— אַלזאָ? — האָב איך אַריינגעוואָרפן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

— אַלזאָ, קליינע פעלקערלאַך, זאָג איך נאָך אַמאָל, דאַרפן פערשווינדען, טאָרן ניט עקזיסטירן, צוליעב פאָלגענדע גרינדע: ערשטענס, ווייל זיי זיינען אַ הינדערניס און אַ שטרויכעלשטיין אויפ'ן וועג פון די ג ר ו י ס ע און דאָס הייסט: אויפ'ן וועג פון פּראָגרעס, און צווייטענס, ווייל זיי האָבן די גרעסטע אמבי־ציעס גרויס צו זיין און זיי קענען ניט.

— גלויבט מיר — האָט ער פאָרטגעזעצט — ווען די וועלט האָט ניט קיין קליינע פעלקערלאַך, וואָלט ניט געווען קיין פעלקער־שקלאַפעריי, קיין אונטערדריקונגס־פּאָליטיק, קיין לעק־די־פּלאָמאַ־טיע און קיין איבערמענשליכער נאַציאָנאַליזם... ווען ניט די קליינע פעלקערלאַך, וואָלטן די גרויסע געהאַט אַ סך ווייניגער אורזאַכן צו פערוואַנדלען די וועלט אין אַ שלאַכטפעלד; עס וואָלט ניט געווען וועמען אונטעריאָכן, וועמען צו בעזיגען און „וועמען צו גע־ווינען אויף אונזער זייט."

איך האָב ווידער געוואָלט עפּעס בעמערקען, נאָר ער האָט ניט געלאָזן.

— איך ווייס דיינע אַרגומענטן! הער מיך אויס! ווען עס וואָלטן ניט געווען קיין קליינע פעלקערלאַך, וואָלט די וועלט געהאַט אַ שענערן פּנים; און קרופּ וואָלט געווען אָרימער ווי ער איז...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרן. איך האָב אַריינגעכאַפּט צו פרעגן:

— און וואָס איז מכּה רחמנות?

— רחמנות! — איז ער געוואָרען אַנגעצונדען — דאָס איז א ווייבערשער עסק... רחמנות אויף אַ פאָלק, דאָס איז אַן „עפּיטאַפיע“ אויף זיין פּאָליטישען לעבען. דאָס איז אַ מצבה אויף זיין זעלבסטשטענדיגקייט. קיין רחמנות אויף א קליין פּאָלק, וואָס געהט ארונטער פון סצענע, וואָס פערשווינדט פון דער וועלט און פאַלט אריין אין שקלאַפעריי צו אַ גרויס פּאָלק! קיין רחמנות! ווייל, וואָס איז די זאַגענאַנטע זעלבסטשטענדיגקייט פון א קליין פּאָלק זויב ניט אן אייביגער ציטערען מיט'ן פעל פאַר די ציינער פון די וועלף? א שטענדיגער שפּיעל פאַר דיפּלאָמאַטען פון די גרויסע הויפען?

— און ווי איז מיט קליינע מענשעלאך? — האָב איך געפרעגט — דארפען זיי לעבען?

— לאָך ניט! — האָט ער זיגנעריש אויסגעשריען — קליינע מענשעלאך האָבען אויך על פּי שכל ניט בעדאַרפט עקזיסטירען — נאָר פּערפאַלען! א גאַנצע מענשהייט קען מען ניט אונטערברענגען... 99 פּראָצענט פון דער מענשהייט בעשטעהט פון קליינע מענשעלאך — פּערפאַלען!

ער האָט אויסגעשאָקעלט די אַשעס פון זיין ליולקע.

## צו וואָס און פאַר וואָס ?

אין דרויסען רעגענט, איך דאַרף שרייבען, און איך שווער אייך ביי וועמען איהר ווילט אליין, אַז איך וויים ניט וואָס צו שרייבען.

אין דרויסען רעגענט.

געהערט האָב איך, אַז שרייבען אין אַזאַ צושטאַנד פון ניט וויסען איז גראַדע אַ סימן פון גרויסקייט, פון קענען, פון זיכער־קייט. אַז אין אַזאַ צושטאַנד שרייבען גראַדע די מעהרסטע פון אונזערע שרייבער און האָבען ערפאָלג...

אפשר...

אין דרויסען רעגענט. איך דאַרף שרייבען און וויים ניט וואָס. אפשר איז דאָס טאַקע אַ סימן, אַז איך מוז שרייבען, אַז מ׳וויל איך זאָל שרייבען, אַז מיין שרייבען וועט אויסנעהמען...

מ׳וויל... דאָס פאָלק וויל...

און אַז דאָס פאָלק וויל מוז מען, מ׳קען ניט אָפּשטעלען „דאָס געשעפט"...

ווארום שרייבען איז אויך אַזאַ מין געשעפט ווי אַלע גע־שעפטען.

אַ מין מסחר מיט מאַרך, ווי מיט הערינג...

עס רעגענט און איך האָב ניט וואָס צו שרייבען...

און אָט דוכט זיך מיר, אַז איך בין אַ הערינג־הענדלער, מיין מוח איז אַ הערינג־קרעמעל, די געדאַנקען, וויצען, חכמות, א. ז. וו. ליגען געפּרעסט און געזאַלצען ווי הערינג...

און אָט קומען קונים און מ׳בעטאַפּט מיין סחורה... מ׳ציהט

פון אונטען, פון סאמע דעק... מ'זוכט א גוטען הערינג פאר דריי סענט...

איך מוז שרייבען... עס מוז זיין געזאלצען, און צוליעב וואס?

אין דרויסען רעגענט, דער הימעל איז כמורנע, מיר ווילט זיך גאר פעררוקען אין א ווינקעל און שלאפען, שלאפען...

ווארום, פרעג איך אייך, מוז איך שרייבען?...

גוטענבערג, צו וואס האסטו געדארפט ערפינדען דעם דרוק?

גוטענבערג! אה, ווי איך האס דיך. נאך מיין מיינונג איז דיין ערפינדונג די שרעקליכסטע נאך דער גילאטינע.

ווער דארף, אז מענשען זאלען אזוי פיעל שרייבען און דרוקען?

ווארום לאזט מען א מענשען ניט טרוימען אין ווינקעל?

ווארום דארף מען עס באלד אויסשטעלען אין שורות און גע־בען דעם עולם?

מוז דען דער עולם וויסען ווי דו מומשעסט זיך?...

מוז דען דער עולם וויסען ווי דו געהסט אוים?...

אין דרויסען רעגענט... און איך מוז שרייבען. די גאנצע וועלט מוז זיין פול מיט חכמה. מ'מוז שרייבען, כדי אלע מענשען זאלען קריגען דיינע געפיהלען, דיין שטימונג, כדי אלע זאלען מיט דיר מיטלאכען...

מ'מוז, און מען דארף עס איהם געבען שנעל, קורץ. און דער עיקר: פארטיגערהייט, ווי קליידער, ווי היטלען, ווי שיך, ווי אלעס מיט אנאנדער...

טאטע פאטער! צו וואס?

אין דרויסען רעגענט. מיר ווילט זיך פעררוקען איי א ווינקעל און טרוימען פאר זיך אליין, ווייל נאר פאר זיך אליין קען מען טרוימען שעהן, און אפילו א גוטען וויץ קען מען היינט אויך זאגען בלויז פאר זיך...

גוטענבערג, ווער האט דיר געהייסען ערפינדען דעם דרוק?

איז דען דעם אמאליגען מענשען ניט געווען בעסער אהן א דרוק?

דער אמאליגער מענש האט געקוקט צו די שטערען, געוואונקען צום הימעל, און היינטיגער מענש שרייבט פון שטערען...

דער אמאָליגער מענש האָט געשפּרייט זײַנע הענד צו דער זון און דער הײַנטיגער זיצט ביי עלעקטרי און פלאַפּעלט וועגען זון.

דער אמאָליגער מענש האָט געליעבט — דער הײַנטיגער שרייבט ליעבע־בריעף...

דער מענש פון אמאָל איז געווען בעגייסטערט, דער מענש פון הײַנט רעדט פון בעגייסטערונג...

דער מענש פון אמאָל האָט געגלויבט, דער מענש פון הײַנט גיט וועקסלען...

דער מענש פון אמאָל האָט געהאסט, דער הײַנטיגער ניפּטעט אויפ'ן פּאַפּיער...

פּאַפּיער, פּאַפּיער, פּאַפּיער!...

א לעבען דין ווי פּאַפּיער און האַרט ווי האָלץ, א לעבען — לייכט ווי א צײַטונגס־אויסגאַבע און שווער ווי בליי...

אין דרויסען רעגענט...

זאָגט מיר, אדרבא, וואָס שרייבען, און צו וואָס?

# מענדעל בייליס׳יאדא.

ניט ניקאלאי, ניט די שווארצע מאה, ניט די רוסישע קירכע איז שולדיג אין אונזער מענדעל־בייליס׳יאדא — נאר מיר אליין.

צו וואס זיך נארען? א פאלק, וואס פערגיסט קיין בלוט ניט איז קיין פאלק ניט.

אום צו בעזיעגען א צווייטען פאלק אין מלחמה, מוז מען האבען געלד, געלד און געלד. און אום צו זיין א פאלק צווישען פעלקער מוז מען קענען פערגיסען בלוט, בלוט און בלוט.

דאס אידישע פאלק איז דער ו ו ע גע ט א ר י א נ ע ר צווישען די פ ל י י ש ־ פ ר ע ס ע נ ד ע פעלקער — און דארום איז עס אזוי דאר, חשך און פערטרינקענט.

דאס אידישע פאלק פייערט זיין פרייהייטס־יום־טוב פסח מיט בוריקעס־קוואס צו די סדרים, אנשטאט וואס זיי, די גוים, טרינקען חזיר־בלוט אויפ׳ן שיסעל אום „פאסכא“ — דארום זאגען זיי, אז מיר זיינען רוצחים...

דאס אידישע פאלק קנאקט טרוקענע אונשולדיגע מצות אנשטאט דעם שונא׳ס ביינער און דארום זיינען מיר אזעלכע קליינע קנאקער...

אידישע קינדער טרינקען וואסערדיגע ראזינקעס־וויין אנשטאט שארפע „וואדקא“, דארום זאגט מען אויף אונז, אז מיר זיינען ריטועלע שיכורים.

דער איד שרעקט זיך פאר א בלוט־טראפען פון אן איי, פון א שוואך־הערציגע הון, דארום ווערט ער געשטאכען ווי א קאלב,

בלוט! בלוט! בלוט! דאָס איז דער אינהאַלט פון דער גאַנ־צער וועלט־געשיכטע און דאָס איבעריגע איז אַ היסטאָרישער ליגען.

וואַסער! וואַסער! וואַסער! דאָס איז דער אינהאַלט פון דער געשיכטע פון אַ פאָלק אין גלות, וואָס האָט אויפגעהערט צו פערגי־סען בלוט.

מיר זיינען אַ פאָלק פון בלויז וואַסער: וואַסער צו די נעגעל; וואַסער נאָכ׳ן בענטשען; וואַסער צו נטילת ידים; וואַסער צום תשליך; וואַסער צו גשם א. ז. וו.

אַ פאָלק, וואָס ווייקט פלייש, ווייקט זיך אין מקוה, ווייקט זיך אין תפלות, אַנשטאָט ווייקען די הענד אין בלוט.

אידען! ווערט בלוטדורשטיג ווי אַלע פעלקער און מען וועט אייך ניט אויפוואַרפען אַ נישטיגען בלוט־בלבול.

אידען! זייט דייטשען, בולגאַרען, באַשיביזוקען, שלאַכ־טעט אויס אין מלחמה טויזענדער אונשולדיגע מענשען, פער־ניכטעט גאַנצע שטעדט צוליעב אַ קאַפּריז פון אַ הערשער...

מענדעל־ביילים, — דאָס איז די בלוטלאָזע אידישע גע־שיכטע צווישען פעלקער, וואָס אָרדערט תעניתים אַנשטאָט קריעג־שיפען, וואָס שיסט מיט „פּראָטעסטען" אַנשטאָט האַרמאַטען, וואָס זאַמעלט חתימות אַנשטאָט אַרמייען.

מענדיל־ביילים — דאָס איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער אַקט אין דער גרויסער וועלט־טראַגעדיע, וואָס הייסט: דער איד צווישען גוים, אָדער דער וועגעטאַריאַנער צווישען די פלייש־פרעסענדע.

## ליעבע און הינד.

צום אלעם ערשטען, וויל איך אייך א מעשה'לע פון מיינע קינ־דער־יאָהרען דערצעהלען.

איך פאנג אָן מיט אביסעלע מאָגערע נאַטורמאהלעריי:

מיר, איך און מיינע עלטערען הייסט דאָס, האָבען געוואוינט אונטער'ן באַרג אין א טהאָל, לעבען ברעג טייך — „פריפּיאַטי".

אונזער הויז איז געשטאַנען אויף פריצישע ערד.

דער פריץ אליין, א פּאָליאַק בן פּאָליאַק, האָט געוואוינט הויך אויפ'ן באַרג איבער אונז.

דעם פריץ'ס גערדיכטער סאָד האָט זיך געגרענעצט מיט אונ־זער הויף. פאַרקאַן אין פאַרקאַן.

און איצט צום עיקר הענין: צום ראָמאַן.

דער פריץ, דער פּאָליאַק, האָט געהאט פינף טעכטער, איינע שעהנער פון דער צווייטער. אמת'ע פּוילישע פּאַניענקעס... נאָר שעהנער פון זיי אלעמען, ווי געוועהנליך, איז געווען די קלענסטע, די מוזינקע.

מאַליושא האָט זי געהייסען.

לאַנדסלייט, קומט און זאָגט עדות, אז אזוי האָט מען זי גע־רופען!

בקיצור: האָב איך א חדר־אינגעל, א מוזיניק, א נאָכגעגעבע־נער אינגעל פון צעהן יאָהר, זיך פערליעבט אין דער פּוילישער פּאַניענקע, מאַליושא...

ווי געפעלט עס אייך? אפשר געפעלט עס אייך ניט? איהר

האַט איצט צו פיעל „געפיהלען" געגען פוילען. איצט אפשר איך אויך...

אבער דאן האָב איך נאָך ניט געוואוסט פון די פוילישע און אידישע פראגען, פון פוילישע באיקאַטען און מסירות אויף אידען און סתם פון שנאה צווישען פעלקער...

פערשטעהסט איהר מיך, איך בין געווען א מוזיניק, א קינד פון פערמעגליכע עלטערען — און איך האָב געליעבט די פריצטע אהן שאלות...

איך האָב דאַן איין זאַך בלויז געוואוסט: מאַליושקא איז שעהן, ווי קיין אידיש מיידעל — און איך האָב זי ליעב.

אנקעגען וואָס דערצעהל איך עס אייך? פרעגט איהר.

פשעפראשים פאנום... איילט זיך נאָר ניט... איך וועל נאָך קור־מען צום עיקר אויך.

האָט זיך מיר געדוכט, אז די מאַליושא ליעבט מיך אויך. עפּעס פלעגט זי אזוי ליעב און זיס שמייכלען, ווען זי פלעגט קוקען אויף מיר.

און אין אמת'ען האָט מען מיך דאן געקענט ליעב האָבען. ניט קיין מיאוס אינגעל בין איך געווען, מיט אביסעל פארב אין די באַקען, פיין געקליידט און פיין פערקעמט און א גאנצער פאָעט, א טרוימער...

ווארום, זייט וויסען, דאָ מאַך איך אן ערקלעהרונג פאר אלע מיינע לעזער: אז שוין דאַן האָב איך זיך געהאלטען פאר א פאָעט.

איך פלעג זיצען טאָג און נאכט און אויסטראכטען פאנטאַס־טישע מעשה'לעך און זיי דערצעהלען פאר מיינע חברים.

חברים, לאנדסלייט, קומט און בעשטעטיגט, אז איך זאָג ניט קיין ליגען!...

און אלע, הערט איהר, וואָלט געווען פיין, שעהן, גוט נאָר ווי אין די ליעבע־ביכלעך — ווען ניט — א הונד...

זי, מאַליושאַ, פלעגט קומען צו אונז אין הויז כמעט יעדען טאָג זיך שפּיעלען מיט מיין שוועסטער. און דער עיקר צו עסען די ווייסע בולקע מיט די הייסע פיש...

ווייל, פערשטעהט איהר מיך, ס'איז אפשר ניט אנשטענדיג

אויסצוזאגנען... נאר דער פאטער פון מיין געליעבטער, דער פוילי־שער פריץ איז געווען א היבשער קבצן... און אין הויף ביי איהם פלעגט מען אפט ניט האבען וואס צו עסען...

ער איז געווען פון די אמת'ע פריצים...

נאר צוליעב וואס זי איז ניט געקומען, דער עיקר: מיר האבען זיך געקענט זעהן...

איז אבער צווישען אונז און אונזער ליעבע געשטאנען — א הונד.

אט דער גרויסער קבצן דער פריץ האט געהאט א נאך גרעסע־רען הונד, גרויס ווי א קאלב... ניין! ווי צוויי קעלבער... פשוט, א מורא אנצוקוקען! פלעגט ער א ביל טהאן, פלעגט זיין ברום אפ־קלינגען אויף א מייל ארום...

און דאהף איך אייך זאגען, אז איך האב זיך פאר איהם גע־שראקען ווי פאר'ן מלאך־המות?

איך בין דאך געווען א אידיש קינד... און וועלכע אידיש קינד האט עס אין דער היים ניט מורא פאר א הונד!

נאר מאליושא האט דוקא ניט מורא געהאט, און אהן דעם הונד פלעגט זי זיך ניט ריהרען.

און אמת, ס'איז מיאוס אויסצוזאגען אויף א העלד... נאר ווי איך פלעג דערזעהען זי אנקומען צו אונז מיט'ן הונד, פלעג איך גלייך אנטלויפען אין א צווייטען צימער און זיך פערשפארען... און איך האב שרעקליך פון דעם געליטען...

און אזוי איז מיין ליעבע צו דער קליינער פוילישער פאניענ־קע אימער צושטערט געווארען צוליעב דעם הונד... זי האט מען נאכדעם אוועקגעפיהרט אין ווארשא זיך לערנען... און איך בין אויך אוועק איבער דער וועלט און מיר האבען זיך פון דאן אן ניט געזעהען...

און איצט, נאך פיעלע יאהרען פון וואנדערן, און נע־ונד זיין אין דער פרעמד.

איצט, נאכדעם ווי איך האב געפיהרט ליעבעס אהן א צאהל און שטארקע ליעבעס־כוואליעס האבען אפגעשווענקט יענע איינגעל־שע ליעבע... איצט אפילו — ווען איך דערמאן זיך אן מאליושא און

אַז מיינע קינדיש־נאַאיווישע ליעבע צו איהר, דוכט זיך מיר, ניין! איך בין איבערצייגט: אַז ווען ניט יענער גרויסער הונד וואָלטען מיר, איך און מאַליושאַ הייסט עס, זיך געליעבט נאָך עד־היום.

נאָר ער, דער הונד איז שולדיג אין דער צושטערונג פון מיין ריינסטער ליעבע צו דער פוילישער טאָכטער...

---

מוסר השכל, אַט וואָס:

ווען איך הער איצט פון די פוילישע פערטיידיגער, הייסע ליעבעס־ערקלעהרונגען צום פאָלק ישראל... ווען איך הער זייערע טענות, אַז זיי זיינען מיט אונז אדרבה ואדרבה — גלויב איך זיי, נאָר דערביי דערמאָהן איך זיך אָן יענעם הונד, וואָס האָט צושטערט מיין ליעבע...

אמת, זאָג איך זיך: זיי, די פאָליאַקען, די סאָציאַליסטישע פאָליאַקען, דער בעסערער טהייל פון זיי, ווילען אונז ניט טהאָן קיין שלעכטס און אפשר ווינשען זיי אונז גוטס — מיר גלויבען זיי!... מיר האָבען צו זיי גאָרנישט! מיר וואָלטען זיי אויך אפשר געקענט ליעבען... ס'איז דאָ, גלויב איך, אַ זעעלען־פערוואַנדשאַפט צווישעןביידע אונטערדריקטע פעלקער... אבער וואָס טהוט מען, אַז די הינד לאָזען ניט!...

און היינטישע פאָליאַקען זיינען דאָ זעהר פיעל, זעהר פיעל... און זייער בילען איז שרעקליך, שרעקליך און עקעלהאַפט...

# א גליק פאר פרויען.

די וועלט רעדט יעצט זעהר שטארק פון פיעל־ווייבעריי אלס א נויטיגער מיטעל צו ראטעווען די מענשהייט פון אונטערגאנג.

מען רעדט: דאס יעדער לעבען געבליבענער מאנספארשוין אין אייראפא וועט נאך דער מלחמה מוזען נעהמען לכל הפחות דריי ווייבער.

אייניגע רופען עס אן אומגליק פאר פרויען; אייניגע — א צוריק־קעהר צו די ווילדע צייטען און א בעליידיגונג פאר דער ציוויליזאציאן.

אבער איך וועל היינט אוועקלעגען די ציוויליזאציאן אן א זייט. מיך אינטערעסירען אין דעם מאמענט בלויז די פרויען (די שעהנערע, געוועהנליך), און איך וועל בעווייזען מיט ווייט־שיסענ־דע ארגומענטען, ווי מיין שטייגער איז, זינט איך האב זיך נע־שטעלט אויף די פיס און גענומען שרייבען פעליטאנען, אז פיעל־

כ'לעבען, ס'איז שוין צייט אוועקצואווארפען די אנגעבלאזענע פראזען פון צוריקקעהר צו די ווילדע צייטען, פון בעליידיגונג פאר דער ציוויליזאציע: עס לאכען פון דעם דאזיגען וויץ טויזענדער האוויצערס און צעהנדליגע טויזענדער האוטאמאטען.

פיעל־ווייבעריי איז נים קיין צוריקקעהר צו די ווילדע צייטען, נאר א צוריקקעהר צום אמת...

ווייל אין דער ווירקליכקייט זיינען די מענער אימער געווען פיעל־ווייבערניקעס און וועלען בלייבען פיעל־ווייבערניקעס, אלענ־פאלס די רייכערע און קלוגערע פון זיי.

מאנאגאמיע — דאס געזעץ צו לעבען מיט איין פרוי — איז א געזעץ פאר קבצנים, פאר האלעדריגעס. די פרייע, די רייכערע און די קליגערע, ווי געזאגט, האבען אלץ איינס געהאט מעהר ווי איין פרוי.

צו וואס זאלען מיר נארען די פרויען?

מאנאגאמיע איז מעהר ניט געווען ווי א צייהן־פערדעניש פאר'ן געזעץ, א מין חן־פלאסטערל אויף דער פערפימפעלטער באק פון זינד.

און נאך מיין מיינונג, אלס פעליטאניסט, וואס איז א גרויסער פריינד פון פרויען און פון א סך דערצו, איז פיעל־ווייבעריי א גליק טאקע פאר די פרויען זעלבסט.

אט הערט:

אזוי האט יעדע פרוי געמוזט נעבעך איינינקע אליין אלעס איבערטראגען פון דער ווילדער חיה, דעם מאן, זיין מאגען־ליידעניש, קישקע־שטאפעניש, קארטען־ליעבעניש און מיטינג־געהעניש.

וועט זי אבער האבען צו זיך נאך א פאר מיט־ליידענדע, וועט איהר גרינגער זיין צו ליידען.

היינט איז א וועלט פון ארבייט־צוטיילונג, וועלען אויך די פרויען זייער ארבייט צוטיילען צווישען זיך אט אזוי: איינע וועט זיך, למשל, אפגעבען מיט שטאפען דעם מאנ'ס קישקע; די צווייטע מיט קורירען זיין מאגען און די דריטע וועט זיך אינגאנצען ווידמענען צו היטען איהם, ער זאל זיך צופיעל ניט פערשפיעלען אין קארטען...

און אפילו אזא שווערע שטיקעל ארבייט, ווי אויסליידיגען דעם מאנ'ס קעשענעס, וועט זיי אויך אנקומען פיעל לייכטער זאלבע־דריט.

מען וועט ניט דארפען ווארטען ביז די חיה וועט איינשלאפען, מען וועט עס קענען מאכען אין מיטען העלען טאג אפילו.

איינע וועט איהם ארומנעהמען מיט א פאר צויבער ווייסע הענטלאך; די צווייטע וועט איהם גלעטען איבער'ן קאפ און די דריטע וועט איהם אויסקעהרען די קעשענעס...

און דאָס זעלבע וועט פּאַסירען מיט דאָס נאָכלויפעניש און ארומזוכעניש: אין דרייען וועט אויך אָנקומען פיעל לייכטער דער עסק:

אין דער צייט, ווען איינע וועט איהם ארומזוכען אין ביער־שענקעל, וועט די צווייטע איהם זוכען אין קאפע־הויז און אין ביליארד־צימער, און די דריטע וועט איהם אָפּהיטען ביים טערקישען־באָד.

אָבער ביי היינטיגע מאָנאָגאָמישע צושטענדע איז אויף דער דאָזיגער איינציגער פרוי די גאַנצע לאַסט פון דעם פּראָגראַם פון זוכעניש און לויפעניש ביי וואָס זי פערלירט איהרע פיס.

און וואָס איז שייך דאָס אונטערפּוילען זיך פון מאַן, וועט די פיעל־ווייבעריי געוויס זיין א גוואַלדיגע ישועה פאר פרויען.

היינט קומט אַז דער פרוי זעהר שווער ארויסצוציאָגען דעם פוי־לענצער פון הויז: טרייבט זי איהם ארויס פון בעט, קריכט ער ארי־בער אויפ׳ן סאפקע, יאָגט זי איהם אראָב פון סאפקע, ציהט ער זיך אויס אויף שטוהלען, רייסט זי ארויס די שטוהלען פון אונטער איהם — לעגט ער זיך אויפ׳ן דיל, און וואו קען איין פרוי נעה־מען כחות פאר דעם אלעמען?

ווען אבער מען איז זאלבער־דריט, וועט עס זיין אי גרינג, אי אמוזירענד:

אין דער צייט, ווען איינע וועט איהם יאָגען פון בעט, וועט שוין די צווייטע איהם טרייבען פון סאָפקע, און די דריטע וועט איהם ניט לאָזען זיך אוועקלעגען אויף די שטוהלען.

און טאָמער דארף מען בעשטראפען א מאַנספּארשוין, אָנ־לערנען, הייסט עס, איז אויך אין זאלבע־דריט פיעל גרינגער.

איינע וועט איהם צוהאלטען פאר׳ן קאָפּ, די צווייטע פאר די פיס און די דריטע וועט איהם איינטיילען טרוקענע קלעפּ.

און צווישען אונז זאָל עס בלייבען: זאלבע־דריט וועלען די פרויען בעסער און בעקוועמער קענען איינאָרדענען די ליעבהאָבער־סיסטעם.

אזוי פלעגט א פרוי מורא האָבען, טאָמער קומט פלוצלינג אַן

דער מאַן פון געשעפט צו פון דער אַרבייט און דערטאַפּט זי אין מיטען „שפּיעל פון ליעבע" — — —

אבער אין דרייען וועט ער עס א קרענק קענען דערוויזען: איינע וועט זיך קענען גאַנץ פריי פערברענגען מיט דעם געליעבטען, דעם שכן, דעם פריינד פון יוגענד, דעם פּיאַנאָ־לעהרער, דעם מילך־מאַן, דעם פערזיכערונגס־אגענט, א. אַז. וו. די צווייטע וועט אין דער אייגענער צייט שטעהען ביי איין פענסטער און אכטונג געבען. און די דריטע — ביים צווייטען פענסטער.

נאָר אום דאָס אַלעס זאָל אויסגעפיהרט ווערען ווי געהעריג איז, נויטיגט זיך איין זאַך: אחדות!

ווען די פרויען וועלען בעגרייפען ריכטיג זייער לאגע, און, אבשעצען ריכטיג דעם ווערטה פון אייניגקייט און גרינדען אין הויז א דריי־בונד — דאַן וועלען זיי זיכער בעזיגען דעם ביז־אַהעריגען אליין־הערשער — דעם מאַן.

פרויען, אין אייניגקייט ליגט אייער גליק!

די צרה איז אבער וואָס אויף פרויען־אחדות קען מען אזוי פיעל בויען, ווי אויף די עצות פון „בינטעל־בריעף", ווי אויף די דע־מאָנסטראַציעס געגען אַרבייטס־לאָזיגקייט; ווי אויף שרייבערשע עטיק.

שווער איז צו זעהען א פעראייניגטע פרויענטהום!

# פרנסות פון דער צוקונפט.

**דער מענש פון דער צוקונפט וועט געהערען צום „סענט.**

אז איך פערטראכט זיך וועגען פרנסה און האנדעל, און זעה די ריזיגע פארשריטע, וואס דער היינטיגער מאדערנער מענש מאכט אין זיין געזעלשאפטליכען לעבען, וואקסט פאר מיר גלייך ארויס דער צוקונפטיגער מענש מיט זיינע צוקונפטיגע פרנסות.

ביי די איצטיגע אומשטענדען פעהלט שוין דעם מאדערנעם מענשען צייט: א קלייניגקייט, ער דארף ענטפערן אויף 119 טעלע־פאן קאלס א טאג, כאפען 25־30 קארס א טאג, לויפען ארויף און אראב מיט א 300 הויז־עלעוויטערס, האבען 500 ביזנעס און ליעבע אפאינטמענטס... און אין דער צוקונפט, וועט דער מענש פון זיך פארשטעלען „א שטיק איילעניש אויף צוויי פיס", און דארום קע־נען מיר שוין בעצייטענס זעהען, וואס פאר א פרנסות דיעזע איי־לעניש אויף צוויי פיס וועט מוזען ענטוויקלען.

---

**פרנסה נומער 1 — פייער צום פעררויכערען.**

דער מאדערנער מענש רויכערט אהן אן אויפהער, דער צוקונפ־טיגער מענש וועט רויכערען אפילו אין שלאף. דער צוקונפטיגער מענש וועט פערוואנדעלט ווערען אין א לויפענדיגער, איילענדיגער מאשין, וואס פייפט און רויכערט אהן אן אויפהער.

און אזוי ווי צייט וועט דאך זיין פערזאמט ווייניג, דארום

וועט מוזען אויסוואקסען דיזע מערקווירדיגע פרנסה. שטעלט זיך פאר אזא בילד: אין יעדען ווינקעל־גאס שטעהט א יונגערמאן, האלט אין זיין האנד א מאשינקעלע אזא מיט פייער און רופט: א סענט א פערדרויכער! א סענט א פעררויכער!

און דער מענש פון דער צוקונפט וועט ניט האבען וואס צו טהאן מיט שוועבעלעך, ער וועט ניט האבען קיין צייט צו רייבען זיי אפילו אן שוך, און דארום וועט ער צולויפען צום ווינקעל־גאס, בעצאהלען דעם סענט, פעררויכענען און לויפען ווייטער...

פרנסה נומער 2 — ווישען דעם נאז.

ביי איצטיגע עקאנאמישע אומשטענדען האט שוין דער מענש קיין צייט ניט אבצוגעבען זיך מיט זיין נאז: עס נעהמט אוועק צופיעל צייט, — דאס ארויסנעהמען דאס נאז־טיכעל צום אבווי־שען, דאס צוריק אריינלעגען, א קליינינגקייט אזוי פיעל צייט־פער־לוסט, מ'קען דאך אין דער צייט כאפען א 2 קארס.

און דער צוקונפטיגער מענש וועט זיין אזוי פערהאוועט און זיינע קעשענעס וועלען זיין אימער אנגעשטאפט מיט צייטונגען פון אלע אויסגאבען און עס וועט פשוט ניט זיין קיין פלאץ פאר א נאז־טיכעל און דאס וועט ברענגען צו דיזער אינדוסטריע פון נאז־ווי־שעניש: אויף יעדען ראג וועט שטעהען א אידעל מיט א טישעל פול מיט נאז־טיכלעך פון כל המינים. רויטע, ווייסע, קאלירטע, פשוט'ע און זיידענע און ער וועט ווישען נעזער. א סענט — א וויש! א סענט — א וויש!

און ס'וועט צולויפען א פערשמייעטער יונגערמאן אדער דאמע צום טישעל, וועט בעצאהלען א פעניע און דאס אידעל וועט כאפען אויף שנעל א טיכעל און גיבען א וויש אפ און פארטיג!...

רייכערע וועלען בעצאהלען צו פינף סענט און וועלען קריגען א וויש מיט א זיידען טיכעל.

### פרנסה נומער 3 — בענדיל־פערבינדעניש.

דער ארבייטער פון דער צוקונפט וועט נאך מעהר פונ'ם היינ־טיגען ניט זיין אויסגעשלאפען. דער שטאאט וועט פאר איהם צו־גרייטען אזוי פיעל פרייע קאנצערטען און אונטערהאלטונגען און ער וועט דאך וועלען אלע בעזוכען, דאס עס וועט פשוט ניט בלייבען גענוג צייט צום שלאפען... און איילען צו דער ארבייט וועט מען דאך מוזען מעהר ווי איצט, און אז מען איילט זיך, פערגעסט מען צו פערבינדען די שוך־בענדלאך.

און דאס וועט ברענגען צו פאלגענדער מערקווירדיגער פרנסה: אויף יעדען ווינקעל־גאס וועט שטעהען א ספעציאליסט שיך־בענדלאך פערבינדער און פאר א סענט ווערט ער פערבינדען די שיך־בענדלאך שנעל און געשווינד... און דער ארבייטער וועט קענען לויפען און יאגען צו דער ארבייט אהן אן אבהאלט...

---

### פרנסה נומער 4 — קנעפעל איינגנעהעניש.

דער צוקונפטיגער מענש וועט נאך מעהר פון דעם היינטיגען ניט וועלען חתונה האבען. ער וועט בלייבען אן אייביגער באָרדער. און אז מען איז א באָרדער, האט מען געוועהנליך צרות מיט קנעפ־לאך... און קיין צייט איז ניטא, און אפט לויפט מען סתם ארויס אין גאס אין א נייע פאר תחתונים פול מיט נייע קנעפלאך און באָץ — ס'פלאצט איינער און א צווייטער און דאס וועט ברענגען צו פאלגענדער פרנסה:

אויף יעדען ראג וועט זיין א קרעמעל און דארט וועט זיצען א ספעציאליסט קנעפעל־איינגנעהער: פאר א סענט וועט איהר אריינלויפען אהין און ער וועט אייך געבען א נעה איין א קנעפעל אוואו מען דארף, שמיי־דרעה און פארטיג, איהר קענט שוין ווייטער לויפען צו ביזנעס אדער אין פארק מיט אייער מיידעל.

---

ווי בעוואוסט, קען שוין ביי איצטיגע אומשטענדען א פרוי נים אויסקומען א האלבע מינוט אהן א שפיגעל און א שפיגעלע, און אפילו ביי איצטיגע אומשטענדען איז שוין יעדע הויז כמעט א שפיגעל־אויסשטעלעניש... אבער וואס טהוט מען, ווי פערזארגט מען, אז אויך אין גאס זאל די פרוי זיין פערזארגט מיט א שפי־געל־גלאז? ווייל, פערשטעהט איהר מיך, א צוקונפטיגע פרוי וועט פשוט אהן א שפיגעל נים קענען אטהעמען און דאס וועט ברענגען צו פאלגענדער פרנסה:

אויף יעדען טראט וועט שטעהען א מאן מיט א גרויסען שפי־געל אויף די הענט און פאר א סענט וועט די פרוי פון דער צוקונפט קענען אויף יעדען טראט כאפען א מינוטיגען קוק און די בעסטע שפיגלען און זיך לאזען לויפען ווייטער...

---

מיט איין ווארט, אבי ס׳וועלען נאר זיין סענטען, פרנסה וועט נים פעהלען.

# אויף מיין אינזעל.

יעדעס מאָל ווען די גרויסע וועלט ווערט מיר ענג: ווען זי הויבט מיך אָן צו שטיקען מיט איהר „צופיעל אָרדנונג“, הויב איך אָן חלומ'ען פון מיין אינזעל.

זיץ איך אזוי א פערבענקטער, קוק אויף דער פערגעהענדער זונן און טראָג זיך מיט איהר ערגעץ ווייט, ווייט, צו מיין אינזעל.

און מיר דוכט:

איך בין אַ מענש גאָר פון אַן אנדער וועלט.

און איך האָב זיך מיין אייגענעם אינזעל.

און איך בעוואוין איהם איינער אליין.

דער אינזעל איז מיינער אַן אויסגעטראכטער, דארום קען קיינער צו איהם ניט צוקומען. —

אויסער איך.

וואוין איך אויפ'ן אינזעל.

און די גאנצע וועלט געהט מיך ניט אָן...

פּאסירונגען, אונגערעכטיגקייטען. מיאוסע און שעהנע גע־שעהענישען שוועבען דורך פערביי מיין אינזעל, ניט אָנריהרענ־דיג איהם.

שיפען געהען ערגיץ ווייט־ווייט — צום ברעג פון מיין אינזעל קומען זיי ניט צו.

אויף מיין אינזעל איז שטיל.

איך ערהאלט פון ערגעץ צייטונגען. לעז די נייעס ווי פון א צווייטער, א פרעמדער וועלט.

און איך טראכט זיך מיינע אייגענע געדאנקען, קום צו איי־גענע שליסע.

איך ווער ניט בעאיינפלוסט פון געשפרעכען.

איך בין זעלבסטשטענדיג.

עס אליין מיין מארגען־מיטאג־און אבענד־ברויט.

קאך אליין מיין קאפע. און זי שמעקט טאקע גוט אויך.

מיר איז גוט. מיר איז וואויל, איך בין אליין אויף מיין אינזעל.

אויף מיין אויסגעטראכטען אינזעל, צו וועלכען קיינער קען ניט צוקומען.

*     *     *

און איך בין פריי.

און איך זיץ א פערבענקטער, קוק אויף דער פערגעהענדער זון. טראג זיך מיט איהר ערגעץ ווייט, ווייט צו מיין אינזעל.

טאטע־פאטער, ווי גוט מיר איז!

אט לעז איך א צייטונג, מען שרייבט דארט פון מלחמה — איך וויים ניט דערפון.

מיר קוקט אוים, ווי איך וואלט געלעזען בעשרייבונגען פון פאר אוראלטע צייטען. ווילדע צייטען.

ערגעץ שלאגט מען זיך... מענשען בייסען זיך ווי הינט, ווי טייוואלים.

פרויען אפילו נעהמען אנטהייל. די גאנצע וועלט ברענט.

מיך ארט עס ניט.

אויף מיין אינזעל איז שטיל ווי אין א צימער פון א רייכען בינעזער.

פריעדען הערשט אויף איהם. ניט קיין דיפלאמאטישער, נאר אבסאלוטער פריעדען.

איך שפאציער זיך אליין ארום איבער מיין אינזעל, זעה ווי די זון שיינט און ווארימט נאר פאר מ י ר, פאר מיר. און איך בין צופריעדען פון זיך אליין.

*     *     *

און איך טראכט זיך:

דארטען ערגעץ רעדען מענשען פון ליעבע.

אויף מיין אינזעל איז עס א פרעמד ווארט.
ניטא קיין פרויען.
ביי מיר אויפ'ן אינזעל לעבט מען און מען ליעבט זיך בלויז אליין.

און די ליעבע צו זיך אליין, איז א פייערדיגע, אן אמת'ע, א פעלזען־שטארקע, אן אייביגע, אן אליין'יגע...

פון קנאה, אייפערזוכט, פערראטה וויים מען ניט אויף מיין אינזעל.

* * *

אויף מיין אינזעל איז בלויזער שבת.
שטיל, רוהיג, היילינ כסדר.
איך הער ניט דעם ריהר פון מלאכים־פליגעל — עס איז שבת.
איך טהו קיין שבת־קליידער ניט אן — עס איז שבת.
די ליפען שעפטשען ניט קיין תפלות — נאר איך פיהל דעם שבת.

א לאנגער, אונענדליכער שבת.
לאנג לעבען זאל מיין אינזעל און מיין שבת פאר זיך!



# אין קריעג מיט אידישקייט

# מכות.

עס איז אַ גרויסער חילוק צווישען כך היה
אמר און כך היה מונה. אין פּאַסטען אידי־
שען אידיש מיינט עס: מכות צעהלען מיר
און מכות האָבען מיר...

איהר ווייסט, ברידער, וואָס מיר געפעלט פון דער גאַנצער הגדה? — ניט די קשיות, ניט די ענטפערס, ניט דער חד־גדיא אפילו, נאָר בלויז די מ כ ו ת.

די מכות, דאָס זיינען די איינציגע אינטערעסאַנטע פּלעצער אין דער הגדה.

א קלייניגקייט מכות! דאָס איז דאָך אַזוי נאָהענט צו יעדער אידישער הארץ... צו יעדער עכט־נאַציאָנאַלער אידישער נשמה...

און ניט אַזוי די מכות, ווי דאָס רעכענען זיי, דאָס חשבון מאַ־כען, דאָס צעהלען און דאָס קוויקען זיך, און דאָס חיות'ן זיך מיט דאָס געצעהלטע...

ווארום אין אמת'ן, וואָס בלייבט אונז דען אַנדערש איבער אויב ניט דאָס שטיקעל חשבון און דאָס צעהלען?

דם, צפרדע...

אַי, אַי, א חיות! פּשוט א דערקוויקעניש... אַי האָבען דאָס אונזערע שונאים געכאַפּט פון אונז א מפּלה... אַי, א מפּלה.

און רבי יהודה הגליל איז אַזאַ פּערקאַכטער מכות־צעהלער,— דאָס ער גיט נאָך צו סמנים: רצ"ך באח"ב...

און ווען איך בין שוין נאָכ'ן פּערטען כוס, פּערווילט זיך מיר

אויך האבען דיזע ערשטע אידישע פערגניגען, עס פערוויילט זיך מיר א צעהל טהאן, מאכען א שטיקעל רעכענונג ניט פון די אלטע נאר פון די נייע מכות, וואס מיר האבען יעצט, דא אין אונזער גאל־דענער מדינה... און ווי מיר דוכט, האבען מיר היינט אויך א רעכט ביסעל מכות...

מכה נומער איינס: אונזער אינטעלעגענץ.

אוי, אידעלעך, איז דאס א מכה, הערט איהר, פאלגט מיך, דאס איז פיעל ערגער ווי „דם", ווייל דאס איז בלוט פון אונזער בלוט...

האבען מיר אן אינטעליגענץ? — יע!

האבען מיר ניט קיין אינטעליגענץ? — יע!

אה, אה! אט דאס איז טאקע אונזער מכה, וואס מיר האבען יע און האבען א מכה...

מיר האבען אן אינטעליגענץ, וואס לעזט, אבער ניט א ו נ ז, וואס קאכט זיך, אבער ניט — פאר א ו נ ז, וואס אינטערע־סירט זיך מיט אלעם אבער ניט מיט א ו נ ז.

און צוריק גערעדט: מיר האבען אן אינטעליגענץ, וואס לעזט גאר ניט, קאכט זיך יע, נאר ביי א פינאקל־טיש, אינטערעסירט זיך יע, אבער אין נאקעטע פיסלעך פון א ביליגע טענצערין ערגעץ־וואו אין וואדעוויל... מיר האבען אן אינטעליגענצלאזיגקייט, וואס איז אויסער רוים און צייט...

וואס איז אונזער אינטעליגענץ?

ב'לעבען, א מין „כוי", וואס איז געווען אין משה'ס צייטען. עס איז א ספק בהמה און א ספק חיה, א ספק דאקטאר און א ספק אפרייטאר, א ספק שרייבער און א ספק הארץ, א ספק כלל־טהוער און א ספק איגנא־ראמוס...

מיר האבען אן אינטעליגענץ, וואס האט אנגעפאנגען מיט פיסארעוו און פושקין און געענדיגט מיט א פינאקל...

קומט מיט מיר, זייט מוחל, פארביי די קאפע־טישלעך אין אונזערע קאפע־הייזער און איך וועל אייך זיי אנצייגען און „ליר־ביועט" זיך מיט זיי...

מכה נומער צוויי: אונזער גלייבגילטיגקייט, אדער אונזער

מבטל מאכען יעדע זאך. דאס איז איינע פון אונזערע עלטסטע מכות, מיר זיינען אלץ מבטל, אפילו זיך אליין, מיר קוקען אויף אלץ פונ׳ם „מהיכא־תיתא“ שטאנדפונקט און „וועמען ארט עס“-פרינציפ.

מיר זיינען בלוטלאז...

יע, אידישע ליטעראטור, אבער צו וואס קויפען זי? יע, אידישע אידעאלען, אבער צו וואס שטיצען זיי?

גוטע יוניאנס! מהיכא תיתא, אבער נעהמען ביכלעך זאלען דערוויילי אנדערע...

א ריינע בעוועגונג, מהיכא תיתא... אבער זאלען עס אנדערע רייניגען...

אי די גלייכגילטיגקייט, די פיש־בלוט אין אונזערע אדערען. דאס איז אויך א פיינע מכה אויף אונזער נאציאנאל פערוואונדעטען קערפער...

מכה נומער דריי: מיר האבען ניט קיין נביאים, קיין טאן־געבער אדער לכל הפחות ז ק נ י ם.

מיר האבען אלטע געגאסען אינוואלידען, באבעס אין דעם געשטאלט פון זיידעס — אבער ניט קיין זקנים!

ברידער סדר־אבריכטער! זאגט מיר: וואו זיינען די טויבען ווייסע רעספעקטאבלע בערד, די ווייסע קעפ, וואס האלטען זיך שטאלץ אויף די בכבוד־איינגעבויגענע פלייצעם?... וואו?

כ׳לעבען איך זוך זיי און געפין זיי ניט.

מיר האבען דא ניט קיין זקנים, מיר האבען חורבות, וואס היטען פערשפינטע אידעאלען, צובראכענע פייער־קאסעס, וואס שומר׳עווען זייערע עראינערונגען — אבער ניט קיין זקנים...

און פערשטעהט איהר מיך, דאס איז אויך א מכה, — ווייל, אז עס זיינען ניטא קיין זקנים זיינען ניטא קיין נערים...

מכה נומער פיער: מיר האבען ניט קיין פרויען. דאס הייסט פרויען האבען מיר יא, אבער זיי זיינען נ י ט א ו נ ז ע ר ע... מיר דוכט, אז מיר פערליערען אין גאנצען די פרוי פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען...

אונזער פרוי און שוועסטער איז שוין לאנג לאנג ווייט פון

אונז, זי לעבט מיט אונז און נ י ט מיט אונז, איהר פער־שטעהט ?

זי טראָגט אַ „האָבל־סקווירט", טאַנצט אין טאַנץ־קלאַס, גליטשט זיך אויף רעדלעך, קיוט טשואינג־גאַם, געהט אין מואווינג פיקטשורס, אבער זי איז ניט אונזערע, איהרע אידעאלען זיינען ניט אונזערע... דער מאַן בעזוכט נאָך אמאָל אַ אידישע שוהל, אַ אידי־שע פערזאמלונג, קומט אויף אַ מיטינג, אבער די פרוי ? — גאָר ניט...

דער מאַן לעזט נאָך וועגען אידישע זאכען אין אַ אידישער צייטונג, די פרוי — בלויז די ראָמאַנען...

דער מאַן האָט נאָך דאָס קאָפּע־הויז, די פרוי — בלויז דעם שפּיעגעל אין פראָנט־רום...

און אָהן פרויען, מיינע ליעבע „מרור־עסער" און „קניידלעך־שלינגער" — וועט איהר דעם זאָגענאַנטען „רענעסאַנס" אונזע־רען, דעם זאָגענאַנטען „אידיש־קאַמפּף" ניט אויסקעמפּפען. די פרוי איז אויך אַ ניש־קשה'דיגע מכה...

מכת גומער פינף:

מיר זיינען אַלע קלוג, פערשפּיצט, איבערגעשפּיצט און אויס־געשפּיצט. אזוי שוין פערשפּיצט, דאָס מיר זעהען שוין באַלד די אויערען אונזערע ניט פון פערשפּיצטקייט. מיט איין וואָרט: חכמים!

דער לעזער פיהלט זיך ניט נידריגער פון'ם שרייבער, דער לעקטשורער־צוהערער פון'ם לעקטשורער, דער יוניאָן־געפיהרטער פון דעם יוניאָן־פיהרער.

וואָס הייסט, יענער פערשטעהט מעהר פאַר מיר? וואָס הייסט יענער וויים מעהר פאַר מיר? וואָס איז מיט איהם דער יחוס אזוי, הערט?! איז ער דען ניט געווען בעשעפטיגט ביי הויז־ען־נעהען ווי איך?

אַלאַ וואָס דען יענער איז היינט אַ גאַנצער מאַכער, קנאַקער, שרייבער, דעה־זאָגער, לעקטשורער און פיהרער — איז דאָס בלויז אַ צופאַל, אַ מזל־זאַך. עס האָט זיך אזוי געמאַכט...

און ווי מיר דוכט זיך, איז דאָס אויך אַ גוואַלדאַוונע מכה...

ווי מיר דוכט, ד א ר ף און מ ו ז יעדע געזעלשאפט האבען פון אלע מינים: חכמים, רשעים און אפילו שאינו יודע לשאול'ס.

דאס איז ניט קיין לוקסוס, נאר א נויטווענדיגקייט...

מכה נומער זעקס: דער עיקר מיר ווייסען ניט, אז מיר האבען מכות... מיר זיינען אימער פערנומען מיט צעהלען פרעמדע מכות, און פערגעסען אן אונזערע אייגענע...

מיר זיינען יוצא מיט ווינשען און צעהלען.

דערהויפט זיינען מיר נאר די צעהלער און ניט די געבער...

קיין בלוט ווילען מיר ניט פערגיסען, (ח"ו), און מיר קענען ניט פערגיסען...

אט, אביסעל וואסערדיג וויין פון א צושטשערבעט גלעזעל און צובראכען טעלערל — אויף דעם זיינען מיר מזיקים...

געבען קלעפ אנשטאט — כאפען און צעהלען, אנטהייל נעה־מען — אנשטאט צוקוקען — אויף דערויף זיינען מיר ניט קיין היגע...

אי, א געזונד אונז אלעמען וויפיעל מכות מיר האבען נאך!...

אונזער הויפט מכה איז, וואס מיר האבען ליעב זיך אליין צו נארען, פער'פשט'לען און מאכען פון א ציין־העלצעל א 20־עטא־זשיגע געביידע, פון א שפריץ פון א גלאז קאפע א ריעזיגען וואסער־פאל, א מין „ניאגארא־פאלס" רחמנא לצלן...

מיר גיבען איינעם, למשל, א מכה די גרויס ווי א קינדער־פינגערל, מאכען מיר דערפון אן עוג מלך הבשן קולאק.

מיר גיבען איינעם א קראץ אין ארבעל, זאגען מיר, אז מיר האבען איהם געטויטעט...

מיר זיינען גרויסע מאטעמאטיקער און צעהלער: ביי אונז ווערט פון איין מכה צ ע ה ן, פון צעהן — פ ו פ צ י ג, פון פ ו פ צ י ג — צ ו ו י י ה ו נ ד ע ר ט א ו ן פ ו פ צ י ג א. אז. וו.

מיר זיינען ווי קינדער, וואס נארען זיך אליין, מיר גיבען קלעפ אין חלום, — אבער אין דער ווירקליכקייט: ביי־דער מכות־טהיילער און בוכטשעס־צעהלער, כאפען מיר נאר די

קלעפ אין חלום, — אבער אין דער ווירקליכקייט: ברויט אזא מערקווירדיג פאלק זיינען מיר פון אייביג.

און דער גאנצער פסח־טאראראם, סדר אבריכטען, מלוכה, הגדה, פרייהייט און מכות־טומעל, קוקט מיר אוים ווי א שפיעל און אידישקייט, אפשר א שעהנער שפיעל, א טשיקאווער שפיעל, אבער ניט מעהר ווי א שפיעל...

און ווען ניט די ארבע כוסות און די קניידלעך, זוער וויים צו וואלט איך ניט אנטלאפען פונ׳ם סדר־טיש ערגעץ אין א וואדע־וויל־הויז...

כ׳לעבען, ס׳איז א קאמעדיע. עם זיצט א גרויסע קינד, א גאנצע פאלק ביי זיין גרויסען גלות־טיש, פרעגט זיך אליין קשיות און ענטפערט זיך אליין, גיסט אן גלעזלעך און גיסט זיי אפ, פשט׳לט אוים מכות און צעהלט זיי, זינגט שיר השירים, עכטע פאעזיע און פערבייסט מיט חד גדיא, עפענט די טהיר, מאכט זי צוריק צו — און גארנישט...

ווארום, וואס איז? אז די טהיר וועט זיין אפען גאנצע טעג און נעכט וועט דען עפעס קומען נייעס, פרישעס, אויפלעבענדעס? הא?!

און גלויבט מיר, ווען עס רייסט זיך ניט אריין אין אידישען פסח די גוי׳שע „פאסחא“ מיט איהרע בלוט־פאנטאזיעס און פאג־ראם־אויסזיכטען — וואלט דער פסח זיין א גאנץ פיינע קאמעדיע פון א פאלק, וואס האט זיך אמאל בעפרייט פון שקלאפעריי, אויף א ברייטען פעלד בעפרייט, און עס האט פערשלאסען זיין פרייהייט אין א שלעכט אילוסטרירטער הגדה מיט ארבעה בנים און קשיות, און טרויסט זיך מיט פאלש־געצעהלטע מכות...

א קאמעדיע פון א פאלק, וואס האט זיין אלטע בענקעניש נאך פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט א י נ ג ע ק נ א ט ע ן אין מצות, וואס זיינען לייכט צום צוברעכען, שלעכט צום צוקייען און האבען קיין זאלץ ניט און אויך קיין טעם ניט...

אה, ווען ניט דער שרעק פאר פאגראמען, וואס פערוואנדעלט גאנץ אפט די קאמעדיע אין א טראגעדיע, און אנשטאט געצעהלטע

מכות כאפט מען א מ ת ׳ ע, און אנשטאט ראזשינקעס־וויין
גיסט זיך ריינע בלוט...
אָבער שאַ... שאַ... שאַ!... דאָ זיינען מיר דערווייל רוהיג...
און קענען שפּיעלען די קאָמעדיע. אַז אפּרייטאר קומט פון שאפ.
ווערט גלייך א „מלך“ און שלאָפט איין ביי דער ערשטער כוסה...
ער איז מיעד, דער „מלך“...
און ווען ער ליגט דאָ אין קאָפּ די הגדה און דער סדר...
קיין מורא... חס ושלום... קיין סכנה!
שלאָף זיך, שלאָף זיך, ליעבער „מלך“, מאָרגען וועסטו טהאָן
אין א שאפּ א הלך...
שש... שש... דער „מלך“ שלאָפט...
אָבער דאָך, די מכות בערוהיגען מיך ניט. צו וואָס, פרעג איך,
דאָס צעהלען און דאָס נארען זיך? און מיר ווילט זיך רופען: אי־
דען! צעהלט ניט קיין פרעמדע מכות — איהר האָט ג ע נ ו ג
א י י ג ע נ ע!...

# דער אייביגער „ויצעקו."

**בכל דור חייב אדם לראות את עצמו כאלו יצא ממצרים.**

**(הגדה של פסח, 1 סענט אויף יעדען שטופ־וועגעלע).**

איהר האלט פון דעם גאנצען ריעזיגען נס פון פסח, מיט די גרויסע וואונדער און מופתים, פון די עשר מכות און ים־שפאל־טעניש? איך האלט בלויז פון דעם — ויצעקו...

א ווערטעלע אויסצורונדען, דער „ויצעקו" דער געשריי נאך הילפע הייסט עס! די וועלט־איילעניש, די קולות ביז'ן הימעל, וואס מיר מאכען, עפעס א קלייניגקייט!

דאס איז, לויט מיין שכל, ניט אפצושאצען, ניט אויסצורעכע־נען און דער עיקר, ניט אויסצוהאלטען...

פון מצרים ביז איצט, אין אמעריקא, שרייען מיר נאך אלץ מיט די זעלבע בענומענע קולות, מיט די זעלבע גרילצענדע טענער און ביי־טענער.

און זינדיגען כ'לעבען איז ניטא וואס... אויף שרייען, אויף מא־כען א „ויצעקו", אויף לאזען פון זיך הערען — אויף דערויף זיינען מיר ווי געשאפען פון ששת ימי בראשית...

און דארום בעגרייף איך, פאר וואס האט דער גאט פון אלע פעלקער געגעבען עשיו'ן, אונזער שונא, דעם גוי הייסט עס, די קור־לאקעס, די מוסקולען, די מעשים, די הענד, וואס מאכען פאגראמען, און אונז — אידישע קינדער האט ער בלויז געשענקט די שטימע,

די האלז צום שרייען, די גרגרת מיט׳ן קנאָפּ אין מיטען צו אויס־ציקלען א „ויצעקו״.

וואָס, וואָס, שרייען קענען מיר!

און דארום הפּנים זייגען מעהרסטענס אָפּערא־זינגער, חזנים, כאָריסטען און פּושקארט־פּעדלער — קינדער פון אונזער פאָלק...

העלזער האָבען מיר!

די גוים האָבען ענטוויקעלט שטארקע הענד און דערלאנגט פעסטע קלעפּ און מיר האָבען ענטוויקעלט טיפע העלזער און מיר ויצעק׳ענען אויסגעצייכענט...

און דער געשריי איז אַן אייביגער פון ים־סוף ביז איסט־רי־ווער...

מיר שטעהען ווי אין די צייטען פון פרעה, פאר אלע ימים פון דער וועלט, אימער גרייט זיך אריבערצוכאַפּען דעם גרעניץ — אָפּט קוים מיט׳ן לעבען — און די געפאהר איז גרויס, דער שונא פון הינטען און קאלטע ים־כוואַליעס פון פאָרענט... מיר שרעקען זיך מיט דעם אייביגען פאר־ים־סוף־שרעק — און ס׳בלייבט ביי אונז ניט מעהר ווי, צו אויפהויבען א געשריי און א געפּילדער אזש ביז צום פערטויבט צו ווערען...

און ניט אלע מאָל גילט אונז אָפּט צו האָבען דעם ריכטיגען פיהרער און אריבער פיהרער איבער׳ן גרעניץ.

אנשטאָט א משה, א געהויבענעם נביא מיט א צויבער־שטע־קען אין האנד — האָבען מיר פראָסטע אגענטלאך.

און מען פיהרט אונז ווי מענשען, נאָר מען שטופּט אונז ווי עמיגראַנטען — און דער „ויצעקו״ איז אָפּט ניט אומזיסט...

אי, דער „ויצעקו״!

ער איז אייביג פאר אונז ווי דער גלות, ווי דאָס וואנדערען פון לאנד צו לאנד.

אָך, דער „ויצעקו״!

אונזערער א פערזאמלונג איז ניט קיין פערזאמלונג — נאָר א בלויזער „ויצעקו״ — א רעש ביז׳ן סטעליע, א געפּילדער ביז דורכ׳ן פענסטער, א מיש־מאַש און ווירבעל פון קולות — דאָס ווי־לען אידען איבערשרייען איינע די צווייטע...

אונזערע א פראפאגאנדא — איז בלויז א האלז־דרייסעניש אהן קיין שום סמן פון לאגיק, שכל און יושר...

אונזערע ארגאניזאציאנס־פלענער זיינען ויצעקר־פלענער... א וויסטער הייזעריגער געשריי אין דער מדבר... א שרייעניש און א גרילצעניש, א מויל־עפעניש און א שטוהל־קלאפעניש אהן קיין שום פלאן און ארדנונג.

מיר זיינען א „ויצעקו־פאלק".

און כאטש מיר שרייען שטארקער פון אלע פעלקער, כאטש מיר פראטעסטירען דוכט זיך גאנץ הויך, דאך הערט אונז קיינער ניט, ווייל מיר שרייען אהן טאלק, אליין און בצבור, אין הויז און אויף מאסמיטינגען, ווייל מיר קענען אונזער געשריי ניט פארמולירען...

און ווערען ביי אונז געבוירען פארטייען, סעקטעס, קלייזלאך, און טיילט מען זיך ביי אונז אויך אין בעזונדערע ארגאניזאציאנען, איז דאס אויך ניט קיין נייע פרינציפען־איינטיילעניש און אידעען־פערטיילעניש, נאר א ויצעקו...

דער צד שרייט, אז די זיינען די גנבים, די רויבער, די שווינד־לער און די פאלקס־פערפיהרער — און דאס זעלבע שרייט דער צוויי־טער צד...

און דער עיקר גרינדעט מען ביי אונז ארגאניזאציאנען, מ'שפליטערט זיך און מען פערביטערט זיך, כדי צו קענען שרייען פאר זיך...

די מלאכה פון שרייען קענען ביי אונז כמעט אלע פון מאן ביז פרוי, פון קליין ביז גרויס.

און דער חילוק צווישען אונזערע פיהרער און די געפיהרטע, פון די פאסטוכער ביז די שאף, איז — וואס די פיהרער זיינען גע־איבטע שרייער — אויף שכירות, און די געפיהרטע זיינען קלע־נערע שרייער — פאר גארנישט...

הכלל, מיר האבען ניט וואס צו זינדיגען, מיר קענען די מלאכה פון שרייען נאך פון וויעג ארויס.

און ניט אומזיסט רופט מען אן אין די אידישע הייזער א נייר־געבוירען קינד — א ק ל י י ן ש ר י י ע ר'ל...

פון וואנען, פרעגט זיך, נעהמען זיך דאס ביי אונז די כחות,

די ענערגיע, דער אימפעט אויף צו גוואלדעווען אויף צו רייסען די קישקעס? — דאס זעהט איהר, ווייס איך אליין ניט.

אט געה איך מיר אין גאס, פערבייי די פושקארטס. שטעהט א אידעל, פערקויפט בלעכענע פסח׳דיגע געשיער. מאגער און דאר איז ער, כאטש נעהם און שניץ פון איהם אויס א שטעקעל, אדער מאך פון איהם א דראט פאר א רעגען־שירם — הויט און ביי־נער ממש. אבער, אי, אידעלאך, שרייט ער, א כפרה קארוזא און א מיליאן פאנאגראף׳ס.

און די שטימע איז אזא הילכיגע, אזא געגרייזעלטע: „דריי סענט א שטיק ווייבער״!

און איך שטעה און וואונדער זיך: פון וואנען רבונו של עולם, נעהמט זיך צו אזא אויסגעהארט אידעל אזא ריעזען־כח? אזא געמבע?!

אי, און אך דער „ויצעקו״!

איך דערמאהן זיך: נאך אלס קינד, ביי אונז אין דער אלטער היים איז דער פסח ביי מיר פערבונדען ניט מיט די קניידלעך, ניט מיט די ווייז, ניט מיט קוגעלאך פון קארטאפעל, ניט מיט די מצה מיט שמאלץ און גריוועגס, נאר מיט דעם טומעל פון ערב פסח; דער טעם פון די אלע פסח׳דיגע אנטיקען איז שוין ביי מיר לאנג פערשוואונדען... נאר די געשרייען, די קללות, און דער כשרות־געפילדער פון ערב פסח הילכט מיר נאך עד־היום אין די אויערען.

אהא, דער „ויצעקו״ פון ערב פסח!

און דאס איז טאקע די הויפט מכה פון אונזער „לעבאכץ״, וואס ביי אונז איז — אן איביגער „ויצעקו״ בני ישראל...

# אַ פֿאָלק וואָס שאָקעלט זיך.

יעדער יום־טוב האָט זיך זיין שעהנקייט, יעדער מנהג זיין קאָמישע זייט.

אַט נעהמט אַ שטייגער די „נענועים", דאָס שאָקלעניש מיט'ן לולב אום סוכות; עס שטעהט אַ איד, האַלט אַ לולב אין זיין האנד, שאָקעלט אהין און אהער, אהין און אהער, ארויף און אראָפּ, אראָפּ און ארויף, — דוכט זיך קאָמיש, האַ? אבער איך אַלטער בעל־סוד און כונות־זוכער געפין אויך אין דעם טיעפע כונות: נענועים — דאָס איז אַן עכט אידישע זאַך, שאקלען זיך, דאָס איז אַ ריין אידי־שע טבע; אַ איד האָט קיינמאָל ניט קיין זיכערען וועג, קיין זי־כערען טראָט און פעסטען גלויבען אין זיינע פיס — נאָר ער שאָ־קעלט זיך...

אידישע געשעפטען — דאָס איז נענועים — אַט מען וואַרפט זיך אין אַלע זייטען.

אַ אידישע אונטערנעהמונג — דאָס איז אַ זאַך, וואָס האַלט זיך אויף משקולת...

אַלעס אין יודענטהום שאָקעלט זיך ווי אַ לולב — און האָט אַ פּנים פון אַ לולב...

דער עלטערער דור איז צושאָקעלט, די נייע מנהגים, די נייע אידעען און שטרעבונגען האָבען איהם צוטרייסעלט, ער איז ניט זי־כער אויף דאָס אַלטע.

דער יונגער דור איז אין גאַנצען צושאָקעלט; דער אַלטער גלויבען, די טראַדיציע איז צו'לולב'ט, צוטרייסעלט — און דאָס נייע האָבען זיך נאָך ניט איינגעפעסטיגט, דער יונגער דור וואַרפט זיך אין אַלע זייטען און צווייפעלט...

ווייל וואָס איז צווייפעל? אויב ניט א שאָקלענדיגער לולב
פון אייער היין און אהער׳עדיגער נשמה?

דאָס גאַנצע אידישע לעבען — איז א מין „נענועים"...

מזרח, צפון, דרום, מערב — ארויף און אראָפּ, עס ציעלט און עס שטרעבט, עס וואַרפט און עס שאָקעלט זיך אין אַלע זייטען.

ווער ווייסט ביי אונז פון ציעלען אין איין זייט? פון שאָקלען אין איין ריכטונג? ווער דאַרף ביי אונז איין גאַנצע אידעע? — און צעהן איז שלעכט?

און וואָס עפּעס אַלע מאָל ציהען ארויף? און כאַפּען א קוק אראָפּ איז שלעכט! וואָס איז דער לאָקען זיך אימער מיט די וואָל־קענס? — און ליגען ניין קלאַפּטער אין דער ערד שטעהט דיר ניט אָן?

אונזערע אידעען זיינען לולבים אידעען, אונזערע פיהרער זיי־נען „נענועים" מאַכער, לולבים־טרייסלער, שאָקלער און צווייפלער.

קיינער קען ביי אונז ניט בויען, נאָר שאָקלען...

מיר זיינען אַלע פעסימיסטען און צושאָקעלטע גייסטער. נענועים־נשמות און כונה־זוכער... מיר זיינען די פּאַלעגאַמיסטען פון דער וועלט־קולטור.

מיר טרייסלען זיך ניט איבער איין שפּראַך, נאָר איבער צוויי, דריי, פיער, פינף און נאָך מעהר.

אונזערע פיעל־שפּראַכען קענטשאַפט — דאָס איז אויך א מין נענועים, א מין זעעלען־צושאָקלעניש; א געזונט פאָלק האָט בלויז איין שפּראַך.

ווען א איד איז אין צפון איז איהם ווייניג, ער ווערט דאָרט ניט קיין בירגער, נאָר ער ציהט קיין דרום, וואַרפט זיין בליק אין מזרח און ווינקט צו מערב... א איד איז פערליעבט אין אַלע פיער זייטען פון׳ם ערד־קוגעל...

און ס׳איז פּשוט א נס, וואָס עס איז מעהר ניטאָ ווי 4 זייטען, ווען ניט וואָלט א איד זיך געדאַרפט שאָקלען אייביג און אימער, אי־מער און אייביג...

אונזער ליטעראַטור איז א לולב־ליטעראַטור, עס האַלט זיך אין איין שאָקלען.

אונזערע שרייבער זיינען נענועים־מאכער — נאָר ניט קיין שרייבער.

עס פעהלט זיי גאַנצקייט, ווילען און ליעבע צו איין ווינקעל, צו איין זאַך.

אַלע שאַקלען זיך ביי אונז אין אַלע זייטען, רייסען זיך אַרויף און אַראָפּ.

ווילט איהר ליעדער? — נאַט אייך ליעדער! ווילט איהר פעליעטאָנען? נאַט אייך פעליעטאָנען! וויסענשאפט? — איז וויסענשאַפט! הומאָר? — איז הומאָר! פּאָליטיק — איז פּאָליטיק. א. אַז. וו.

מיט אונזערען א קריטיקער ווייסט איהר קיינמאָל ניט וואו איהר האַלט, וואָס איז ביי איהם „מעלה“ און וואָס איז ביי איהם „מטה“, וואָס איז מערב און וואָס איז מזרח, וואָס עס איז צפון, וואָס איז דרום. ער האַלט בטבע פון אַלע עקען...

אידען זיינען בטבע קלוגע און ערפאהרענע; א איד שאַקעלט זיך מיט אַלע פּאַרטייען, ער קען ניט זיין קיין איין פּאַרטייי חסיד. אַט איז ער א ציוניסט, און אַט איז ער אַן אַנאַרכיסט, אַט א מאַרקסיסט, און אַט סתם א דעמאָקראַט...

נעכטיגער אָרטהאָדאָקס — איז היינטיגער פריידענקער, און נעכטיגער חזיר־פלייש־שלינגער, היינטיגער קניידלעך־פערהייליגער.

א קלוגער איד בייט זיינע אידעען ווי אונטער־וועש.

א קלוגער איד שאַקעלט מיט'ן קאָפּ צו אַלע טהעאָריען, פּראָגראַמען און פּלאַטפאָרמען, און גליקליך איז ער; וואָרום שלעכט איז דעם, וואָס וויל זיך שאָקלען בלויז אין איין זייט אין איין ריכטונג!

ביי אונז איז ניטאָ קיין גאַנצע פערזענליכקייטען: אַלע אונזערע גרויסע גייסטער פון היינט זיינען לולבים־גייסטער, שאָקעל־אינסטרומענטען ביי זייער ווילענלאָזיגקייט...

אוי, די נענועים־פערזענליכקייטען אין אונזער קוואַרטאַל!

אוי, די לולבים־אידעען אין אונזער לעבען, ווי גרוים זיי זיינען און ווי מעכטיג זיי ווירקען אויף די מאַסען!

אוי, די פיעל־זייטיגקייט אונזערע, ווי זי קוילעט אונז!

ביי אונז זיינען ניטאָ קיין גאַנצע ארבייטער, ארבייטער מיט גאַנצע פאָדערונגען, ארבייטער, וואָס ליעבען זייער ארבייט, קאַ־כאיען זייער „טרייד", ארבייטער ווי ביי זיי, ביי די גוים, וואָס זיינען צופריעדען מיט זייער קלאַס...

א אידישער ארבייטער ווארפט זיך פון איין זאַך צו דער צווייטער, אַט איז ער אַן ארבייטער און אַט איז ער א ריעל־עסטייטניק, אַט שאַקעלט ער זיך איבער א זינגער־מאַשין, און אַט — איבער א רענט־בוך...

א אידישער אינטעליגענט פאַנגט אַן מיט הויכע בעגייסטע־רונג, מיט נאַדסאָן, מיט טשערנישעווסקי, מיט גאָרקי, מיט סאָ־ציאַלע ערלעזונג פון די אָרימע מאַסען.

און ס'נעהמט ניט לאַנג און ער דערשאַקעלט זיך ביז פּשיבי־שעווסקי און אַטאָ וויינינגער, און ער פאַלט אראָב צו ארציבאַשעוו און סאַנין...

אוי, די נענועים, ווי שרעקליך זיי זיינען!

נאָר וואָס איז שייך מיר אליין, איז די איינציגע זאַך וואָס איך ליעב פון דער גאַנצער נענועים־קאָמעדיע פון אונזער לעבען איז — דעם שאַקעל־שטוהל...

עס שאַקעלט זיך דער שטוהל און פערוויעגט מיך, און איך טרוים און שאַקעל מיר אוים שעהנערע וועלטען, גאַנצערע וועלטען— און דאַרום ליעב איך אזוי זיך צו שאַקלען אין שאַקעל־שטוהל...

# א לויב-געזאַנג צו דער סוכה.

סוכות איז מיין יום־טוב.

איך ווייס ניט ווי איהר לעזער, אפשר האָט איהר זיך אזוי שטארק צוזאמענגעלעבט מיט דער מענעמענט־הויז און שטאָדט, דאָס אייך וואָלט אָנגעקומען שווער ארויסקריכען פון איהר — אָבער איך בין פערליעבט אין דער סוכה.

איך בין איבערהויפט פאר א סוכות־לעבען אויף דער ערד.

סוכות — דאָס הייסט ביי מיר, דער צוריקקעהר צו דער נאַ־טור, דער צוריק בעהעפטען זיך פון דעם שטאָדט־מענשען מיט דעם פרימיטיווען לעבען אויפ'ן פעלד.

און מעגען מיט מיר פיעלע גרויסע מענשען ניט איינשטימען, און מעגען זיי מיך רופען „אפגעלעבט“, קאָנסערוואטיוו, רעאַקציאָ־נער, א. אז. וו.

א קלייניגקייט, וואָס וועט ווערען מיט דער אינדוסטריע, מיט'ן קאפיטאל, מיט דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן, ווען מענשען וועלען אויפגעבען די שטאָדט און אוועק אין דאָרף! ?

א קלייניגקייט, מענשען מוזען לעבען אין שטאָדט, כדי מעהר אויסגעריסען ווערען און דורכדעם גיכער קומען צו דער סאָציאָ־לער רעוואָלוציאָן! — — —

אָבער מיך ארען ניט אָט די אלע אויסגעשרייען, טענות, און פשט'לאך. זאָלען די סאָציאלע רעוואָלוציאָן ברענגען אנדערע — איך וויל א סוכה אויף א מיטען פעלד — און מעהר גאָרניט!

א סוכה איז דער טייטש ביי מיר, — ארויס פון די פיער ווענט פון טענעמענט הויז! בעפרייאונג פון גרויסע בעטען און קליינע

חיות!... ערלייזונג פון פייער־עסקייפ, מאטראצעז, פייערעז, שטי־קעניש, שוויים, שטויב, און מעבעל פון דער פירמע: „ריהר מיך ניט אן"...

א סוכה — איז לויט מיין השגה — דער צוריק קעהר צו גאט, צו פרייהייט, צו גלויבען, ריינע קוואל וואסער און אמת'ע מענשען־ליעבע.

א סוכה — הייסט ביי מיר כמעט פטור צו ווערען פון פריוואט אייגענטהום.

א סוכה — מיינט ביי מיר, א ביידעל אויף איבערצושלאפען און ניט מעהר... א געביידע, וועלכע מען קען גרינג צוזאמענשטעלען און נאך גרינגער פאנאנדערנעהמען אהן בעלי־עגלות, און דאס איז שוין כמעט קיין אייגענטהום ניט...

א סוכה הייסט ביי מיר א לעבען אהן זארג פאר'ן מארגען, אהן טראגען געלד אין באנק און שלאפען מיט'ן באנק־ביכעל...

א סוכה — איז א פרייע, לייכטע און ליעבע היים. און אום צו האבען אזא פרייע היים, מוז מען צוווארפען אלע טענעמענט הייזער, אלע שטארקע פונדאמענטען, בירגערליכע בעגרינדונגען, און געזעלשאפטליכע פאראורטהיילע...

בקיצור: א סוכה — דאס איז לויטער פאעזיע, דאס איז פרייע ליעבע מיט דער נאטור, אויף דער נאטור...

הערט איהר, לעזער מיינע, ווען איך בין דער בעלי הבית איבער'ן ערד־קוגעל, ווי ראקעפעללער, מארגאן אדער ראטהשילד, למשל, וואלט איך אלע גרויסע שטעדט מיט זייערע שמוציגע הייזער, פערוויסט, אויסגעמעקט אזוי לייכט ווי איך מעק אויס א ניט־געלונגענע שורה אין מיינעם א פעליעטאן. און אנשטאט זיי וואלט זיך אויסגעשפרייט ברייטע פעלדער, און אויף זיי וואלט איך אויפגעשטעלט שעהנע, קליינע, גרינעביידלאך... גרין ווי ערשט פון שיף אראפגענומענע ליטווישע מיידלאך...

אי, וואס וואלט געווארען מיט דער קולטור? — הויבט עס מיך גאר ניט אן צו ארען!

ווייניגער קולטור — בעדייט מעהר נאטור...
וועט זיין א וועלט אהן מאגען־פילען...

וועט א סוכה־מענש קענען קוקען צום הימעל — אנשטאָט צום באַלקען...

וועט ער טראָגען א באָרד און ניט דאַרפען פערברענגען א האַלבען לעבען ביים באַרבער.

וועט איהם די פרוי רייצען מיט דער הילף פון דער נאַטור און ניט מיט דער הילף פון אפּטייקער.

וועט ער זעהן אַז אמת'ן געזיכט — און ניט א קעסטעל פּוידער...

וועט ער דריקען צום הארצען אַן אמת'ע נאַטור־קינד און ניט קיין קאָרסעט...

וועט ער זיין ניט אַזוי נערוועז, און צושרויפט ווי א קינאָמאַ־טאָגראַף־בילד, וועט ער זיך ניט רייסען צום קריעג און רופען צו מלחמה.

איך בין איבערצייגט, אַז נאָר די שטאָדט איז די סבה פון מלחמה.

די שטאָדט, זי איז די מאַמע פון מלחמה־פּאַטריאָטיזם.

א מענש פון פעלד — איז ברייטהערציג ווי דאָס פעלד, און א מענש פון שטאָדט, איז ענג־הערציג ווי דער קאָרידאָר אין א טע־נעמענט הויז.

אַט בין איך היינטיגען זומער אוועק אויף א קורצער צייט אין די בערג — האָב איך גאָר פערגעסען, אַז מענשען שלאָגען זיך אויף דער וועלט...

איך בין ארויף אויף די בערג און ממילא זיך אויפגעהויבען איבער אלע מענשליכע ליידענשאַפטען.

איך בין געוועזען אַזאַ גוטער, ווייכער, און מענשליכער מענש.

אָבער תיכף ווי איך האָב צוריקגעקעהרט אין שטאָדט, בין איך געוואָרען א גאַנצער קריעגס־מענש, געמוזט זיך שטעלען צוריק אויף אימיצען'ס זייט, און דעבאַטירען וועגען סטראַטעגיקע... מיט שוים אויף די ליפּען...

ס'איז א פאַקט, אַז די מלחמה, זי פיהלט זיך נאָר אין שטאָדט. די מלחמה פאַר פּריוואַט לעבען ווי די מלחמה פאַר'ן לעבען פון נאַציאָנען...

ליעבע לעזער מיינע! די לעצטע וועלט־מלחמה האָט מיך אויס־געלערענט נאָך אַ זאַך.

זי האָט מיך איבערצייגט, אַז בויען גרויסע שטעדט מיט פעסטונגען לוינט זיך ניט...

אַלץ איינס ווערט עס אין איין שעה — אַ וויסטעניש.

אַז געגען אַ האַוויצער קען גאָרניט ביישטעהן... אַפילו ניט קיין זכות אבות.

און דאַרום איז די בעסטע און לאָגישסטע זאַך צו לעבען אין סוכות ווי „פליכטלינגע", — ווי אייביגע פליכטלינגע.

אַ סוכה — מיינע פריינד, קען מען ניט נעהמען, ס'לוינט זיך פשוט ניט צו פטר'ן אויף דעם קיין שאָס פולווער.

אַ סוכה־בירגער האָט גאָרניט — און עס לוינט זיך איהם ניט צו פערשקלאָפען...

אַ סוכה — לוינט זיך אַפילו ניט צו בעשיצען, דאָס איז קיין היים ניט...

ווילסט מיין סוכה אין פעלד? — נעהם זי! צווייגען זיינען דאָ גענוג, גרינע „סכך" איבער גענוג, איך וועל מאַכען אַ צווייטע!

די שטאָדט איז אַ פעסטונג פון גרויס־קאַפּיטאַל — און זי מוז מען בעשיצען און פערטהיידיגען.

אַ סוכה — איז אַ נאַכט־לעגער פאַר אָרימע, אַ ציגיינערשע ביידעל און ניט מעהר — און צוליעב איהר פערגיסט מען ניט קיין בלוט.

מיט איין וואָרט: איך בין איבערצייגט, אַז ווען אַלע נעהמען אַז מיין פּלאַן און טראָגען זיך אריבער אין פעלד — פערשפּאָרען מיר צו געהן אויפ'ן שלאַכטפעלד.

אוי, דאָס פעלד!... דאָס לעבען, ליעבע לעזער מיינע, ווינקט צו מיר פון ברייטען פעלד, מאַניעט מיך אין פעלד, רופט מיך אין וואַלד:

ברודער! קום, בעזעץ זיך ביי אונז, בוי אַ סוכה'לע פאַר זיך, און לאָז די שטאָדט!

און ווען איך וועל אין איין שעהנעם פריהמאָרגען פערלאָזען די שטאָדט אויף אייביג — — — זאָלט איהר זיך ניט וואונדערען.

# דאָס דריידעל.

פון דעם גאנצען חנוכה־נס איז אונז געבליבען דאָס דריידעל.

דער קריגעל איז לאנג פוסט ווי די עראינערונג פון א אידי־שען שרייבער. די העלדישקייטען פון די חשמונאים איז ווי די העל־דישקייט פון אידישע סטרייקער א טאָג נאָכ'ן סטרייק .

די חנוכה־ליכטלאך זיינען א קינדער־שפיעל געגען די עלעק־טרישע בעלייכטונג פון עדיסאָן.

מעכטיג איז נאָר די דריידעל. זי איז אייביג ווי אונזער דרע־העניש ארום דער וועלט — וואָס הייסט, גלות.

די דריידעל — דאָס איז אן עכטע ספּעציפיש נאַציאָנאלע אי־דישע זאך, א עכטע אידישע אויפטואכץ...

א איד — מוז זיך דרעהען, פערדרעהען, אויסדרעהען און ארייננדרעהען.

ער פערדרעהט זיך אין ביזנעס, פערדרעהט זיך דעם ספּאָדיק, און פערדרעהט זיך די יאָהרען.

חתונה האָבען — הייסט ביי אידען — פערדרעהען זיך דעם קאָפּ.

מאכען געשעפט — הייסט ביי איהם דרעהען.

זיין אן אינטעליגענט — הייסט ביי איהם ארומדרעהען זיך לעדיג.

טאנצען — הייסט ביי איהם זיך דרעהען אין קאראחאד.

רעדען לאָגיש — הייסט ביי איהם דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער.

נוקם זיין זיך אָן א געגנער — הייסט ביי איהם — מאכען איהם אויסצודרעהען. אין שוהל אָדער אין קאפּע־הויז.

מיר זיינען א פאָלק פון פערדרעהטע דאשיקעס און אויסגע־דרעהטע פּיס.

מיר האלטען זיך נאָר אין איין דרעהען.

א איד דרעהט זיך מיט דער תורה, צו הקפות, דרעהט א האָהן צו כפּרות, דרעהט א וועלט און דער סוף הכל איז, ער האָט גאָר־נישט...

איהר ווייסט ווארום איז א דריידעל פיער־זייטיג? דאָס איז אנטקעגען די פיער זייטען פון דער וועלט, וואו דער איד מוז זיך דרעהען.

די אידישע פראגע — דאָס איז א פערדרעהטע זאך, וואָס מ'קען זיך קיינמאָל פון איהר ניט אויסדרעהען.

די דריידעל, דאָס איז דער גרונד פון אונזער לעבען און שטערבען.

אוי, אַח, און וועה,<br>
עס איז א דרעה,<br>
א דרעה אהער,<br>
א דרעה אהין,<br>
ניט פרעג צו וואָס,<br>
ניט פרעג דעם זין...

# על הנסים.

אפילו ווען פורים וועט אָבגעשאַפט
ווערען, וועט דער גראָגער דאָך בלייבען.
(פון מיינע אייגענע שפּריכווערטער)

אלעמאָל דיזעלבע יום־טובים, דיזעלבע ימים־טובים, און דו געה זיי א חכם און שרייב עפּעס נייעס אויף פּורים!

דאָס איז די טראגעדיע פון דעם וואָס דארף מאכען א לעבען פון נסים, פון שרייבען פעליעטאָנען אין אידישע צייטונגען. נאָר אז מען מוז, העלפט ניט קיין תירוץ; זאָל זיין פון נסים, אבי צום לעבען.

איך בין א קינד פון מיין פאָלק און מוז לעבען מיט נסים.

על הנסים — דאָס איז אונזער עקזיסטענץ־בערעכטיגונג ממצרים ועד הנה, פון הודו ביז כוש, פון רוסלאנד ביז אמעריקא.

על הנסים — דאָס איז דער פּרעכטיגער בנין פון אונזער גלות; דער אייביגער בית־המקדש פון אונזער היימלאָזיגקייט...

על הנסים — דאָס זיינען אונזערע פּלאטפאָרמען, אונזערע פּארטיי פּראָגראמען, אונזערע ווייטע האָריזאָנטען און ציעלען...

א נס — איז דער שעפּער פון אונזער שטענדיגען עלים־איילאנד.

על הנסים — א איד געהט ארוים סטרייקען, פערלאָזענדיג זיך אויף א נס, טאָמער, אפשר וועט גאָט העלפען? אפשר וועט געשעהן א נס — די באָסעס וועלען נאָכגעבען און מען וועט געווינען...

איי נאָכדעם טאקע פערליערט מען און פון דעם גאנצען זיעג

בלייבט בלויז א „מגלה״? — ערגערט מען זיך וועניג; מען דאנקט גאָט, וואָס טאקע ווידער על־פי נס געהט מען צוריק צו דער אר־בייט אויף די אלטע קאָנדיציאָנען...

דאָס איז אויך א נס, וואָס מיר ערגערן זיך וועניג ווען מיר פערליערען...

על הנסים — ביי אונז שרייבט מען נאָר על־פי נס, ביי אונז ווערען געבוירען שרייבער, שריפטשטעלער, ליטעראטען, טאַלענטען נאָר דורך א בלויזען צופאל: איינער האָט ניט געהאט קיין אר־בייט א קורצע צייט, ניט געצאָהלט קיין דירה־געלד עטליכע מאָנא־טען, צוגעהונגערט אביסעל — און ער איז געוואָרען א שרייבער...

על הנסים — קיין טראַדיציע, קיין שוהלען און קיין לעה־רער.

קיין נויטווענדיגקייט, קיין פאָדערונג אויף עפעס.

ביי אונז געהען ארוים צייטונגען על־פי נס, האלטען זיך אויף מיט נסים ביז זיי שטאַרבען.

צופעליג שרייט מען ביי אונז הורא, מען אפּלאָדירט, מען ווערט בעגייסטערט; צופעליג פאָלגט מען ביי אונז די פיהרער, און אזוי אויך צופעליג, על־פי נס, ברעכט מען נאָכהער די שויבען פון די זעלבע פיהרער, מען שרייט ניעדער און מען פייפט זיי אוים.

על הנסים — דאָס איז דער פאָטער פון פורים־שפּיעל, פון פּאַ־יאַצטוואָ און שונד.

על הנסים — דאָס איז דער גרעסטער שונא פון קונסט ביי אי־דען, פון א היים פאר ליטעראטור...

על הנסים — דאָס איז אונזער אמעריקאנישע פּרעסע, וואָס לעבט על פּי נס, זיך פערלאָזענדיג אויף דער שעהר, וואָס שניידעט אוים וואָס עס פאלט איהר אריין פון די פרעמדע צייטונגען...

על הנסים — דאָס איז אונזער שתדלנות־מכה.

הוילע נסים!...

נאָר דורך א נס ערהאלטען מיר דאָ אין אמעריקא אונזערע גייסטיגע רייכטהימער.

אונזער גאנצע היגע אידישע קולטור האלט זיך אויף א נס, אויף א טאנץ, פון א באָל און א שפּרונג אויף א קאָנצערט... אָדער

קלעהרער גערעדט: אויף די שעהן־בעזאַקטע פיסלעך פון אונזערע שעהנע טעכטער...

קיין קולטורעלע נויטווענדיגקייטען האָבען מיר נאָך דאָ ניט בעשאפען...

חברות, עדיוקיישאָנאַל־בילדינג סאָסייעטיס און סאָסייעטע־לעך ווערען געבוירען יעדען מיטוואָך און דאָנערסטאַג על־פי נס: דורך אַ געלונגענעם קאָנצערטעל.

גיט זיך איין אַ קאָנצערט, דער רעגען רעגענט ניט, דער שנעע שנעעט ניט, — האָבען מיר אַ נייעם קולטור־טרעגער אין אונזער גאַס, ווען ח"ו ניט, האָבען מיר מיט נאָך אַ דורכפאַל מעהר...

על הנסים — מיר זיינען אַ טשיקאַווע פאָלק, אַ גאַנצע גאולה ווענדעט זיך אַמאָל אָן דעם חן פון אונזערער אַ שעהנע טאָכטער— אָן אסתר... אַ ביסעל מעהר אָדער ווייניגער „תמרוקי הנשים", פוי־דער און שמינק... אָן דעם אידיאָטישען שמייכעל פון אַ מלך טפש, אָן אחשורוש, אָן די צניעות פון אַ ושתי, וואָס עקשנ'ט זיך פּלוצלונג איין און וויל ניט קומען אין איהרע חוה־קליידער פאַר איהר הער־שער...

וואָרום, שטעלט זיך פאַר, וואָס וואָלט פון אונז געוואָרען, ווען עס געשעהט ניט קיין נס און ושתי ווערט ניט פון דער העלער הויט קיין צנועה און זי געהט יע — דאַן וואָלט ניט געווען קיין אסתר און ממילא אויך ניט קיין „רוח והצלה"...

מיר זיינען אַ פאָלק פון נסים.

און אפילו אונזערע שונאים, אונזערע המן'ס קריגען אויך זייע־רע תליות נאָר דורך בלויזע נסים.

אַ נס — וואָס איינעם אַ חרבונה איז איינגעפאַלען צו זאָגען: „גם הנה העץ..."

גלויבט מיר, דאָס אידישע לעבען קוקט מיר אויס ווי אַ פּורים־שפּיעל, די המן'ס זיינען קיין המן'ס ניט, די מרדכי'ס קיין מרדכי'ס ניט — צופעלע, עקסידענטען און מעהר ניט!

און ניט אומזיסט פייערען די קינדער פּורים מיט הילצערנע גראַגערס; אַזאַ יום־טוב איז ניט ווערטה קיין האַרמאַטען־שאָס...

ס'איז גאָר קיין יום־טוב ניט, קיין פייערונג ניט, נאָר אַט גלאַט אַזוי זיך: אַט, מיר שפּיעלען זיך, — ווי זאָגט דאָס פאָלק: פּורים איז קיין יום־טוב ניט און קדחת קיין קרענק...

און איך שטעל זיך פאָר, ווען אַ איד כאַפּט זיך אויף אין שעה־נעם פריהמאָרגען אָהן אַ גלויבען אין נסים, טאַפּט אָן מיט זיינע איינגענע הענד דעם האַרטען מאַטראַץ — וואָלט ער שוין קיינמאָל מעהר זיין בעטעל ניט פערלאָזט...

אַ איד מוז גלויבען אין נסים! — — —

# המן און מרדכי.

יעדער איד איז מחויב זיך אָנצוטרינקען
אום פּורים ביז ער זאָל ניט וויסען פון
ארור המן ביז ברוך מרדכי.
(פון דער „מגילת").

היינט איז פּורים און איך בין שכור... און שכור זיין אום פּורים איז א מצוה, אויף מיין עהרען־וואָרט, — א מצוה...

ערגעץ שטעהט געשריעבען: יעדער איד איז מחויב אָנצוטרינקען זיך אום פּורים ביז ער זאָל ניט וויסען פון ארור המן ביז ברוך מרדכי...

א וואוילע זאך, כ'לעבען... און איך בין שכור... און איך גלויב באמונה שלמה, אז וואָס שייך פּערגעסען, — דאָס זיינען מיר אידען מקיים בשלמות...

מיר וויסען קיינמאָל ניט, ווער עס איז ווער?

מיר זיינען אַלע מאָל אין א פּורים־צושטאַנד...

מיר וויסען ניט א גאַנץ יאָהר, ווער עס איז המן און ווער ס'איז מרדכי... מיר וויסען ניט אפילו ווער עס איז ושתי און ווער אסתר...

אין די חרבונה'ס זיינען מיר אויך מסופּק...

און אפילו אין די „עשרה בנים".

מיר אידען זיינען אימער און אייביג אין א צושטאנד פון ניט וויסען.

מיר זיינען אימער אין צווייפעל און מיר וויסען ניט אפילו,

ווער איז ביי אונז א סאָציאַל־דעמאָקראַט און ווער אַן אַנאַרכיסט?
ווער א ציוניסט און ווער אַן אַסימילאַטאָר?
טאַ, טאַ, טאַ...
ביי אונז איז אַ גאַנץ יאָהר פורים, כ׳לעבען, פורים...
אַלע קעפ זיינען פערדרעהט, אַלע היטלען זיינען פערדרוקט,
מען ווייס ניט ווער איז ווער און ווער איז מיט וועמען?
אַלע זיינען טוידט־שכור... ביז חלשות שכור...
גראַגערט ניט, מיינע פריינד, גראַגערט ניט!
זאָגט מיר: ווער איז ביי אונז אַ דיכטער און ווער אַ פּאַבעל־שרייבער? ווער אַ ליטעראַט און ווער אַ שמירער? ווער אַ שויי־שפּיעלער און ווער אַ דראַמען־פערפאַסער? זאָגט מיר!
ווער איז המן און ווער איז מרדכי?
אַמאָל לויפט ביי אונז אַ גוי־מרדכי פאַר אַן אמת, ער קריגט אונזערע שטימען, און פּלוצלונג רעדט ער זיך אויס אַ נאַ־רישקייט און ער ווערט אונזער המן... מיר זיינען זעהר דעליקאַט און געפּיהלפאָל.
מיר זיינען נאָך עדעלער פון אַ פּרויען־הוט און פון אַ דינאַ־מיט־באָמבע — ריהרט אונז נאָר אָן — און מיר פּלאַצען און מיר פייערען...
מיר זיינען אַ געפעהרליך פאָלק, אַ קראַנק פאָלק... אַ קאַפּריזנע פאָלק.
אַ נעכטיגער המן קען אונז היינט אַבקויפען מיט איין שמייכעלע, מיט איין צימבעל איבער אונזער „אתה־בחרתנו“־סטרונע...
און מעהרסטענטהיילס פערביטען מיר די המן׳ס און די מרדכי׳ס, און מיר מאַכען פון אַ המן — אַ מרדכי און פון אַ מרדכי — אַ המן...
אוי, דער מיש־מאַש אין אונזער לעבען, ווי גרויס ער איז!
אוואו זיינען אונזערע גאַנצע אידעאַלען?
אוואו זיינען אונזערע גאַנצע שונאים?
אוואו איז אונזער וויסען, ווער עס איז מיט אונז און ווער נעגען אונז?
מיר זיינען תמיד אין איינע ספיקות, אין איין צווייפעל און

אין איין קלעהרען... מיר זיינען אימער אין א פורים־צושטאנד, שכור פון גלות... שכור פון אונוויסענהייט... שכור פון שרעק...

ביי אונז איז א גאנץ יאהר פורים.. מיר ווייסען ניט איינער פון צווייטען; איין אידעע איז ביי אונז אריינגעפלאכטען אין דער צווייטער, א רינג אין א רינג...

דעמערונג — איז ביי אונז געמישט מיט מיטאג־שטימונג. שאטענס — מיט ליכט־שטראהלען...

דער אנטיסעמיט הייגט איז אונזער פריינד מארגען, ווען ער ד א ר ף אונז...

דער מרדכי ה י י נ ט, איז דער אסימילאטאר מ א ר־ג ע ן, ווען ער דארף אונז נ י ט.

אוי, די מרדכי׳ס און אוי די המן׳ס אין אונזער לעבען, ווי פיינד איך האב זיי!

און אז עס קומט צום רעטען דאס פאלק, מוז מען עס דורך לינקע בעציהונגען פון אונזערע כשר׳ע שוועסטער...

פע, פע, פע! חלשות!...

די מרדכי׳ס זיינען צופעליג אונזערע...

די המן׳ס זיינען צופעליג קאנדידאטען אויף דער תליה...

דער צופאל — דאס איז דער טאטע פון אלע אונזערע טהא־טען און נצחונות...

אפטמאל מאכען אונז די מרדכי׳ס אן מעהר צרות ווי די המן׳ס...

אידען, איך ווייס ניט... איך בין שכור... „בונד“ ניט „בונד“... ציוניזם ניט ציוניזם... אייגענע קולטור און ניט אייגענע קולטור, זעלבסטשטענדיגקייט און שקלאפעריי, שונד און קונסט... אידיש און העברעאיש... לעבען און ניט לעבען... איך ווייס ניט...

מיר זיינען א פאלק און נים קיין פאלק...

מיר זיינען עפעס און — גארניט, א מאכט און — א נול... איך ווייס ניט, איך בין שכור... פרעגט מיך נים!...

חייב אדם... עס איז מחויב יעדער איד אנצוטרינקען זיך אום פורים ביז ער זאל ניט וויסען פון ארור המן ביז ברוך מרדכי...

איך פאלג אייך!

איך בין שכור און איך רוף:

אידען־שכורים! געבענשט איז המן, ווען ניט ער, ווער ווייסט וואו מיר וואָלטען יעצט געשטאַנען!

געבענשט איז המן! ער צייגט וואו מיר האַלטען, אפילו אין דער פרייער מדינה פון קאָלאָמבוס!

געבענשט איז המן! וואָרים ער רופט אונז צו זעלבסטשטענ־דיגקייט און שטאָלץ.

פערפלוכט איז מרדכי! וואָרים ער איז בלויז א שתדלן... און מעהר ניט...

געבענשט איז המן, ער איז אונזער אן אפענער גענגער ה י י נ ט!

פערפלוכט זאָלען זיין די מרדכי'ס, ווייל מען ווייס ניט וואָס זיי וועלען זיין מ אָ ר ג ע ן!

אידען, א גוטען פורים אויף אייערע שכור'ע קעפּ!



# אויפ'ן וועג צו קריטיק

# וואָס עס פעהלט אונזערע קריטיקער.

אַ פריהער וויל איך אויסשטעלען די צעהן פונקטען. ערשטענס, פעהלט אונזערע קריטיקער — שׂכל, צווייטענס — האַרץ, דריטענס — אַן עדעלער צוטריט צו דעם קריטיקירטען, פערטענס—אַ ברייטען בליק, פינפטענס — אונפּאַרטייאישקייט, זעקסטענס — עהרליכקייט, זיבטענס — אַ גוטען זכרון, אכטענס — איבערצייגונג, צעהנטענס — זיי זאָלען ניט זיין קיין רעדאַקטערע. און איצט וויל איך נעהמען פונקט פאַר פונקט.

אנטקעגען דעם, וואָס איך זאָג שׂכל... איך האַלט, אַז וואָס פאַר אַ טיעפע אנזיכטען און גוואַלדיגע בויך־סברות ווענען קונסט, אַ קריטיקער זאָל ניט בעזיצען — שׂכל מוז ער בעזיצען! אַ קריטיקער, ווען ער געהט צו צו יענעמ׳ס אַ שאַפונג, מוז האָבען מעהר שׂכל ווי דער, וועמען ער קריטיקירט: ער מוז איינזעהן יענעמ׳ס חסרונות... אַ שרייבער מעג זיין אַ טאַלאַנט און אַ נאַר, אַ קריטיקער מוז צום טאַלאַנט אונבעדינגט האָבען שׂכל. און אונזער קריטיקער זיינען אָפט טאַלאַנטלאָז און שטענדיג נאַריש...

אנטקעגען דעם וואָס איך שמועס, האַרץ... אַ האַרץ איז זעהר אַ וויכטיגע זאַך ביי אַ שרייבער, ווי ביי אַ קריטיקער. אַ שרייבער דאַרף בעזיצען האַרץ אום אריינצודרינגען אין אַ צווייטענס האַרץ. אַ קריטיקער מוז זיין האַרציג, אפילו ווען ער איז האַרצלאָז צום קריטיקירטענ׳ס ווערק. אַ קריטיקער, וואָס איז קאַלט ווי אַ שרץ, גלייכגילטיג ווי אַן אורח, וואָס איז ערשט פאַרפאָהרען אין אכסניה, קען ניט ערפילען זיין אויפגאַבע. אַ קריטיקער מוז זיין זעהר נאַ־

הענט צו דעם קריטיקירטענ, אָדער לכל הפּחות צו דער ליטעראַטור, וואָס דער קריטיקירטער שאַפט.

א קריטיקער מעג זיך אפילו זיין דער אַ ל ז ײ ט י נ ס ט ע ר טאָר ער ניט שטעהן פון דער זייט. ער מוז זיין אן אייגענער, א היי־מישער, א מענש, וואָס האָט ליעב דאָס אייגענע און היימישע. אונ־זערע קריטיקער אָבער זיינען „וואַיאַזשאַרען„ מענשען פרעמדע וואָס זיינען געקומען צו אונז איבערנעכטיגען, בעהאַלטען זיך פון א רעגען. מאַכען אבי וואָס פאַר א לעבען, ביז וואַנען זיי וועלען געפינען ערגעץ אנדערש א בעסערע פּרנסה...

אנטקעגען דעם וואָס איך האָב אויבען בעשטימט — אן ערע־לער צוטריט.

א קריטיקער דאַרף זיין א קאַוואַליער, א דזשענטעלמען, אן אריסטאָקראַט אויב ער וויל מען זאָל איהם אויסהערען און אכטען. א קריטיקער, וואָס פאַלט אַרויף אויף דעם קריטיקירטענ'ס ווערק ווי א באַשי־באַזוק פון וואָרט, ווי א הוליגאַן פון פּראָזע, טויג ניט. א קריטיקער דאַרף צוטרעטען צו דעם געקריטיקיר־טענ'ס ווערק, אויב ניט מיט ליעבע, איז לכל הפּחות, מיט אכ־טונג, מיט ערדעלקייט, און ווען ניט דאַרף ער גאָרניט צוטרע־טען... א קריטיקער, ווי א דאָקטאָר, מוז האָבען ריינע הענד, לכל הפּחות דאַרף ער ביי יעדער זאַך בעזונדער זיך גוט אַרומוואַשען... א קריטיקער ווי א שטאַאַטסמאַן, מוז האָבען שעהנע מאַנירען — אָבער אונזערע קריטיקער זיינען וויית, וויית פון ערדעלקייט, פון אריסטאָקראַטיזם איז אָפּגערעדט.

אנטקעגען דעם, וואָס איך מיין — א ברייטען בליק. א קרי־טיקער דאַרף אונבעדינגט האָבען א ברייטען בליק, ער דאַרף קענען מיט זיין אויג אַרומנעהמען די צייט און די עפּאָכע, ווען דער גע־קריטיקירטער האָט געלעבט און געווירקט. א שרייבער קען זיך פער־בינען צו פערשפּאַרען אין איין ווינקעלע, צו קוקען פון איין פענס־טעריל — אָבער א קריטיקער ניט, א קריטיקער מוז האָבען א ברייט אויג, וואָס זאָל קענען אַרומכאַפּען, אויב ניט גאַנצע וועלטען, כאָטש טהיילען. ער מעג א שרייבער אָבשעצען פון שטאַנדפּונקט פון ה י י נ ט, אָבער ער טאָר אונבעדינגט ניט פערגעסען צו פער־

בינדען איהם מיט זיין צייט. און אונזערע קריטיקער טוען עס ניט... אַט האָט אנומעלט א געוויסער דאָקטאָר־קריטיקער, אן אייראָפּעער, „אן אויפּראָללער פון דער וועלט־קארטע“, גערעדט וועגען פרוג׳ן און איהם גע׳פּסל׳ט אוים דעם גרונד, ווייל פרוג האָט אמאָל מיט 30 יאָהר צוריק, ניט געהאט די שטימונג פון איהם, דעם דאָקטאָר, ה י י נ ט. פרוג, האָט ער זיך גע׳פּשט׳עלט, האָט בלויז געזונגען נאַציאָנאלע מאָטיווען און האָט גאָר ניט געזונגען וועגען זיך פּערזענליך, און דארום איז ער קיין דיכטער ניט, קיין גרויסער אודאי ניט. ער האָט פערגעסען, אז פרוג האָט געלעבט אין א צייט פון תשובה, ווען די גאנצע אידישע אינטעליגענץ האָט א גלייטערטע דורך די פּאָגראָמען, זיך צוריק געקעהרט צו איהר פאָלק. און דארום איז לעבערליך צו זאָגען אויף א דיכטער, וואָס האָט פערבויגען זיינע פּערזענליכע ליידען פאר די ליידען פון כלל, וואָס האָט פערשמאָלצען זיין „איך“ מיט די דאָזיגע ליידען פון׳ם כלל — אז ער איז דערפאר ניט קיין דיכטער...

פון אזא שטאַנדפּונקט האָט מען אויך געקענט זאָגען אויף ישעיהו הנביא: ווייבאלד ער האָט אין זיין גאנצער קאריערע אלס נביא בלויז גערעדט וועגען זיין פאָלק און ניט געזאָגט קיין איין וואָרט וועגען זיך, וועגען זיין קינד, זיין ווייב און איהרע פאַנטאָפעל, — דארום איז ער קיין נביא ניט... ס׳איז דאָך לעבערליך, מיינע הערען קריטיקער!

אנטקעגען דעם, וואָס איך וויל האָבען — עהרליכקייט. א קריטיקער מוז זיין ע ה ר ל י ך! א שרייבער קען זיך פארגינען צו זיין אן אויסוואורף, א לומפּ, א ליגנער, אָבער א קריטיקער ניט. צו א קריטיקער, ווי צו א מיידעל, מוז מען אָנווענדען די מאָס פון אונשולד און זויבערקייט. א קריטיקער, וואָס שרייבענדיג וועגען ליטעראַטור, דערמאָהנט ער בלויז זיינע גוטע פריינד און פערשווייגט די יעניגע אויף וועלכע ער האָט א הארץ, איז ניט קיין עהרליכער קריטיקער... און אונזערע זאָגענאַנטע קריטיקער זיינען ווייט, ווייט פון זיין אונשולדיג...

אנטקעגען דעם, וואָס איך שפּרעך זיך אוים — אונפּארטייאישקייט. דער חסרון פון מעהרסטע פון אונזערע קריטיקער איז,

וואס זיי זיינען געקומען צו אונזער ליטעראטור פון פּארטיי ארויס, זיי האבען זיך צופיעל איינגעפּרעגעלט אין דעם שמאלץ פון די פּראָקלאַמאַציע פּראָזע, זיי האבען איינגעזאפּט אין זיך דעם מאַניר פון רעדען א סך אויף פאלקס־פערזאמלונגען, אריינגענומען אין זייער נשמה די מעטאדע פון חוזק, אגיטאציע, און דעם אופן פון צוצוגעהן צו א קריטיקירענדען, ווי צו א דיסקוטאנט פון א צווייטער פּאַרטיי.

און פּאַרטייליכקייט טויג ניט, ווייל דער געדאנק, אויב דער קריטיקירענדער בעלאנגט צום „בונד" איז ער גוט, און ווען צו די אלגעמיינע ציוניסטען, טויג ער אויף ניין און ניינציג — פּענטעט דעם קריטיקער און לאזט איהם ניט זיין ווארהאפטיג.

און איצט וועגען דעם, וואס איך רוף: א גוטער זכרון. א קריטיקער, ווי א בעל־חוב, מוז האבען א גוטען זכרון, ער מוז וויסען וואו אפּצוגעבען דעם חוב... אונזערע קריטיקער האבען אבער א טבע צו פערגעסען זאכען, מענשען און נעמען, אין דער צייט אפילו, ווען זיי געדענקען עם גאנץ גוט.

ביי זיי איז אנגענומען, אז ווען זיי דארפען זיך עפּעס דערמאנען, דערמאנען זיי גראד אימער זאכען, וועלכע מען מוז אומבעדינגט פערגעסען...

און איצט טאקע אנטקעגען דעם, וואס מען דארף רופען אויסגעהאלטענקייט. אונזערע „בראנדעסעס" פעהלט אויסגעהאלטענקייט. אט געהט אין איין שעהנעם טאג אונזערער א קריטיקער ארויס און צווינגט זיך ווי א טעטראזיני. אז מיר זיינען ראטשילדס, ראקעפעלערס, אז אונזער ליטעראטור איז רייך, און האט זיך ניט נאר צו שעהמען געגען די רייכסטע ליטעראטורען פון דער וועלט— נאר זי איבערשטייגט זיי נאך... און אויף מארגען געהט דער זעלבער קריטיקער ארויס מיט אן „איכה", א־לא ירמיהו הנביא, אז מיר זיינען שרעקליך ארים, די גרעסטע ליטעראַרישע קבצנים אין דער וועלט, דאס אפילו א מאנטענעגרא אדער סערביען איז רייכער פון אונז.

איצט אנטקעגען דעם, וואס איך דענק וועגען איבערצייגונג: מיט אונזערע קריטיקער איז דער אומגליק, וואס שרייבען שרייבען

זיי דוקא שעהן, אבער איבערצייגען קענען זיי קיינעם ניט... פשוט: מען גלויבט זיי ניט... עפעם לעזט איהר זיי און זאָגט צו זיך: דער מאַן וויל אזוי און אזוי, אבער פאַר וואָס זאָל איך איהם גלויבען? און א קריטיקער מוז קענען איבערצייגען, מוז האָבען כח דערצו...

און גאָר צום לעצטען, אנטקעגען דעם, וואָס אַז קריטיקער טאָרען ניט זיין קיין רעדאַקטער, ווייל א רעדאַקטאָר שרייבט ניט קריטיקען נאָר ער גיט ארויס א בעפעהל. אָפּט קען ער אפילו מיט איין בעמערקונג צו אַן ארטיקעל אוועק'הרג'ענען א שרייבער... און פאַר וועמען האָט ער מורא? ער האָט א צייטונג, איז א רעדאַק־טאָר און ווער קען איהם זאָגען א דעה? ער איז דער „באָס" און האָט אלעמען, פראַזאַאיש גערעדט, אין דער ערד! און אונזער קריטיק איז ארייננעפאלען אין די הענד פון אונזערע רעדאַקטערע. אוי וועה צו דער קריטיק, אוי וועה!...

# אונזער קלה.

און איך האב אזוי געזאגט צו מיין גרינעם לאנדסמאן: יאָסעל! וואָרום ביזטו אזוי צוריקגעהאלטען? וואָרום לאָזטו ניט הערען דיין מיינונג וועגען אמעריקא בכלל און דער איסט־סייד בפרט? וואָרום שרייבסטו ניט אַן אַן ארטיקעל אין איינער פון אונזערע צייטונגען וועגען דער קליינשטעטיגקייט פון ניו־יאָרק? וואָרום האלסטו ניט קיין לעקציע וועגען דעם טומעל ביי די שניידער? וואָרום שרייבסטו ניט וועגען די פינאַנצען פון וואָל סטריט? וואָרום דערלאַנגסטו ניט קיין וויצען וועגען אונזערע פיהרער און טאָן־געבער? ווען דו טהוסט דאָס אלעס, גלויב מיר, וואָלסטו דאָך שוין געמאַכט א לעבען, געוועזען בעזאָרגט מיט פרנסה און מיט כבוד ווי אַלע גרינע גדולים. איך פרעג דיך — וואָרום?

און מיין לאַנדסמאַן האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען ווי להבדיל א קאַלב פאר דער שחיטה.

— וואָס רעדסטו, חיים? איך בין דאָך אין גאַנצען ערשט א כ ט ט אָ ג אין לאַנד, ווייס נאָך גאָר ניט וואָס דאָ טהוט זיך, פון וואָס דו רעדסט? ערקלעהר מיר, וואָס מיינסטו דערמיט?

— דו ביזט א שוטה — האָב איך איהם געענטפערט — און אַז אַכט טאָג איז וואָס? דו מיינסט, אַז די דאָקטוירים, לעקטשורער, שרייבער און טהעאָרעטיקער, וואָס צושפּרייטען זיך דאָ אַזוי ברייט וועגען „הכל בכל מכל כל“, וועגען אלץ מיט אנאַנדער, מיינסטו זיי זיינען לענגער אין לאַנד פון דיר? וויסען מעהר פון דיר? יאָסעל, אויב דו ביזט ניט קיין פערד, ביזטו א בהמה!

— אָבער איך פערשטעה נאָך אלץ ניט — האָט גע׳טענה׳ט

מיין לאנדסמאן — ערקלעהר מיר ווי מען טהוט עס? וועל איך דאן זיך אויך נעהמען פאר דער ארבייט.

— אט אזוי־זשע רעד! — האב איך איהם געקלאפט איבער דער פלייצע — זעהסטו, א לעקציע קען איך דיר גראדע געבען. הער זיך צו מיט קאפ: ערשטענס, דארפסטו ביי זיך אפמאכען, אז דא אין דער אידישער גאס, איז אלעס הפקר פעטרושקע. צווייטענס, אז אלע זיינען דא עם הארצים, פויערים און עזעל־קעפ. דריטענס, אז אלע פון קליין ביז גרויס ווארטען נאר אויף דיר דו זאלסט קור־מען און זיי עפענען די אויגען, בעקאנען מיט דער ציוויליזאציע, קולטור, עסטעטיק, א. אז. וו. פערטענס, אז אלע דארפען פאר דיר האבען גרויס אבשיי, ווייל דו קומסט פון אייראפא.

און ווייטער דארפסטו אזוי טהאן: זיץ אפ עטליכע טעג אין קאפע־הויז אויף איסט־בראדוויי, טרינק קאפע, רעד נארישקייטען און פערביים מיט ציין־העלצלאך. און נאכדעם, געה שרייב אן אר־טיקעל וועגען דער „קליינשטעטיגקייט פון ניו יארק“.

אדער געהענדיג צום עלעווייטער־טריין, הער זיך צו צו א גע־שפרעך צווישען צוויי פושקארט־פעדלערס ווי זיי זידלען זיך אין קאנעל סטריט; באפ גלייך ארויס דיין נאטיץ־ביכעל און פער־צייכען „די איסט סייד ווייס ניט פון עסטעטיק“... און קומענדיג אויף דער קווארטיר, שרייב אויף א גרויסען ארטיקעל וועגען דעם.

אדער פאהר אין קאר און לעז איבער אויפ'ן וואנט דעם אויפ־שריפט אין אידיש: „שפייט ניט אין קאר“ און דערפון טהארע־טעווע אויס, אז אין גאנץ ניו יארק רעדט מען נאר אידיש, און אלע זיינען דא אידישיסטען, ווי אברהם רייזין...

יע, איך האב זיך דערמאנט אברהם רייזין. געה זיי מוחל ארי־בער אויף גרענד סטריט און זעה גאר ניט און קום אהיים און פערפאס א לויב־געזאנג צו גרענד סטריטער צנועות, און רוף זיי אן: „ציון'ס טעכטער“...

דו זיי נאר א געשייט קערל און האב קיין מורא ניט פאר גאר־נישט.

אז איינפאכער גרינער וואגט ניט עפענען דאס מויל, פערלאזט זיך אויף א לאנדסמאן ער זאל איהם צייגען, פיהרען און לערנען,

ער ווארט אָפּ מיט זיינע מיינונגען ביז ער זעהט ניט און לערנט ניט. אָבער א גרינער אן אינטעליגענט פון יענער זייט אָקעאַן — ער מעג אַלעס! ער דאַרף גאַר נישט ניט זעהן און גאַר נישט ניט הער־רען — ער דאַרף בלויז האָבען א חוצפה...

און אויב דו ווילסט זיין זיכערער מיט דיין ערפאָלג אין אמעריקא, ברענג מיט זיך מיט א פערגאנגענהייט, אן „אַפּענדיקס" פון אן אָרגאַניזאַציע (א פּועל ציונסטישע, א ציוניסטישע, אָבער בעסער פון אלעס א בונדיסטישע) מאַך זיך א טיטול דאָקטאָר, קיי־נער וועט דיך אליץ איינס ניט נאָכזוכען, מען איז דאָ צופיעל פער־נומען. זיי ניט קיין שוטה און קרוין זיך גלייך מיט א טיטעל דאָק־טאָר פילאָסאָפיע, גיב זיך אליין ארויס א דיפּלאָמע אויף א טהעאָ־רעטיקער און דיר וועט זיין גוט ביי קאָלומבוסען, ווי גאָט אין אדעס. די ערשטע צייט וועט דיר אליין זיין אביסעלע פריקרע: דו און דאָקטאָר?! אבער נאָכהער וועסט זיך צוגעוויינען...

אלס דאָקטאָר פילאָסאָפיע, וועסטו קענען רעדען און שרייבען וועגען אליץ אין דער וועלט — דאָ האָט מען זעהר פיעל רעספּעקט פאר גרינע דאָקטוירים...

און וואונדער זיך ניט, איך וועל דאָס דיר תיכף ערקלעהרען:

אמעריקא, כ'מיין דער כשר'ער טהייל פון אמעריקא, די אי־דישע איסט־סייד, איז פערקויפט צו דריי רויבער־באַנדעס: צו די גוי'אישע פּאָליטישענס, צו דייטשע יאהודים און צו גרינע גדולים. די גוי'אישע פּאָליטישענס גנב'ענען אין איהר נאָמען, די דייטשע יאהודים פיהרען פּאָליטיקע און דיפּלאָמאַטעווען אין איהר נאָמען, און די גרויסע גדולים אידעאַלעווען און רכילות'ן אין איהר נאָמען...

אָ, פערפלוכטער פרייער גלות פון אמעריקא!

מיר האָבען רעספּעקט פאר אליץ, וואָס קומט פון גוים און פאר אליץ, וואָס קומט פון יענער זייט ים...

מיר האַלטען אזוי פערדאמט ווייניג פון אונז זעלבסט, דאָס ווען איינער קומט צו אונז און שרייבט אונז איבער א האַלבע ענצי־קלאָפּעדיע מיט נעמען פון גרויסע אידען אין דייטשלאַנד, איז ער ביי אונז א גרויסער שריפטשטעלער, א גייסטיגער פיהרער.

מיר זיינען אזוי גייסטרייך אָרים אין גייסט, דאָס א גרינעם, א פּאָר מאָנאַטען אין לאַנד, שיקען מיר צום פּרעזידענט אין ווהייט הויז צו רעדען אין אונזער נאָמען.

ווייל, פערשטעהט מיך, מיר גלויבען ניט אונזערע אייגענע כחות, נאָר אין פרעמדע.

ס'קומט אהער א גרינער פון סלוצק אָדער איישישאַק, ער ווייס נאָך ניט דעם חילוק צווישען „אָלל־רייט און „דאַטס־רייט" און קריטיקירט שוין און שרייבט וויצען, פעליעטאָנען אויף אונזער פּרעסע, יוניאָנס און פיהרער.

אָ, אייביגער גלות!

מיר קניען און בויגען זיך, שמייכלען און ציהען די היטעל אמת מה יפית'דיג, פאר יעדען, וואָס פערשטעהט ניט קיין איד־ דיש, וואָס ברענגט א שריפט, אז ער איז געווען א פּאָר וואָכען אין טיעף רוסלאַנד, אָדער געוואוינט א חדש אין דייטשלאַנד, דורכגע־ פאָהרען די שווייץ, א. אז. וו.

מיר אכטען און רעספּעקטירען אָהן א גרענעץ יעדען איינעם, וואָס רעדט רוסיש מיט א גראָבליכען אקצענט און דערצעהלט אלטע וויצען פון א דייטשען וויץ־בלאַט...

און זיי קומען צו אונז די גרינע געלעהרטע דאָקטוירים, קריי־ טיקער פון אונטער'ן אויווען און זיי לערנען אונז, מוסטירען אונז, גיבען אונז עצות, בעדויערען אונז און זיי אליין זיינען בלויז אוי־ סען אונזערע דאָלארס, דאָלערלעך און דאָליארטשיקעס...

און זיי קוקען אויף אונז פון אויבען אראָפּ, די געלעערטע טהע־ אָרעטיקער, בעטער און רעטער אונזערע, און מיט די הענד דער־ גרונטעוועו זיי ביי אונז די פענע.

אָ, זיי זיינען געשייטע קערלען די דאָזיגע גרינע...

יעדעס לאַנד האָט זיך זיין קללה: איטאַליען איז פערשאָל־ טען מיט ערד־ציטערניש, רוסלאַנד מיט כאָאָס, דייטשלאַנד מיט מיליטאַריזם, טערקיי מיט באַקשיש און אונזער אידישע אמעריקא

מיט גרינע גדולים, וואָס ווילן אונז בעשיינען, בע׳חן׳ען, בעצירען, רעפאָרמירען און פערפיהרען...

און דארום זעה איך טאקע ניט איין, לאנדסמאן מיינער, וואָרום דו זאָלסט עפּעס ניט ווערען! אכט טאָג אין לאנד און זאָגסט נאָך אונז גאָר קיין דעה ניט, ס׳איז כ׳לעבען א וואונדער פון וואונדער־לאנד...

# אידישע קונסט.

אידישע קונסט איז דאָ.

ניט אין שניצעריי, מאהלעריי, וועבעריי און סקולפּטור ליגט די „אידישע גבורה“ — דאָס בעלאַנגט צו די גוים.

די אידישע קונסט שטעקט אין דער אידישער „מינע“ און „מימיקע“; אין דעם עכט אידישען אופן צו „קינסטלען“.

א איד פערקרימט דעם מויל, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. מאכט „בע“, „מע“, „עט“ און „נו“ — דאָס איז ספּעציפישע אידישע טהעאטער־קונסט.

אַ איד, קנעט א שטיקעל ווייך ברויט בשעת זיין מח קנעט א גיעפּען שטיקעל ענין — דאָס איז אמת'ע אידישע סקולפּטור.

אַ איד, מאָהלט מיט'ן פינגער אויף דער שויב פון פענסטער בשעת ער מאכט זיינע חשבונות וועגען קויפען א קענדי סטאָרקע— דאָס איז עכטע אידישע מאהלעריי...

די גרעסטע קונסט־שטיקעריי אונזערע— איז פלעכטען ציצית, די אמת'ע אידישע כירורגיע — „מילה“, די אמת־אמת'דיגע אידישע ארכיטעקטור — מאכען א „סוכה“.

אידען נוצען „לייוועגט“ ניט צום מאָהלען לעבעדיגע בילדער, נאָר — צו וויקלען מתים.

און פון שטיינער האקען מיר בלויז מצבות...

די זאַק, געמאכט פון אייער באָבע — דאָס איז אידישע קונסט געמאכט פון „עכטע אידישע העגד.“

די יארמולקע אויפ'ן קאָפּ פון אייער זיידען — דאָס איז די ה ע כ ס ט ע אידישע „שעהנקייט“...

די מקוה, דאָס איז אונזער טיפּסטע „נאַציאָנאַלע שעפּפונג".

דאָס רעדען מיט די הענד — דאָס איז דער „בעזונדערער אידישער שטייגער".

דער קוגעל — דאָס איז דער אמת'ער „אידישער סטיל און פאָרם"...

קאָכען פיש אויף שבת — דאָס איז ריכטיג געפּעפּערטער „אי־דישער געשמאַק".

דער שמחת תורה'דיגער קוילעטש — דאָס איז „אָריגינאַל אידיש".

די בעליעבטעסטע שטיקעל „האַנד־ווערק" אונ־זערע איז די פּושקע פון שמעק־טאַבאַק און דערפאַר טאַקע זיינען אַלע אונזערע געשרייען וועגען „קונסט" און „אויפלעבונג" מעהר ניט ווערטה ווי אַ שמעק טאַבאַק...

# ערײנערונגען.

בעסער אַ שוואַכע האָפענונג, אײדער
אַ שטאַרקע ערײנערונג.
(פון מיר אַלײן).

װי גוט ערײנערונגען זאָלען ניט זײן, װי שעהן, ליעב, פײן, זײ זאָלען ניט זײן — קײן סמן פון נײעם לעבען זײנען זײ ניט...

אַט נעהמט, צום בײשפּיעל, אונזער איסט סײד און זעהט:

אונזערע אַלטע געגאַסען געהען אַרום װי שטיקער זכרונות אין קװאַרטאַל, קײען צײן־העלצלעך און רעדען מיט פערקרומטע מײלער װעגען די גוטע אַלטע צײטען און רעדען מיט ציניזם... און די אינגערע זיצען און הערען, זאַפּען אײן אין זיך דעם ציניזם און קרימען זיך...

און דאַרום איז בײ אונז אַלץ טויט. עס האָט זיך אַלעס אויס־געמישט, װי די ערײנערונגען אין קאָפּ פון אַן אַלטער תושב'ניצע פון מושב זקנים...

אונזער ליטעראַטור איז אויך אַן ערײנערונגס־ליטעראַטור...

די זאָגענאַנטע אַלטע געהען אום װי שאָטענס און לאַבען זיך מיט די זכרונות פון אמאָל, װען זײ האָבען אויפגעשריבען אַ גוטע סקיצע און זײ קרימען זיך אויף די יונגע...

און די יונגע אפילו װיקלען זיך שוין אויך אײן אין די ערײ־נערונגס־טליתים, לעבען אויפ'ן זכות פון אײן גוט אָנגעשריבען ליעדעל פון פאַראַכטאָגען.

װער דאַרף שאַפען נײע זאַכען? װער?

און װאָס איהר װעט ניט זאָגען — ערײנערונגס־ליטעראַטור

איז ניט קיין לעבענס־ליטעראטור, ווי גבורות פון הגדה, זיינען קיין גבורות ניט...

שאפען? ווער וויל שאפען ווייטער?

אלע עלטערע שרייבער האבען שוין מעהרסטענטהיילס אויפ־געזאמעלט זייערע שריפטען, זיך אליין אנגעטהאן לארבער־קרענץ, און זיצען זיך מיט די לארבער־קרענץ צופריעדענע...

און די אינגערע איילען זיך אויך וואס גיכער צו זאמלען זייערע שריפטען...

די צרה איז, וואס מיר פארערן זעהר וועניג...

ביי די אומות העולם דארף מען שרייבען, און שרייבען פיעלע בענדער, ביז מ'ווערט בעוואוסט, און ביי אונז איז א י י ן ליעדעל — און א שלעכטע, און דו ביזט שוין פעררעכענט אלס ליטעראט....

און אט אזוי איז יעצט דער צושטאנד פון אונזער ליטעראטור. מיר האבען וועניג, פערדאמט וועניג, — אבער אלע אין „געזאמעלטע שריפטען."

מיר האבען א שלעכט בעצאהלטע פרעסע און ארימע ארויסגעבער.

מיר מאכען שנעל היסטאריע... מיר האבען ליעבער די פערגאנגענהייט איידער די צוקונפט; מיר האבען ליעב קוקען אויף צוריק איידער פאראויס.

און דאס איז אונזער אונגליק!

אוואו זיינען אונזערע נייע כלל־טהוער?

צו שנעל ווערט מען ביי אונז עראינערונגס־מענשען, „עבר־העלדען."

אונזערע העלדען ווערען שנעל געקרוינט מיט ערפאלג און געהען מיט איין קלאפ אריין אין היסטאריע.

און דער עיקר, קיינער פערלאנגט ניט מעהר...

אלע זיינען צופריעדען...

אונזער אימיגראנטען־לעבען איז איין שטיק עראינערונג: אין דער היים געווען א בן־תורה, א נגיד, אין דער היים אלעס...

מיר זיינען דאָ אַ גרויסע קהלה, אָבער מיר שאַפֿן פֿון זיך אַליין גאָר ניט...

קומען אַהער דריי אידען מאַכן זיי אַ פֿעראיין, גיבן איהם אַ נאָמען נאָך זייער היימישער שטעדטעל — און רייסן זיך און קריגן זיך פֿאַר היימישען יחוס און זידלען זיך אַפֿילו מיט עראינערונגס־ווערטער: דו ביזט דאָך אַ בעל־עגלה פֿון דער היים! — און דו אַ שוסטער! — און דו אַ פֿערד־גנב...

קומען אַהער „רעוואָלוציאָנערען" קוויקען זיי זיך די עהשטע צייט מיט די היימישע צייטונגען, לאָבן זיך מיט די היימישע ער־אינערונגען, היימישע גבורות און פֿאַנגען אָן שפּייען אויפֿ'ן היגען לעבען. שפּייען אַזוי לאַנג, ביז זיי אַרבייטען זיך אַרויף און פֿער־געסען אַלעס... און ווערען ווי פֿוילע חורבות, וואָס היטען זייער שפּינוועבס...

און די פֿוילקייט פֿון די עראינערונגען איז צולעגט איבער אַלע אונזערע „בעוועגונגען" און „בעוועגענדלעך".

דער אימיגראַנט קומט אַהער ניט צו לעבען גייסטיג נאָר צו בעפֿרידיגען זיין קערפּער.

ער בעזעצט זיך דאָ אום צו מאַכען אַ „סך הכל" פֿון זיין אַמאָלי־גען גייסטיגען באַגאַזש און ער זעהט בלויז צו פֿערזאָרגען דעם „חומר", דעם זינדיגען „גוף".

און דאַרום איז דאָ אַזאַ קאַלטקייט אין סאַמע פֿריהלינג...

דאָ געהען אַרום בלויז עראינערונגס־מענשען אין די טענע־מענטס, גאַסען, פֿאַבריקען און געשעפֿטס־הייזער.

און די צוקונפֿט זעהט דאָ אויס ווי אַ פֿערלאָזענע פֿרוי, וואָס זיצט און וואַרט אויף איהר ערלייזער...

אַה, ווען וועלען מיר שוין זיך אַרויסרייסען פֿון דער הגדה־לעטאַרגיע, עראינערונגס־שלאָף, אַרויספּלאָנטערען זיך פֿון די זכרונות־נעצען און זיך נעהמען צו שאַפֿען נייעם לעבען, נייע היס־טאָריע? — ווען?

שעהן זיינען די זכרונות פֿון אַ העלד, פֿון אַ מענשען, וואָס האָט געקעמפֿפֿט לאַנג, דויערהאַפֿט און שטאַרק — אָבער עראי־

נערונגען פון א פליג, וואס האט געטאנצט אויף א צובראכענע שויב זיינען קיין עראינערונגען ניט.

עראינערונגען פון א בלינד קעצעל, וואס האט נאך גוט די אויגלאך ניט געעפענט און וואס געדענקט קוים די מילך, וואס זי האט געקראגען, זיינען קיין עראינערונגען ניט...

מיר האבען אלץ געהאט אמאל, אמאל...

און מיר ווילט זיך נאריש מאכען און רופען: ברידער, נידער מיט די עראינערונגען, זיי זיינען פאר אונז צו פריה — לאמיר עפעס אנפאנגען טהאן!

און זאלען די דורות, וואס קומען נאך אונז, האבען וואס צו זאמלען און צו קלייבען...

ברידער! עס איז, דוכט זיך, שוין פריהלינג, עס שמעקט מיט פריהלינג...

נאר אפשר איז דאס אויך בלויז אן עראינערונג פון „עפעס געוועזן אמאל" א פריהלינג, הא, ווי דענקט איהר?

# אונזערע נייע לעזער.

אמאל האט מען זיך ביי אונז בעקלאגט, אז די אידישע ליטע־ראטור האט ניט קיין לעזער, אז די אידישע ליטעראטור — געהט זיך ארויס גלאט אזוי זיך אין דער וועלט אריין: „לשמה" הייסט עס... אבער דאס איז קיינמאל ניט אמת געוועזן: — לעזער האבען מיר אמאל יע געהאט, אבער זעהט איהר, קויפער? — כמעט ווי גאר ניט!

א איד האט גלאט בטבע פיינד אויסגעבען געלד אויף זאכען, וואס זיינען איהם ניט שטארק נויטיג... אבער א לעז טהאן — און עס זאל ניט קאסטען קיין גראשען, — מהיכא תיתי, פאר וואס ניט?

אבער דאס אלץ איז געוועזן אמאל; היינט האבען מיר שוין אנדערע צרות; מיט דער אויפלעבונג פון דער אידישער ליטעראטור און קונסט און מיט דער פערשפרייטונג פון די מאדערנע אויס־גאבען, האבען מיר גערארדע אויסגעביטען פערקעהרט. מיר האבען שוין דעם קויפער. אבער דער לעזער, וואו איז ער? איהר ווייסט ניט וואו ער איז?

מיר דוכט, אז מיר האבען שוין באלד ניט קיין לעזער, דער דאזיגער מין ווערט שוין ביי אונז א מין „פאר דעם מבול־מין."

מ'קויפט שוין ביי אונז ביכער אפילו גאנצע ביבליאטהעקען, אבער לעזט לעזער קיינער ניט, אדער איינער פון טויזענד.

און מיט רעכט קען מען זאגען, אז דער קויפער האט ביי אונז איינגעשלונגען דעם לעזער...

או ווען איך האב ניט קיין אנדערע זארגען אויסער ליטעראַ־רישע, זעץ איך זיך צו און קלאסיפיציר אויס אונזערע היינטיגע

לעזער אויף פאלגענדע קלאסען: ערשטער קלאס, דער סתם קויפער: דאס איז א מאן, וואס ווייס זעהר וועניג וואס הייסט א בוך — נאר ווייל ער זעהט אין די צייטונגען שרייבט מען יעדען טאג וועגען עפּעס א גוואלדיגען פּערפאסער, און ער געהט געראדע פערביי און ער האט געראדע אן איבעריגען „קוואדער" אדער 50-סענטיגען אין קעשענע — נעהמט ער און קויפט...

צווייטער קלאס: דער מציאות-זוכער און דער קופאנען-קלייבער; דאס איז אויך פון דעם זעלבען מין ווי דער סתם-לעזער, נאר מיט מעהר געדולד צו דער זאך.

דער דאזיגער האט זיך זיינע גרינדע: אז יענער גיט אוועק פאר א מציאה — און ווארום זאל איך דאס ניט קויפען?

דער צד-השוה פון די צוויי קלאסען איז, דאס זיי צושניידען ביידע קיינמאל ניט די בלעטער און ווען זיי ברענגען די ביכער צו זיך, פערלעגען זיי עס תיכף צווישען די ניט גאר ריינליכע אונטערוועש... און ווען זיי ציהען זיך אריבער אויף א נייער וואוינונג לאזען זיי דאס איבער א מתנה פאר די צוקינפטיגע דורות...

דריטער קלאס: דער שעהענר-באנד-ליעבהאבער און בוך-שראנק אייגענטהימער.

ס'איז די לעצטע צייט געווארען א מאדע: צוגלייך מיט'ן אייז-קאסטען, וויעג-שטוהל אויך אריינצונעהמען אין הויז א בוך-שראנק — און געוועהנליך מוז מען צו א בוך-שראנק האבען ביכער און דארום געבונדענע און דארום מיט שעהנע בעגילטע רוקענס...

דאס זיינען די מאדערנע איינבונד-פערהייליגער אדער רוקען-לעזער.

אבער זעהר וועניג פון זיי נעהמען אמאל ארויס א בוך צום לעזען...

הצד השוה שבהן: זיי לעזען קיינער ניט... עס איז פאראן נאך א קלאס, וועלכע מען קען רופען: דער קאמפּליט-קויפער, אדער דער בעל-תכלות...

דער איז שוין אפט א גאנץ אינטעליגענטער לעזער: ער קען אפט נאך א שפראך אויסער אידיש און ער האט אויך ליעב די אי-

דישע ליטעראטור, נאָר דערצו האָט ער מעהר פון אַלץ ליעב דעם „קאַמפּליט“. דאָס איז גאָר אַ נייער מין טיפּ.

מיט איינעם אַזאַ האָב איך אַנומעלט געהאַט פאָלגענדען גע־שפּרעך:

א י ך: איהר האָט שוין געלעזען יהואש'ס ליעדער?

ע ר: ניט...

א י ך: ווארום?

ע ר: פערשטעהט איהר מיך, איך האַלט געראַדע, אַז יהואש איז אַ גוטער פּאָעט, נאָר ער איז ניט קאַמפּליט...

א י ך: וואָס מיינט איהר מיט דעם?

ע ר: איך וועל אייך ערקלעהרען: איך קויף נאָר גאַנצע זאַכען, און אַזעלכע זיינען אין־דער אידישער ליטעראַטור ניטאָ, מיט דער אויסנאַהמע פון „מענדעלי“ — וועלכען איך האָב גע־קויפט... מיט די אַנדערע איז צרות... זיי זיינען קיינער ניט קאַמפּ־ליט... אפילו פּרץ איז ניט קאַמפּליט, כאָטש ער איז שוין געשטאָר־בען...

היינט וועל איך זיי קויפען — און אין אַ פּאָר יאָהר אַרום געהט אַרויס אַ נייע זאַמלונג, און וואָס טהו איך דאַן?... איך האָב ליעב קאַמפּליט: „אַלע ווערק פון דעם און פון דעם“...

ביי די גוים, זעהט איהר, איז אַ פערגעניגען: אַלעס איז ביי זיי קאַמפּליט: טשעכאָוו, טורגעניעוו, פּושקין, דאָסטאָיעווסקי און אפילו טאָלסטאָי...

מיט דעם לעצטען האָב איך שוין אפילו אביסעלע עגמת־נפש, יעדען טאָג לאָזען זיינע ירושים אַרויס אַ פּאָר נייע ביכלאַך זיינע — נאָר, דאַך דענק איך, אַז עס וועט באַלד איבערגעהן...

א י ך: הייסט עס, אַז דערווייל לעזט איהר גאָר ניט קיין אידיש?

ע ר: לעזען לעז איך יע אַמאָל... אָבער דער עיקר, עס איז ניט קאַמפּליט... קען איך עס ניט קויפען...

א י ך: וואָס זשע געהט איהר טהאָן?

ע ר: וואַרטען...

---

און ער ווארט...

און אייביג לעבט אפילו א אידישער שרייבער אויך ניט...

און מיר ווילט זיך אויסשרייען: אידישע שרייבער! לעבט ניט אזוי פיעל אויב איהר ווילט, מ'זאל אייך לעזען. — ווערט קאמפּליט...

# פון זיך צו זיך.

**(א געהיימע קאָרעספּאָנדענץ).**

ליעבער לעבעדיגער!

עס ווילט זיך מיר ווערען א קריטיקער.

אפט טראכטענדיג וועגען דער צוקונפט פון אידישען וואָרט, דוכט זיך מיר, אז זי ליגט אין קריטיק.

ביי אונז קריטיקירט מען גאָרניט די לעצטע צייט, נאָר מען בעזינגט.

מען שרייבט איצט ניט וועגען ביכער און שרייבער, נאָר מען גיסט מיט האָניג, מען פאַלט אריין אין התפּעלות, מען טרילערט ווי א נאַכטיגאַל: מיר האָבען שוין אַלעס! מיר זיינען רייך!

מען האָט געדאַרפט אויפבויען א שטרענגע, א פערניכטענדע קריטיק, א קריטיק, וואָס זאָל ווייזען די אָפיציעלע בעזינגער פון דעם אידישיזם אונזער'ן, אז מיר האָבען גאָרניט, כמעט ווי גאָרניט...

און איבערהויפּט פעהלט אזא קריטיק פאַר אונזערע יונגע און אביסעל עלטערע...

עס געהען ארום יונגע מענשען, רייבען זיך איינער דעם צווייטען די פּלייצעס אָב, עסען איינע די צווייטע אויף מיט קליינליכע קנאה — און שאַפען.

גאָט מיינער! וואָס שאַפען זיי?

זיי דענקען, אז זיי שאַפען געוואַלדיגעס, איבער־געוואַלדיגעס, אז יעדע שורה פון זייער סקיצע אָדער ליעד איז א ציגעל פאַר דעם גרויסען פּאַלאַץ, וואָס הייסט: „אידישע ליטעראַטור“.

אנדערע דענקען פערקעהרט.

אבער קיינער האט זיי נאך ניט אנגעוויזען, ווער זיי זיינען און וואס איז זייער פרייז.

מיר האבען יעצט א גרויסע מחנה יונגע דיכטער — אלע, דוכט זיך, זיינען זיי ווי איין מאמע וואלט זיי געהאט. אלע גוטע גראמען־מאכער, אויסגעצייכענטע טעכניקער — אבער דאך פעהלט אונז דאס אמת'ע, דאס שטארקע, דאס ערהויבענדע פאעזיע.

פארוואס איז דאס אזוי?

מיר דארפען האבען א נייע קריטיק, ניט קיין אויפבויענדע, נאר א צושטערענדע, ניט קיין בעזינגענדיגע, נאר א שטרענג־אב־שעצענדע.

מיר דארפען האבען א קריטיק, ניט קיין מגידיש־צוקייענדע, פאר שניידער אין מויל ארייגלעגענדע.

נאר א קריטיק פאר **זיי אליין**, פאר די דיכטער גופא.

א קריטיק, וואס זאל ניט לערנען דעם סענטיגען לעזער, ווי צו לעזען אונזער **אלטע פאעזיע**, נאר דעם דיכטער, ווי צו שאפען אונזער **נייע פאעזיע**.

פאר שניידער דארף מען איבערהויפט קיין פאעזיע ניט שאפען.

די שניידער האבען זייער אייגענע פאעזיע: פון שאפ, פון פי־קעטען און סטרייקען.

**פאעזיע — איז א לוקסוס.**

**פאעזיע — דארף זיין א לוקסוס. ווען ניט, איז דאס קיין פא־עזיע ניט.**

**פאעזיע — דארף דערלאנגט ווערען, ווי שאמפאניער, פאר דעם טיש פון די רייכע.**

**פאעזיע — דארף געשאפען ווערען פאר פוילע, שעהנע, גע־צערטעלטע דאמען און געצערטעלטע הערען, פאר פריצישע מיידלאך.**

און אזוי ווי די אלע קלאסען לעזער זיינען נאך ביי אונז כמעט א זאך פון דער צוקונפט, דארום דארפען מיר שאפען א פאעזיע פאר דער צוקונפט.

און דארום קענען מיר זיך ערלויבען צו זיין שטרענג צו זיך אליין.

און פּאַלגליך: אַ קריטיק אַ בייזע, אַ שטרענגע פאַר די דיכטער זעלבסט.

וואָס דענקסטו, מיין ליעבער לעבעדיגער, זאָל איך פּרובירען ווערען אזא קריטיקער?

איך האָב שוין אפילו אַ שלאָג־וואָרט פאַר מיין סעריע קריטיקען:

דאָס וואָרט איז: „נידער מיט'ן רעאַליזם!

לויט מיין מיינונג פון אַ צוקינפטיגען קריטיקער: טויג דער רעאַליזם פאַר אונז בשום אופן ניט!

קורץ גערעדט: דער געשריי רעאַליזם איז שולדיג אין אונזער אָרימקייט.

מיר זיינען אַן אָרים פאָלק, און דער, וואָס וויל ביי אונז עפּעס שאַפען, דאַרף האָבען אַ רייכע פאַנטאַזיע, מוז קענען שעהן אויסטראַכטען.

אונזער לעבען איז אַ פערצאַמטער פון אַלע זייטען, אָהן גרויסע מעגליכקייטען, אויפשטרומונגען און וואַריאַציאָנען.

און דארום איז אונזער רעאַליזם אזוי נודנע, אזוי ניט וויכטיג.

ביי זיי איז דאָס לעבען ברייט און פיעל־פאַרביג, און זיי קענען זיך פערגינען צו זיין רעאַליסטען.

מיר דאַרפען זיין טרוימער, אויסטראַכטער, ראָמאַנטיקער, וואָס איהר ווילט — אבער ניט קיין רעאַליסטען!

יונגע דיכטער, טראַכט אויס!

דאָס האָט געדאַרפט זיין אונזער מאָטאָ פאַר דער צוקונפט.

יונגע דיכטער, געהט אוועק פון זיך און פון אייער וואָכעדיגקייט!

דאָס וואָלט אונזער ליטעראַטור געראַטעוועט פון איהר אייגטאָניגקייט.

ראָמאַנטיזם און ראָמאַנטיקער — דאָס איז, וואָס מיר דאַרפען איצט האָבען. מענשען מיט רייכע פאַנטאַזיעס, ווייטלויפענדע און

ווייט־זעהענדע אויגען, מענשען מיט נייע טהעמאס, מענשען, וואס קענען פערשעהנערען זייער ווירקליכקייט — דאס איז אונז נויטיג.

פאנטאזיע און רייכע טהעמאס — דאס פעהלט אונזער יונגער פאעזיע.

ס׳איז געפאלען א ווארט אין דער אידישער גאס: רעאליזם!

און אלע, פון קליין ביז גרויס, זיינען געווארען רעאליסטען, אפילו אונזערע נייע פאעטען.

רעזולטאט: אונזער פאעזיע איז פערוואנדעלט געווארען אין א קיך מיט טעפלעך, אונזער מוזע — אין א פעטער אידענע, אין שטעק־שיך.

איין פאעט זינגט פון נפתלי׳ן, ווי ער הענגט אויף א רימען אין „על“, א צווייטער — ווי ער דרעהט זיך אום מיט איינגעריכטע הענד א גאנצען ליעבען טאג, א דריטער — „ווי ס׳איז קאלט ביי איהם אין צימער“ א. אז. וו.

איך האלט ניט פון ארימקייט, אלס א טהעמא פאר אמת׳ע פאעזיע.

ארימקייט איז ארימקייט, און ניט מעהר!

ארימקייט — איז א טהעמא פאר פילאנטראפען, אבער ניט פאר פאעטען.

ארימעס לעבען — איז וואכעדיגעס לעבען, און דאס איז ניט וויכטיג. און פון ניט וויכטיגע זאכען קען מען ניט זינגען עפעס וויכטיגעס.

אידישע שרייבער, וואס מעהר אויסטראכטען!

דער רעאליזם — דאס איז אויך די סבה פון אונזער אייביגען לירידם און שטענדיגען „איך־איזם“.

דער רעאליזם — דאס איז אויך דער גורם, וואס כמעט אלע אונזערע יונגע דיכטער זיינען עהנליך איינער צום צווייטען, ווי צוויי אידען פון איין פעראיין.

עס איז קיין וואונדער ניט: זיי לעבען אלע אין איין סביבה, זיינען שכנים מיט די דירות און מיט די קאפע־טישלעך; ווייסען איינער דעם צווייטענ׳ס „ס׳פעהלט אויף דירה־געלד“.

אפשר, ווען זיי וואָלטען אוועק פון רעאַליזם, פון זייערע טאָג־טעגליכע אינטערעסען און גענומט' זיך אויסטראַכטען און חלום'ען, וואָלטען זיי יעדער זיך דערי[illegible]ט און דער'חלומ'ט צו אַן אַנדער זאַך.

די וועלט פון חלומות איז דאָך אַזוי רייך.
וואָס זאָגסטו אויף דעם, מיין ליעבער לעבעדיגער ?

# ווער איז דער לעזער?

ווען איך זעה א י ה ם ניט, מאהל איך א י ה ם:

ע ר איז געוויס א ליעבענסווירדיגער, גוטער, קלוגער און אינטעליגענטער מענש.

קיין אנדערער ווערט מ י ך ניט לעזען און פערשטעהן...

דערזעה איך א י ה ם אבער, קוקט ע ר אויס אזוי נא־ריש, איז שטענדיג מיעד און פערשלאפען, רעדט פון „שאפ" און „פיידע", טראגט ביליגע, אויפ'ן פושקארט געקויפטע, קראוואטלאך.

א סמן פון שלעכטען געשמאק...

און איך וויל ע ר זאל מיך ניט לעזען...

* * *

ווען איך קען איהם ניט — ליעב איך איהם.

איך בין זיכער, אז ער פערשטעהט מ י ך, פיהלט מ י ך און ליעבט מ י ך.

צורעד איך זיך אבער מיט א י ה ם, רעדט ע ר ווי א קריטיקער... זאגט מבינות, ווי א שניידער אויף א פרעמד שטיקעל ארבייט.

און דער עיקר רעדט ע ר א סך, ווי אן אמת'ער רעדנער... און איך האב שרעקליך ניט ליעב מענשען, וואס רעדען א סך און דער ע י ק ר, א י ך האב נאך שרעקליכער ניט ליעב מענשען, וואס רעדען ווי קריטיקער.

* * *

ווען איך זיץ ביי מיין שרייב־טיש ביים טינט און פעדער — בענק איך נאך א י ה ם.

ע ר איז דער געהיימער ציטער פון מיין הארצען. ער איז דער

צווייטער נאָך מיין געליעבטער, אהן וועמען איך קען ניט אויסקומען א טאָג...

איך מוז האָבען אן אויער, וואָס זאָל מ י ך הערען; א האַרץ, וואָס זאָל מ י ך פערשטעהן, און א ריינעם געלעכטער, וואָס זאָל לאַכען פון מיינע וויצען...

אָבער טרעט איך אָב פון שרייב־טיש און בעגעגען א י ה ם — איז ער מיר אזוי פרעמד, אזוי ווילד פרעמד, ווי יעדער פאַרביי־געהער פון גאַס... איך וויל בלויז שרייבען פיר זיך א ל י י ן און פאַר די מייז פון די ביבליאָטעקען...

* * *

אָבער אין אַלגעמיין, כאָטש איך זעה א י ה ם אָפט און רעד מיט א י ה ם אָפט — ווייס איך דאָך ניט ווער ע ר איז, און וואָס ע ר וויל.

וויל ער א י ך זאָל איהם אמוזירען אָדער לערנען?

זעהט ער אין מיר אן אַקראָבאַט אָדער א פּראָפעסאָר?

וויל ער וויצען אָדער הומאָר?

וויל ער מיין האַרץ, אָדער מיין צונג?

וויל ער סיטואַציע אָדער די היטעל אויף א זייט?...

ווער איז ער?

אייניגע זאָגען, אז ע ר וויל בלויז וויצען, פּוסטע זאַכען און לייכטע שטאָף.

אז ע ר האַסט ערנסטע זאַכען, אז אין דער היגזיכט, איז ע ר — א פּרוי.

אפשר... איך הער און גלויב זיי.

אַנדערע ווידער זאָגען, אז ע ר האָט נאָר ליעב ערנסטע זאַכען.

אז ער וויל בלויז ערנסטע ליטעראַטור און קונסט שווער ווי מאָנומענטען. וויסענשאַפט איז ווי אַנגעמאָסטען פאַר איהם.

אפשר... איך הער און גלויב ז י י אויך...

ביידע האָבען א י הם ניט געזעהן, אָדער ביידע האָבען גע־זעהן דאָס, וואָס זיי האָט זיך געוואָלט...

* * *

ווער איז ער?

ע ר איז דאָס געהיימניספאָלסטע בעשעפעניש פון אַלע וועלטען.

ע ר איז די „פּערסאָנאַ גראַטאַ" פון דעם שרייבער.

ע ר איז דער „בייזער גייסט" פון דעם אַרויסגעבער.

ע ר איז די „תפלה" פון דעם אָנפאַנגער.

ע ר איז די „קללה" פון דעם, וואָס שרייבט לאַנג.

ע ר איז דער „פּערפּעטיום מאָבילע" פון דעם שרייבערישען געדאַנק...

ע ר איז דער „פילאָסאָפישער שטיין" וואָס די אַלכימיקער זוכען, אומזיסט...

ע ר איז דער גאַנצער „אוניווערזיום", דער אָנפאַנג און די ענדע פאַר דעם קינסטלער.

ע ר איז דער אַפּלאָדיסמענטען־געבער און קויפער.

ע ר איז ד ע ר, וואָס שטעהט אַמנאָהענטסטען צו אייערע ליידען און פריידען...

און ד אָ ך איז ע ר דער פרעמדסטער, דער אומבאַקאַנטסטער פאַר א י י ך אַליין...

ע ר איז אַ רעטעניש...

* * *

און ווילט א י ה ר זיך אָפּטרייסלען פון א י ה ם, איז נאָך ערגער.

א י ה ר האָט איהם פיינט, און קענט דאָך אָהן איהם ניט אויסקומען.

אייניגע מוזען איהם זעהן אַלע טאָג, אייניגע אַלע וואָך, אייניגע אַלע חדש.

אָבער ז ע ה ן מוזען ז י י איהם.

שרייבען פאַר ז י ך קענען בלויז זשעניען און ווינסטע קאַליקעס...

דער נאַקעטער אמת:

מיט'ן לעזער זיינען מיר עפּעס מיט וואָס מען קען זיך רעכענען... אָהן איהם — אַ נול (0).

א שטימע מוז האָבן אַ שטח וואו זיך אויסצושפּרייטן...
אַ זאָמען מוז האָבן אַ באָדען וואו זיך איינצוואָרימען...
און אַ שרייבער'ס־וואָרט מוז האָבן אַ האַרץ, וועלכע זאָל איהם אויפנעהמען...

די שטימע אָהן אַ שטח — ווערט פערשטיקט; דער זאָמען אָהן אַ באָדען — פוילט און דאָס וואָרט אָהן אַ האַרץ איהם אויפצונעהמען — פערקלינגט אומזיסט.

* * *

אייניגע מיינען, אַז ז י י האָבן א י ה ם, אַז זיי קענען א י ה ם.

און זיי רעדען ברייט און הויך אין ז י י ן נאָמען, אַזוי ווי אין נאָמען פון פאָלק.

אָבער עס קומט די צייט און זאָגט: א י ה ר ווייסט א י ה ם ניט, איהר קענט א י ה ם ניט, א י ה ר האָט אומזיסט גערעדט אין ז י י ן נאָמען...

* * *

ווער איז ער?

איך בענק נאָך דעם איין־און־איינציגען לעזער, וואָס זאָל מ י ך פערשטעהן.

פאַר אַנדערע אַרט מיך ניט...

איך בענק נאָך דעם איין־און־איינציגען לעזער, וואָס זאָל וויסען, אַז איך קען ניט אַלע מאָל גוט שרייבען — און דאָך מ י ך ליעבען...

איך וויל, ע ר זאָל זיין אַ ו ו י י ב צו מיין גייסט, און ניט קיין געקויפטע מעטרעסע.

איך וויל, ער זאָל ז י י ן מיט מיר אפילו אין דער צייט, ווען איך קען גאָר ניט געבוירען, אָדער געבוירען בלויז מיס־געבורטען...

* * *

ווער איז ער?

אפשר נאַרען מיר זיך אין גאַנצען, אפשר איז ער ניט מעהר ווי

64

אַ וואָדעוויל־בעזוכער: היינט טרעט א י ד פאַר א י ה ם אויף און מאָרגען — אַ צווייטער.

א י ה ם איז אַלץ איינס, ווער ס׳שפּיעלט פאַר א י ה ם...

ער האָט ב ע צ אָ ה ל ט און וויל קריגען דאָס, וואָס איהם קומט פאַר זיין געלט!

איז דאָס אַזוי?

לעזער, ווער איז דער לעזער?

# אינהאלט:

## 1. ער, אמעריקע.


זייט

אויפ'ן פארם — 5
מיין לאנדסמאן אויפ'ן לוידיגען פעלד — 10
ערב פסח'דיגע לאנדסלייט — 14
וואס טהוט ניט א איד צוליעב א ווייב — 19
שוין איינמאל אן אתרוג — 23
מען שלאגט זיך פאר איהם — 27
די ווייסע כפרה — 32
קאנקורענץ — 36
די ווייבערשע געווינסען — 40
אמעריקאנער קינדער — 45
עס קלינגט — 50
א מעשה מיט א „פענסי" רעסטאראנט — 53
א טאג פון עסען — 58
אט דאס הייסט געשטארבען — 62


## 2. זינדיגע מענשען.


מילא — 69
די געדולד פון א פרוי — 72
שלמה גארגעל — 75
אן עברה די הויזען — 78
דער כח פון א פאטש — 80
געז — 83
דער ווילדער מענש — 86
אויף צו להכעיס — 89
דער „מאן" און דאס „ווייב" — 92

## 3. ארום דער אייביגקייט.


זייט

גוואלד, ווי ווערט מען אַ שווערער שרייבער — — — 97
דער אינטעליגענטער זעלבסטמערדער — — — — — 100
די מתנה — — — — — — — — — — — 103
ווער וויל קויפען „צעטעלאך“? — — — — — — 108
מיין פערעהרער — — — — — — — — — — 114
לעזער און שרייבער — — — — — — — — — 120
אַ וואו נעהמט מען אַ שטאַנדפונקט? — — — — 124
זיין גרויסע לויה — — — — — — — — — 128
דער ריכטיגער סעקרעטער — — — — — — — 132
אַ, רוהיגעס, רוהיגעס לעבען — — — — — — — 138


## 4. פון מיין קליין פענסטעריל.


„אין עק פון דער וועלט“ — — — — — — — — — 143
דער גרויסער מת — — — — — — — — — — 147
דער כח פון שכחה — — — — — — — — — — 150
פריהלינג־פלאַפּלעריין — — — — — — — — — 154
אַלט און ניי — — — — — — — — — — — 159
דאָס געוויכט פון אַ נשמה — — — — — — — — 164
אַביסעל פילאָזאָפיע — — — — — — — — — 167
טרוימען און ווירקליכקייט — — — — — — — — 171
פאָלגען אָדער ניט פאָלגען — — — — — — — — 175
ס'לעבע די פוילקייט — — — — — — — — — 178
דארפען קליינע פעלקערלאך אונטערגעהן? — — — — 182
צו וואָס און פאר וואָס? — — — — — — — — 185
מענדעל ביילים'יאדא — — — — — — — — — 188
ליעבע פון הינט — — — — — — — — — — 190
אַ גליק פאר פרויען — — — — — — — — — 194
פרנסות פון דער צוקונפט — — — — — — — — 198
אויף מיין אינזעל — — — — — — — — — — 202


## 5. אין קריעג מיט אידישקייט.


מכות — — — — — — — — — — — — 207
דער אייביגער „ויצעקו“ — — — — — — — — — 214
אַ פאָלק וואָס שאָקעלט זיך — — — — — — — — 218

זייט

אַ לויב־געזאַנג צו דער סוכה — — — — — — — — — — 222
דאָס דריידעל — — — — — — — — — — — — — 226
על הנסים — — — — — — — — — — — — — — 228
המן און מרדכי — — — — — — — — — — — — 232

## 6. אויפ'ן וועג צו קריטיק.

וואָס עס פעהלט אונזערע קריטיקער — — — — — — 239
אונזער קללה — — — — — — — — — — — — — 244
אידישע קונסט — — — — — — — — — — — — 249
עראיבערונגען — — — — — — — — — — — — 251
אונזערע לעזער — — — — — — — — — — — — 255
פון זיך צו זיך — — — — — — — — — — — — 259
ווער איז דער לעזער? — — — — — — — — 264